STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01524

EYROPE UN ERTS ISROEL NOKH DER VELT KRIEG

H. Volofski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איירָאפּע און ארץ ישראל נאָך דער וועלט־קריעג

(פון קענעדע ביז ארץ ישראל איבער
מזרח און מערב איירָאפּע און צוריק.)

רייזע - באַשרייבונג

פון

ה. וואָלאָפּסקי.

מאָנטרעאַל, קענעדע.
„קענעדער אדלער״ - אויסגאַבע.
1922

אינהאַלטס - פאַרצייכניס

פאָרוואָרט פון׳ם פּראָפעסאָר — 7
אויף׳ן שיף — 15
מיין רייזע קיין ענגלאַנד — 39
פון לאָנדאָן קיין פּאַריז — 46
פּאַריז — 49
מיין רייזע קיין דייטשלאַנד — 53
מיין רייזע קיין פּוילען — 63
די אידישע לאַגע אין פּוילען — 81
דאָס רעליגיעזע לעבען אין פּוילען — 89
די אידען אין רוסלאַנד — 101
דער 12־טער ציוניסטישער קאָנגרעס — 113
דער קאָנגרעס — 119
די קאָנווענשאָן ביי די מזרחים — 124
קאָנגרעס און רייזע־איינדריקע — 129
מיין רייזע קיין ארץ ישראל — 133
צווישען עגיפּטען און ארץ ישראל — 138
פון קאַנטאַרא ביז ירושלים — 141
ירושלים היינט און איהר היסטאָריע — 145
דער וועטער אין ארץ ישראל — 149
די הייליגע פּלעצער אין ירושלים — 153
דער הר הבית — 157
חורבת ר׳ יהודה החסיד — 159
דער נציב העליון ראש השנה אין שוהל — 161
יד אבשלום — 164
מערת כלבא שבוע — 166
פון ירושלים קיין בית לחם און חברון — 167
קבר רחל — 168
חברון און די מערת המכפלה — 170
די בריכות שלמה — 176
די נייע שטאָדט — 177
די אינסטיטוציאָנען אין׳ם נייעם ירושלים — 180
דר. וואַלאַך׳ס האָספּיטאַל — 181
די קאָלאָניע מוצא — 185
די אחוזה דולב — 187
יפו — 194
תל אביב — 196
מקוה ישראל — 201
ראשון לציון — 203
פּתח תקוה — 203
שכם און זכרון יעקב — 209
שכם — 211
זכרון יעקב — 212
זכרון יעקב און פאַמיליע אראַנזאָהן — 214
דאָס שטעדטעל זכרון יעקב — 220
חיפה און דער הר הכרמל — 224

חיפה 226
הר הכרמל 227
טבריה און אומגעגענד 229
קבר ר׳ מאיר בעל הנס 233
חמי טבריה 234
פון חיפה צוריק נאך תל אביב 236
יום כפור אין ירושלים 238
פון ירושלים ביז קוויבעק 240
די אידעאלע און פראקטישע זייט פון ארץ ישראל 245
די פראקטישע זייט פון ארץ ישראל 251
דער הויי־קאמישיאנער פון א״י און די אראבער 254
וואס דארף זיין אונזער ערשטער שריט 263
פלאן פאר א באנק 264
א קליינע אונטערנעהמונג שוין געמאכט 265
די ארץ ישראל קינדער 267
אברהמ׳על, יצחק׳ל און יאנקעלע 261
אינפארמאציע פאר טוריסטען 274

ליסט פון אילוסטראציעס

1) בילד פון פארפאסער.
2) די היימלאזע קינדער אין דער ליטא.
3) עס־צימער פאר דעם בית־יתומים אין קאוונע.
4) היים פאר דורכוואנדערענדע אין ווארשא.
5) קיך פאר היימלאזע אין ווארשא.
6) **דער 12־טער ציוניסטישער קאנגרעס אין קארלסבאד.**
7) ירושלים.
8) דער כותל מערבי.
9) דאס פלאץ פון׳ם בית המקדש.
10) ביים שער יפו אין ירושלים (מיט דעם פארפאסערס בילד.)
11) חורבת ר׳ יהודה החסיד.
12) הר הזיתים.
13) ציון און די קברים פון מלכי בית דוד.
14) רחל׳ס קבר.
15) דער יקב אין מקוה ישראל.
16) דער יקב אין ראשון לציון.
17) פעקינג־הויז פון אמעריקאנער פרוכט גראוערס אין פתח תקוה.
18) גינזבורג׳ס האטעל „ירקון״ אין פתח תקוה.
19) חמי טבריה.



פֿאָרוואָרט פֿון פּערפֿאַסער.

פאָרוואָרט.

ווען איך פרעג מיך אליין צוליעב וואס און צוליעב וועמען איך זאל ארויסגעבען מיין רייזע־באשרייבונג אין בוך־פארם, שווימט פאר מיר ארויף א צווייטע פראגע, צוליעב וואס און צוליעב וועמען האב איך די רייזע לכתחילה געמאכט, און איבערהויפט באלד נאך דער וועלט־קריעג, ווען די רייזע פון א פריוואטען מאן און דערצו נאך א איד, איז אין געוויסע געגענדען פון מזרח־אייראפע געווען ממש פארבונדען מיט סכנת נפשות.

איך מוז מיר דאן אליין ענטפערען, אז מיך האט געצווינגען קיין אייראפע און ארץ ישראל, דער חשק אליין צו שטודירען די אידישע לאגע אין ביידע פלעצער; אלס צייטונגס־ארויסגעבער האב איך ניט געקענט פארזעהען דעם פאקט, ווי אלע אינפארמאציעס און באריכטען וועגען דער אידישער לאגע אין מזרח־אייראפע און ארץ־ישראל, זענען שטארק איבערטריבען און פארפלאנטערט, אפט זאגאר אין שארפען קאנטראסט צווישען זיך, און דער איינציגער מיטעל צו אויסגעפינען דעם אמת'ן אמת, אום צו קענען אריענטירען זיך אין דעם בארג באטישער אינפארמאציע, איז געווען צו פאהרען אהין פער־

זענליך און צו שטודירען אלעם אויף'ן פלאץ אהן דער הילף פון באצאהלטע קארעספאנדענטען און פארקויפטע נייעס־אגענטורען.

אמשטארקסטען האט מיך. אינטערעסירט דער אמת וועגען ארץ ישראל; דער דארטיגער צושטאנד ווי ער איז; די אויס־זיכטען פאר דער נאהענטער צוקונפט; וואס ארץ ישראל קען ערווארטען פון דעם אייראפעאישען אידענטהום און וואס די אמעריקאנער און קענעדער אידען קענען און זאלען ביישטייערען פאר דער אויפבויאונג פון דער אידישער היימלאנד אין דער אלט־נייער אידישער מדינה.

און וואס איך האב אויף מיין שטודיום־רייזע געזעהען און געהערט, איז אין פיעלע הינזיכטען געווען גאנץ אנדערש ווי אלעס וואס איך האב געהערט און געלעזען וועגען דעם; שרייבענדיג מיינע רייזע־בריעף פאר מיינע אייגענע צוויי צייטונגען, „קענעדער אדלער" און „דזשואיש קראניקעל", האב איך עס ניט געדארפט פארפוצען מיט סענזאציעס און אויס־געטראכטע פוסטע מעשיות, כדי צו „מאכען א היט", (בלשון הקארעספאנדענטען) נאר איך האב עס פאטאגראפירט אזוי טריי און איינפאך ווי איך האב עס געזעהען און איך בין איי־בערצייגט, אז מיר איז געלונגען צו געבען א ריכטיגע, אבסאלוט־טרייע בילד פון אייראפע און ארץ ישראל נאך דער וועלט־קריעג; א בילד, וועלכע איז אגב עטוואס מעהר ווי א זאך פאר צופריי־דענשטעלען אימעצענס קוריאזיטעט, ווייל זי צייגט אויך אן וואס די אמעריקאנער און קענעדער אידען דארפען און זאלען טהון פאר די אידישע נאציאנאלע אינטערעסען אין אייראפע און פאלעסטינע.

די דאזיגע צוויי צוועקען, ערשטענס צו איבערלאזען פאר די צוקונפטיגע דורות א טרייע בילד פון אייראפע און ארץ ישראל נאך דער וועלט־קריעג, און צווייטענס צו העלפען אויפ־וועקען דעם געגענווערטיגען דור צו דער באלדיגער נויטיגער טהעטיגקייט אין אונזער היימלאנד, שיינען מיר צו זיין גענוג

ווײכטיג, אז איך זאָל מײנע באַאָבאַכטונגען ארױסגעבען אין בוך־פאָרם און וואָס איך טהו איצט ווירקליך לויט דעם ראטה און ערמוטיגונג פון פיעלע פריינד און נאַציאָנאַלע טהוער, וועלכע האָבען מײנע רײזע־אײנדריקע געלעזען אין די צײטונגס־פאָרטזעצונגען.

און בכדי אז דאָס פאָרליגענדע ווערק זאָל ניט ארױס־קומען צופיעל טרוקען און דורכאויס תכלית־מעסיג, האָב איך דאָ איבערגעגעבען אויך אײניגע זײטיגע באַגעבענהײטען פון מײן רײזע, וועלכע האָבען ניט דירעקט קײן שײכות צו דער וועלט־לאַגע אָדער צו דער אַלגעמײנער אידישער לאַגע, וועלכע זענען אָבער יעדענפאלס אינטערעסאנט און פאָרדינען פאָר־צײכענט צו ווערען.

עס פארשטעהט זיך, אז איך קען דאָ אויך ניט אויסלאָזען צו געבען אן איבערבליק איבער דעם 12־טען ציוניסטישען קאָנגרעס פון קארלסבאַד, וועלכען איך האָב בײגעוואָהנט אויף מײן רײזע אַלס דעלעגירטער פון דער קענעדער ציוניסטישער פעדעראציע און אויף וועלכען איך האָב, אַלס אײנער פון דער פאָליטישער קאָמיסיע, פיעלעס אויסגעפונען וואָס האָט מיר שפּעטער געהאָלפען צו פאַרשטעהן בעסער די פאָליטישע לאגע אין ארץ ישראל.

די לעזער וועלען מיר ענטשולדיגען וואָס איך וועל אין מײנע באַשרײבונגען איבער אַלע פלעצער אין ארץ ישראל, הויפּטזעכליך פון ירושלים, געבען זײער היסטאָרישען ווערטה און באַדײטונג; איך וועל דאָבײ ניט נעהמען אין אָמבאַטראַכט דעם פאַקט, וואָס די מעהרסטע לעזער זענען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די הײליגע פלעצער דורך׳ן תנ״ך, תלמוד און עהנליכע קוועלען; איך מוז ערשטענס האָבען אין זינען אויך די יעניגע לעזער וועלכע זענען וועניג בקי אין דער געשיכטע פון די דערמאָהנטע פלעצער, און צווײטענס וועט עס אויך זײן אינטערעסאַנט פאַר די לעזער וואָס זענען יאָ באַקאַנט דערמיט, ווײל איך גיב אויך די פאָסט־ביבלישע און פאָסט־תלמודישע

געשיכטע וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יעדען הייליגען פּלאַץ אין ארץ ישראל.

די היסטאָרישע פאַקטען האָב איך געזאַמעלט אין ארץ ישראל פון פאַרשידענע אויסגאַבען פון דער לעצטער צייט, (ארצנו, י. פּרס) און פון אַנדערע, אויך פון מסורות וואָס מיינע באַגלייטער האָבען מיר דערצעהלט מינדליך ביי יעדען פון די הייליגע פּלעצער און וואָס זיי האָבען געהערט פון אַנדערע ארץ ישראל'דיגע אַלטע פאַמיליעס.

איך האָב פאַרצייכענט פאַרשידענע לעגענדעס וואָס מ'האָט מיר דערצעהלט ביי מאַנכע פון די הייליגע פּלעצער וואָס איך האָב באַזוכט און פאַר וועלכע איך קען נאַטירליך ניט גאַראַנ־טירען אַז זיי זענען היסטאָריש באַגרינדעט; איך גלויב אָבער אַז אַלעס איז נויטיג פאַר די לעזער, אום צו באַקומען אַ פאָל־שטענדיגע בילד וועגען ארץ ישראל פון אַלע זייטען. און איך וויל מיך דעריבער באַנוצען מיט'ן גאַנצען מאַטעריאַל וואָס איך האָב מיר איינגעשאַפט אין ארץ ישראל; דאָס אַלעס .וועט געבען די לעזער אַ פאָלשטענדיגע בילד איבער אַ גרויסען טהייל פון דער גאָר אַלטער ארץ ישראל, איבער דער געגענוואַרט און איבער דער ערוואַרטעטער צוקונפט.

דער לעזער וועט זיך דערמיט קענען באַנוצען פאַר פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס וואָס אינטערעסירען איהם, וועגען לאַנד־ארבייט, אינדוסטרי און אַנדערע עקאָנאָמישע אונטער־נעהמונגען וואָס קענען און זאָלען געשאַפען ווערען, אום צו מאַכען דאָס הייליגע לאַנד, אַ לאַנד פאַר'ן אידישען פאָלק.

וואָס אַנבאַלאַנגט ארץ ישראל, וועל איך אָנפאַנגען, לויט מיין רייזע פון דער ארץ ישראל גרעניץ — קאַנטאַרא, ביז ירושלים און ווייטער.

אין ירושלים האָב איך געוויילט איינינע טעג, און ער־שטענס באַזוכט אַלע הייליגע פּלעצער. דאָן האָב איך באַזוכט דאָס נייע ירושלים וואָס געפינט זיך אויסער'ן חומה און איז

דאָך צוזאמענגעבונדענע מיט׳ן אַלטען ירושלים ווי איין גרויסע שטאָדט.

און ווען איך האָב שוין געהאַט באזוכט אַלעס וואָס איז אונז טייער און הייליג צוליעב דער פארגאנגענהייט, האָב איך גענומען באזוכען דאָס נייע ארץ ישראל אויף דער פראָווינץ, וועלכע איז אונז ליעב און טהייער צוליעב דער צוקונפט.

איך בין געפאָהרען מיט אַ געדונגענעם אויטאָמאָביל און אַ פיהרער וואָס איז באַקאַנט אין לאַנד, ארומגערייזט גאַנץ יהודה, שומרון, גליל התחתון, און אַ קליינעם טהייל פון גליל העליון, באזוכט אויף׳ן וועג יעדע קאָלאָניע, די אַלטע און די נייע, די פילאַנטראָפישע און נאַציאָנאַלע, וועלכע ווערען באַ־ארבייט פון אַ טהייל חלוצים, ווי אויך פריוואטע קאָלאָניעס, און לוים דעם סדר פון מיינע באזוכען, וועל איך איבערגעבען צו די לעזער וואָס איך האָב געזעהען און געהערט איבער יעדען פּלאַץ.

ביי די מעהרסטע קאָלאָניעס און סתם אינטערעסאַנטע פּלעצער, וועט דער לעזער אויך געפינען פאָטאָגראַפישע בילדער אַלס צוגאָב צו די ווערטערליך־געמאָהלטע בילדער פון די באַ־טרעפענדע פּלעצער און איך גלויב דאריבער, אַז ארום און ארום וועט דער לעזער באקומען איין גרויסע און כמעט פאָלשטענ־דיגע בילד ווענען דער אידישער לאַגע אין אייראָפּע און ארץ ישראל באַלד נאָך דער וועלט־קריעג און ער וועט גלייך קענען באַגרייפען וואָס ער קען און וואָס ער דארף טהון צו פארבעּ־סערען דעם איצטיגען צושטאַנד פאַר דעם כלל און ווי ער זאָל צופּאסען זיך זעלבסט צו די נייע מעגליכקייטען פון באַ־זעצען זיך אין ארץ ישראל, אַלס פּרט.

און אַבוואָהל מיין הויפּט־צוועק וואָס איך וויל ערדייכען דורך דיעזער רייזע־באשרייבונג, איז צו געבען אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס ווענען דער איצטיגער פּאָליטישער און עקאָנאָ־מישער לאַגע אין ארץ ישראל, האָב איך אָבער אָפּגעגעבען אַ גרויסע טהייל פון דיעזען בוך פאַר מיינע באָאָבאַכטונגען ווענען

דער אלגעמיינער וועלט־לאגע און וועגען דעם אידישען לעבען אין מזרח־אייראפע ובפרט אין פוילען, וואו עס געפינט זיך איצט, (אויסער אמעריקע) די באדייטענדסטע טהייל פון'ם אידענטהום; איך גיב אויך אן איבערבליק איבער דעם 12־טען ציוניסטישען קאנגרעס אין קארלסבאד מיט דער מזרחיסטישער וועלט־קאנפערענץ אין דער זעלבער שטאדט, ווייל דאס אלעס האט אן ענגע שייכות צו דער איצטיגער לאגע אין ארץ ישראל, ווי די לעזער וועלען דאס אליין איינזעהען, אויב זיי וועלען מיד נאכפאלגען פון אנפאנג ביז ענדע.

איך גלויב און האף, אז מיין מיה וועט ברענגען געוויסע נוצען פאר די אלגעמיינע אידישע אינטערעסען און אז מיין אומפארטייאישע און עהרליכע באשרייבונג וועגען ארץ ישראל איבערהויפט, וועט באאיינפלוסען א צאהל לעזער צו דענקען אנדערש וועגען אונזער נאציאנאלער היימלאנד ווי זיי האבען וועגען איהר געדענקט ביז איצט, און אפשר וועט עס אויך באווענען א געוויסע צאהל היגע אידען צו איבערפלאנצען זיך זעלבסט אין ארץ ישראל, און אויב זאגאר א קליינע טהייל פון מיין האפנונג זאל פארווירקליכט ווערען והיה זה שכרי.

ד ע ר   פ א ר פ א ס ע ר.

אויף׳ן שיף.

עמפרעס אף בריטען, זונטאג, 31־טען יולי, 1921.

ענדליך הויב איך אן גלויבען אין דער פארווירקליכונג פון מיין חלום וועגען ארץ ישראל.

נעכטען בין איך געווען פארנומען מיט מיינע ליעבע און פריינט וואס זענען מיך געקומען באגלייטען פון מאנטרעאל ביז'ן שיף. און ווען די ריזיגע געביידע וואס רופט זיך אן „עמפרעס אף בריטען'' האט זיך גער י הרט פון דעם קוויבעקער האפען, האבען מיינע אויגען זיך אנגעשטרענגט נאנץ לאנג צו דער זייט, וואו מיינע באגלייטער האבען זיך געפונען.

צוערשט זעהט מען זיך מיט זיי פנים אל פנים. דאן זעהט מען בלויז פיגורען, ביז מען זעהט בלויז דאס פלאטערען פון העטס, טיכלאך, ביז—דאס ווערט אויך פארשוואונדען. און די אויגען האלטען זיך נאך פאר א צייט אנגעשטרענגט צו דער זייט וואו איך האב ערשט פארלאזען מיינע ליעבסטע, און ווען א טרעהר קומט מיר אויף די אויגען, דערמאהן איך זיך וואוהין איך פאהר יעצט און איך באקום פרישע ענערגיע און לאז מיך געהן אין מיין קעבין אריין זיך אפצורוהען.

איך לעג זיך, און אנשטאט צו דענקען פון דעם קומענדען קאנגרעס, פון פלענער אין ארץ ישראל און פון דער רייזע איבער פוילען, שוועבען פאר מיינע אויגען די ערינערונגען פון דעם פלאץ וואס איך האב נאר וואס פארלאזט פאר א שטיקעל צייט. און דאס ערשטע איז, דער באנקעט וואס מיינע נאַ־הענטע פריינט האבען פאר מיר געמאכט פאר מיין אפפאהרען. איך זעה יעדע פערזאן וואס האט זיך דארטען געפונען ארום אלע דריי טישען. איך וויל זיך גארניט ערינערען די שבחים וואס אייניגע רעדנער האבען דארט געזאגט וועגען מיר, ווייל איך האב ניט געהאט קיין פארגעניגען זיי צו הערען און וויל עס בעסער פארגעסען; דערפאר איז אבער דער קיבעץ און הומאר וואס זענען דארט געציעלט געווארען געגען מיר, זעהר אן אנגענעהמע ערינערונג.

אפנים, איך האב ליעב דעם שניידענדען הומאר, אפילו ווען עס איז געציעלט געגען מיר, און וואלטען מיך מיינע פילע באקאנטע געקאנט אלס אזעלכען, וואלט איך פיליכט געקענט ערווערבען מעהר פריינד; כאטש ביים יעצטיגען אבשיעד קען איך זיך ניט באקלאגען דאס איך האב ווייניג פריינד, אפילו ניט צוליעב דער אורזאכע וואס אייגער האט זיך אויסגעדריקט, אז א צייטונגס־מאן מיט א פעסטען אייגענארטיגען כאראקטער קען ניט האבען אלעמען פאר פריינד; אדרבה, עס זענען געקו־מען מעהר ווי איך האב ערווארטעט און בפרט אז די קוואנ־טיטעט איז ביי מיר איבערהויפט פיעל ווייניגער ווערטה ווי די קוואליטעט און איך האב געהאט פוןביידע גענוג.

און אפילו ביים שיף, ווען איך האב זיך אומגעקוקט וויפיעל באגלייטער יעדער פאסאזשיר האט ביים האפען, האב איך גע־האט די גרעסטע מאיאריטעט און איך האב מיך ניט צו באקלא־גען אין דיעזער הינזיכט.

איך האב ליעב מיינע פריינד און נאך מעהר האב איך ליעב דעם הומאר און מעהר פון אלעם די הומאריסטישע קריטיק פון מיינע פריינד.

און איך דערמאהן מיך אז אפילו ביים ברעג פון האפען האט מיך דער מלאך הממונה על ההומאר ניט פארלאזען און ער האט מיר צוגעשיקט א באקאנטען אידעל פון מאנטרעאל, וועלכער האט מיך געמאכט צום שמייכלען און ער האט נאך אריבערגעשטיגען אין דעם מיין פריינד אלדערמאן רובינשטיין, וועלכער איז געווען אנוועזענד און ער איז דאך לכל הדעות א באקאנטער וויצלינג און פרעהליך־מאכער.

אלזא, איהר וועט דאך אודאי וועלען וויסען ווער עס איז דער אידעל, וועל איך אייך צוליעב טהון. זיין נאמען איז, ווי ער רופט זיך פאר מיר, רעווערענד פ. און אויב איהר קענט ניט אזא רעווערענד, האב איך איהם ביז יעצט אויך פאר אזעלכען ניט געקענט. נאר ער איז א איד, מיט בארד און פאות און שמעלט זיך פאר מיר פאר דאס ער איז א רעווערענד. און א סימן גיט ער מיר אז ער איז אן אמת'ער רעווערענד, וואס דר. פיני פון פארלאמענט, האט איהם אמאל געשריבען א דאנק־בריוועל נאך זיין עלעקשאן, פאר די פיעלע וואוטס וואס ער, דער רעווערענד, הייסט עס, האט איהם געגעבען, און דר. פיני האט דעם רעווערענד אדרעסירט: „מיי דיער ראבי". נו, דארפט איהר א בעסערען באווייז אז ער איז א רעווערענד?

—זענט איהר אויך א מסדר קדושין?—פרעג איך ביי איהם.

—געוויס!—ענטפערט ער מיר—איך האב א שוהל און ביכער פאר חופה וקדושין.

—אויף וועלכען פינגער הייסט איהר דעם חתן מקדש זיין די כלה?—פרעג איך איהם.

און ער ווערט אביסעל דערשראקען, אבער שנעל גיט ער מיר א ווייז א פינגער וואס צייגט דריי מיט אמאל, מיט א ממה־נפשך, אליין איז דאך עס איינער פון די דריי.

און איך גיב גלייך א פרעג:

—וואס טהוט איהר, ווען די כלה האט חלילה ניט דעם פינגער?

דער עולם צולאכט זיך. אבער אונזער רעווערענד, עס הייסט

דערווייל שוין א י י ע ר רעוורענד. ניט א ו נ ז ע ר ע ר, ניט מיר אן ענטפער שוין מיט'ן גאנצען קאפּ, ניט מיט בלויזע הענט:

—איהר מיינט אודאי אז איך ווייס ניט—זאגט ער—איך וועל נאכקוקען אין... אין... קב הישר, וועל איך שוין קיין טעות ניט מאכען.

און אז איך שמייכעל ווייטער, ציהט ער אפּ פון דער טעמא און הויבט מיר אן צו דערצעהלען און זינגען לויב־געזאנגען וועגען דער שיף לעבען וועלכער איך שטעה און געה שוין אויפ־שטייגען אויף איהר אין עטליכע מינוט ארום.

—דארט— נארט ער מיך—גיט מען אייך פרוכטען גלייך פון די בוימער, איך בין שוין געפאהרען אויף דער שיף, זעצט ער פאר, און האב זיך אליין אפּגעריסען טרויבען גאנצע גאר־שיקעס (פולע הענט) און מען פיהרט אייך אונטער די אָרעמס צו יעדען מאלצייט.

—האט מען אייך אויך געפיהרט?—פרעג איך איהם.

—יאך האב ניט געוואלט—זאגט ער—ווייל יונגע מיידלאך פיהרען.

אט אין דיעזער מינוט האב איך זיך געטראכט, אז איך טהו ווי א חכם איבערלאזענדיג פאר א ווייל עדעם פארפלוכטען גלות־לעבען, וואו אזעלכע רעוורענדס עקזיסטירען, ווייל אויב איהר קענט ניט דיעזען רעוורענדעל, וואס איז בלויז א שפּאס ביי מיר, געפינען זיך אבער אזעלכע רעוורענדלאך וואס זענען ניט פיעל מעהר געלערענט ווי דיעזער. אבער זיי זענען שוין גאר קיין שפּאס ניט.

און וועהרענד איהר ערווארטעט דארט פון מיר עפּעס וויכטיגעס צו לעזען, ווען איהר מסתמא ענטוישט ווערען מיט אזא נארישער מעשה פון א מאנטרעאלער רעוורענד, מוז איך דעריבער מאכען אן ענטשולדיגונג און זאגען אז דאס איז ניט מיין שולד; וואס זאל איך טהון אז נאכדעם ווי איך האב מיך אביסעל אפּגערוהט און נאכגעטראכט פון מיין אבשיעדס־

אוועקגעשטעלט אין פינקטלעכקייט. אָנגעהויבן האָב איך זיך אין דער פּריה. מ׳האָט דאָס שיף איז דיזער אינצידענט געשען אין דער ערשטער, וואָס האָט זיך ביי מיר במעט ווי געבעטען: „שרייב מיך אויף".

און ביז יעצט, זונטאג עלף אזייגער אין דער פריה, האָב איך נאָך גאַנץ ווייניג צו פאַרצייכנען, בלויז מיין נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע ביים ערשטען אָוונט־עסען און דאַטס־אַל.

זייענדיג מיעד פון געזעגענען זיך, בין איך אַנטשלאָפען געוואָרען און זיך אויפגעכאַפּט אַכט אזייגער אין אָוונט, ווערענד „סאַפּער" איז געווען אַנאָנסירט פאר זיבען.

—אריינקומענדיג אויף מיין פּלאַץ, האָט מען אויסער דורך מיין נאָז און נאָמען, אויך געקענט דערקענען מיין נאַציאָנאַליטעט אין מיין „פּינקטליכקייט".

ביי וועלכען פאָלק, אז נים ביי אידען, ווערט אַנאָנסירט אַ מימינג, אַ פאַרוויילונג, אפילו אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג און די פּינקטליכקייט פון דער צייט זאָל שפּיעלען אַ ראָלע? ביי אונז אַז מען זאָגט אַכט—וויס מען זיכער אַז צעהן אזייגער וועט זיין אַביסעל צו פריה, און אַז מ׳זאָגט „סאַפּער" פּינקטליך 7 אזייגער, ווייסט מען פאַר געוויס אַז אַרום אַכט וועט נאָך דער טיש נים זיין געגרייט. אַבער דאָ אויף׳ן שיף, וואו איך בין דער איינציגער איד אין דער צווייטער קלאַס, זענען זיך די גוים געקומען פּינקטליך 7 אזייגער, און איך האָב שוין דעמאָנסטרירט מיין נאַציאָנאַליטעט מיט מיין ניט־פּינקטליכקייט, צו קומען מיט אַ שעה שפּעטער.

מ׳האָט מיר דאָס ערשטע מאָל מוחל געווען די עבירה און פאַרזאָגט אויף ווייטער צו זיין פּינקטליכער און באַלד מיר דערלאַנגט די שפּייז־קאַרטע.

איך שעהם זיך גאַרנים צו מודה זיין, אַז מיר זענען די מאכלים נים געווען באַקאַנט, און איך האָב זיך מישב געווען עפּענטליך צו דעמאָנסטרירען מיין אידישקייט, נים נאָר מיט שפּעט־קומען, נאָר אויך מיט דער דאַיעטע: „איך וויל בלויז לויזע אייער מיט ברוים, פּוטער און קאַווע.

—ביסט עפּעס ניט געזונט?—פרעגט מיך דער הויפּט־ווייטער.

—ניין,—ענטפער איך איהם,—איך בין געזונט, נאָר אַלס איד עס איך ניט די אַלע מאכלים.

און דאָ האָט יעדער איינער פון מיין טיש געכאַפּט אַ קוק אויף מיר. און ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען? עפּעס דאַכט מיר אַז זיי האָבען אָנגעהויבען קוקען אויף מיר מיט מעהר רעספּעקט, ווייל נאָר'ן עסען האָט מיר יעדער איינער דערלאַנגט אַ קאַרט און איך האָב זיי געגעבען מיין קאַרט, און דעם גאַנצען אָוועגט האָבען זיך אַלע ארום מיר געדרעהט, מעהר ווי ארום די פיעלע גלחים, וואָס זענען צופעליג אויך אין דעם זעלבען קלאַס מיט מיר געפאָהרען. איבערהויפּט, ווען איך האָב זיי געזאָגט אַז איך פאָהר זעהען פּאַלעסטינאָ.

און טאָקי נעכטען אָוועגט האָבען מיר שוין געהאַט קליינע דיסקוסיאָנען, איבער די רעכטע פון'ם אידישען פאָלק אויף פּאַלעסטינע.

דערהוויל זענען די מיטרייזענדע ניט געגוג וויכטיג צו באַשרייבען זיי פאַר אייך, פיליכט וועלען זיי מעהר אינטערעסאַנט ווערען אין פאַרלויף פון דער רייזע.

היינט פריה האָט מען מיר דערלאַנגט די ערשטע מאַרקאָניגראַם פון אונזער פריינד ס. וו. יעצט ביים ענדיגען מיין בריעף רופט מען מיין נאָמען ווידער אין טעלעגראַף־אָפּיס, וועל איך דעריבער דאָס אָנרופען די ענדע פון מיין ערשטען בריעף.

עמפרעס אף בריטעז, מאנטאג, 1־טען אויגוסט, 1921.

נעכטען האט מיך געוואונדערט, פארוואס מען געברויכט דא גארניט קיין אייז. דאס וואסער, לייכטע געטרענקע און אפילו ביער, ווערט אלץ סערווירט אהן אייז. און דורך דער נאכט האב איך אויסגעפונען דעם סוד.

איך האב מיך צוגעדעקט מיט וויפיעל בלענקעטס איך האב נאר געפונען אין מיין קעבין: צוגעמאכט דאס פענסטערעל, און דאך געפיהלט קאלט. און אין דערפריה געטראפען דאס וואסער האלב פארפרוירען און קאלט ווי אין מיטען ווינטער אין א ניט־געהייצטער הויז.

ארויפקומענדיג אויף'ן דעק, האב איך געטראפען ווי די פאסאזשירען געהען אנגעטהון אין ווינטער־קליידער און קוקען מיט פארוואונדערונג אויף די איידבערג וואס שווימען נאהענט ביים שיף. יעצט איז מיר שוין פארענטפערט פארוואס מען סערווירט דא נים קיין אייז, ווייל איך האב גאר געדארפט פארלאנגען די סטימעם אין מיין קעבין און מען האט עס מיר צוליעב געטהון.

און אַט זיץ איך, און טראַכט נאָך אַלץ ניט וועגען וואוהין איך פאָהר, נאָר פון וואַנען איך פאָהר. און איך דערמאָהן זיך אַז ערגעץ אין דעם דריטען קלאַס זיצען דריי אידישע באַיעס וואָס זענען צוריקגעשיקט געוואָרען אַלס בלינדע פּאַסאַזשירען: איך באַשליס אַז איך מוז זיי זעהען.

געפונען האָב איך זיי אין דער דריטער קלאַס, צווייען אַר־בייטענדיג ביי קויהלען און איינעם ביים וואַשען געפעס.

איך האָב דערלאַנגט מיין קאַרט צום טשיעף־סטואַרט, און פאַרלאַנגט ער זאָל מיר צושיקען די דריי לייטע אין מיין קעבין.

אין אַרום אַ האַלבער שטונדע האָט זיי אַ שיפס־באַדיענער צו מיר אַריינגעבראַכט, אַלע אַפּגעוואַשען און אַנגעטהון, נאָר ניט צום דערקענען פון קויהלען.

איהר פאַרשטעהט דאָך מסתמא אַז אַרבייטען האָט מען זיי שוין מעהר ניט געשיקט, נאָכדעם, ווי איך האָב געהאַט אַ קליינעם געשפּרעך מיט איינעם פון די הויפּט־אָפיסערס.

אָבער מיין געשפּרעך מיט די דריי „בלינדע פּאַסאַזשי־רען" איז געוועזען זעהר אַן אינטערעסאַנטער, און די ערפאַהרונג — אַ זעהר טראַגישע.

פּאַסאַזשיר נומער 1.

אַ בחור פון 19 יאָהר, קומט פון לאַטוויע, האָט געקראָגען פון קרובים אין ברוקלין געלט פאַר אַ שיפסקאַרטע, און 250 דאָלער צום צייגען ביים קענעדער גרענעץ.

פאַרוואָס דורך קענעדע?

ערשטענס די מורא פאַר דער פּראָצענט נאָרמע אין די פאַראייניגטע שטאַטען און צווייטענס, די אונמעגליכקייט צו קריגען די וויזען פון אַמעריקאַנער קאָנסיל.

אין אַנטוועדפען ערקלעהרט איהם אַ דאָקטאָר אַז ער האָט צייכענס פון טראַכאָמע, און הייסט איהם פאַרבלייבען עטליכע וואָכען פאַר אויסהיילען זיך. אַ איד פון אַנטווערפּען, אַ „מאַכער" פאַרלאַנגט פון איהם צעהן דאָלער וועט ער איהם אַריבערשיקען קיין קענעדע.

—וואס וועל איך טהון מיט דער שיפסקארטע?—פרעגט נעבעך דער וואנדערער.

—באהאלט איהר,—זאגט דער „מאכער"—וועסט אין מאנטרעאל צוריק־קריגען די געלט.

—איך וועל דאך אבער ניט האבען צו צייגען קיין $250—פרעגט זיך ווייטער דער וואנדערער.

—נישקשה,—זאגט דער „מאכער"—דו וועסט שוין ניט דארפען צייגען קיין געלט.

הכלל, ער גיט איהם אוועק די $180, דאס געלט וואס אן ארימע פאמיליע האט איהם געשיקט און בתנאי ווען ער וועט אהערקומען זאל ער דאס ווייטער שיקען קיין לאטוויע פאר נאך א ברודער וואס געהט דארט אוים פאר נויט.

מען גנב'עט איהם אריין אין א שיף, מ'באהאלט איהם אין א קעמערעל ביים אינדזשען. ער ווערט דערשטיקט פון היץ, ליגט אב א טאג, מען גיט איהם קיין עסען, קיין טרינקען. ער ליגט א צווייטען און א דריטען טאג, ביז ער דערפיהלט שוין דעם טעם פון טוידט.

עפענט ער דאס טהירעל פון דער קעמערעל, און ער שטעקט ארויס דעם קאפ, מען דערזעהט איהם, און מען ברענגט איהם פאר'ן קאפיטאן.

ער צואוויינט זיך און דערצעהלט דעם קאפיטאן די גאנ־צע מעשה, ער צייגט איהם אפילו די שיפסקארטע. מ'ברענגט איהם קיין קוויבעק, און ער ווערט פאר'משפט צום צוריקגעשיקט ווערען, און אט איז ער ווייטער א פאסאזשיר אויף צוריק, אבער אהן געלט און אהן האפנונגען אויף קענען קריגען נאכ־אמאל געלט.

ער צואוויינט זיך.

איך געה מיט איהם צום קאפיטאן און דערצעהל איהם די גאנצע מעשה. ער גיט די דריי בחורים א צימער אין דריטע קלאס און, באשטעלט זיך מיט מיר אין אנטוועהפען צו זוכען

דעם „מאכער" און איהם אריינפאקען אין דזשייל און ארויס־קריגען די 180 דאלער.

איך נעהם זיך דיעזע מיסיאן, אויב איך וועל קענען זיין אין אנטווערפען.

אט זעהט איהר, פעהלט מיר ניט קיין קהל'שע ארבייט אפילו אויף דער „עמפרעס".

דער צווייטער באי קומט פון ענגלאנד. איהם האט אויס־געפעהלט געלט אויף צו צייגען. ער ערקלעהרט מיר:

צוויי יאהר האב איך געשפארט אום אויפצוקלייבען פאר א שיפסקארטע און יעצט שיקט מען מיך צוריק, און עס וועט נעהמען נאך עטליכע יאהר ביז איך וועל ווייטער קענען אויפ־קלויבען אזא ריזיגען קאפיטאל אויף נאכאמאל פאהרען.

דיביידע פאסאזשירען זענען אבער אינטעליגענטע באיעס און קענעדע דארף אזעלכע יונגע לייט אזוי נויטיג ווי זיי דארפען קענעדע.

ער ערקלעהרט מיר אפילו אז די היברו אימיגראנט עיד אין מאנטרעאל אדער קוויבעק האבען פאר איהם געמאכט אן אפיעל, און עס איז צוריקגעוויזען געווארען. אבער איך דענק אז דיעזער יונגער מאן איז פארזעהען געווארען, ווייל מען האט איהם לייכט געקענט ארונטערנעהמען.

און וועהרענד דיעזע צוויי וואלטען געקענט גראטעוועט ווערען, איז אויפ'ן דריטען בלויז א רחמנות און מעהר ווי א קרעכץ האט קיינער איהם ניט געקענט שענקען.

די קוויבעק באארד האט איהם ערקלעהרט אלס גייסטיג ניט געזונט. ער, דער פאסאזשיר, ווייסט ניט פארוואס מען שיקט איהם צוריק. אבער די צוויי אנדערע ערקלעהרען מיר:

מען האט איהם געהייסען צעהלען פון איינס ביז צוואנציג האט ער די פרואוו קוים דורכגעמאכט; האט מען איהם אבער געהייסען צעהלען פון צוואנציג ביז איינס, האט ער עס פאר קיין פאל ניט געקענט טהון. און וויפיעל 6 און 7 איז צוזאמען, האט ער אויך ניט געוואוסט.

און מערקווירדיג. איך האב דעם בחור אויך געשטעלט

צו פראבע און איהם געפרעגט אזעלכע חכמות ווי 6 און 7 און 5 און 4 און ער האט ניט געקענט ענטפערען אויף'ן ארט, דערפאר האט ער אבער אליין געגעבען אן ערקלעהרונג אויף דעם, וואס דאס וואלט פאסיג געוועזן פאר א מענשען מיט א פולען פארשטאנד.

—הערט,—זאגט ער צו מיר—פון וואנען זאל איך וויסען? מיין מאמע האט מיך איבערגעלאזט ווען איך בין אלט געוועזן 5 יאהר, זי איז מיט מיר געפאהרען קיין אמעריקע צו מיין טאטען, האט מען זי צוליעב מיר ניט אריינגעלאזען; האט זי מיך צוריקגעבראכט קיין ליטע און איבערגעלאזט ביי אן אלטען זיידען און איז ווידער אװעקגעפאהרען. דער זיידע איז געשטארבען, און אין דער צייט פון דער מלחמה בין איך געלאפען אין שרעק פון איין שטאדט אין דער אנדערער, וואו איך האב געטאגט דארט ניט גענעכטיגט. אום עפעס צו קריגען עסען בין איך דורכגעגאנגען הונדערטער הייזער, האב זיך ארומגעשלעפט מיט די שנארערס פון שטאדט צו שטאדט; ניט געגעסען, ניט געטרונקען, ניט געשלאפען, צוויי יאהר קיין העמד ניט געטוישט, פון וואנען זאל איך קענען רעכנען?

דאכט זיך שוין א גאנץ לאגישער ענטפער.

—ווי אלט ביזטו?—פרעג איך איהם.

—18 יאהר—ענטפערט ער מיר.

—ווי לאנג איז שוין דיין מוטער אין אמעריקע?

—13 יאהר—ענטפערט ער.

—און ווי לאנג איז דארטען דיין פאטער?

—דאס ווייס איך ניט—ענטפערט ער.

—איז ער שוין דארטען א 25 יאהר?—פרעג איך איהם.

—מסתמא אזוי פיעל.

—קען דאס מעגליך זיין?—פרעג איך איהם—אז דו ביסט 18 יאהר אלט און דיין פאטער איז שוין 25 יאהר אין אמעריקע?

—כ'ווייס? אפשר יא.

—מסתמא—זאג איך—מוז ער שוין דארטען זיין 30 יאהר,

—אפשר 30 יאהר—ענטפערט ער—איך געדענק נים, איך האב איהם קיינמאל נים געזעהען.

אם דאס איז א מלחמה קרבן, וואס איז נים צוגערעכענט צו די טוידטע און אויך נים צו די לעבעדיגע.

יעדענפאלס, לוים איך האב גערעדט מים'ן קאפיטאן, איז ער בארעכטיגט צוריק צו באקומען דאס געלט פאר דער שיפסקארטע און טעקס און פאר דעם טיקעט ביז די סטייטס, וואס זיינע עלטערען האבען איהם געשיקט.

אבער דורכקוקענדיג זיינע פאפירען געפין איך אויס אז ער האט נאך אן אנווייזונג אויף 125 אמעריקאנער דאלער, וואס די עלטערען האבען איהם געשיקט, און ער ווייסט דערפון גארנישט.

איך ערקלעהר איהם אז ער איז א גביר פון ארום 200 דאלער; ער גיט א שמייכעל און באלד גיסען זיך טרעהרען פון זיינע אויגען.—אבער מען וועט עס פון מיר צונעהמען, איך וויל בעסער פאהרען צו מיין מאמע-מאמע וועלען זיי מיך לערנען רעכענען און שרייבען.

איך בעט דעם צווייטען באי ער זאל איהם האלטען ביי זיך און איהם איבערגעבען צו דער „עזרא" אין אנטווערפען ביז איך וועל אהין קומען.

ער פארשפרעכט עס מיר. איך שיק די באיעס צוריק אין זייער קאיוטע און זאג זיי אן מיך צו קומען זעהען יעדען טאג.

דער ים ווערט אביסעל אונרוהיג; איך ווייס נים צי עס איז איהם נים געפעלען די געשיכטע פון די דריי בלינדע פאסאזשירען, צי וויל ער גלאט באווייזען וואס ער קען.

יעדענפאלס, אונזערע נגי'אישע פאסאזשירען מיט די ארום 60 גלחים, וואס געפינען זיך אויף'ן שיף, צלמ'ען זיך, פאר מורא. און איך האב אדרבה הנאה פון דער ים-סענסאציע.

עמפרעס אף בריטען, דינסטאג, 2־טען אויגוסט, 1921.

דער ים האט זיך צובושעוועט און ווארפט זיך ארום מיט אונזער שיף, ווי ער וואלט שפיעלען באל מיט איהר.

איהר ווייסט, עס איז זעהר אינטערעסאנט צו זעהן ווי דער מעכטיגער ים ברויזט, רוהט ניט א מינוט, פונקט ווי ער וואלט נאר צוליעב דעם באשאפען געווארען און האט עפעס אנדערש ניט צו טהון, נאר זיך שפילען מיט די שיפען און זיי ווארפען ארויף און ארונטער.

מיר דאכט זיך, דאס דער צארענדינער ים האט פארדרוס, וואס די שיף שניידט איהם דורך און געוועלטיגט איבער איהם מיט אזא קראפט, און דעריבער פרובירט ער אלע מיטלען די שיף איבערצודרעהען.

און די שיף דרעהט זיך טאקי, און מיט איהר—די קעפ פון די פאסאזשירען, אבער צו קיין ערנסטען קומט עס דאך ניט, אט זעהט איהר א סימן. איך זיץ און שרייב, וועהרענד דער ים שפיעלט א נישקשה׳דיגען טאנץ מיט דער שיף.

היינט פריה געפין איך צוויי פלאקארדען אנאנסמענטס.

דאָס די טשוירטש אויף ענגלאַנד וועט צעהן אַזעלכע האַלטען אַ „סערוויס", רעדעס וועלען געהאַלטען ווערען און די איינאַהמע וועט געהן פאַר דער טשוירטש.

די צווייטע אַנאָנסמענט פאַר עלף אַזייגער, די פּילגרימס וואָס פאַהרען מיט דיזער שיף אַראַנזשירען אויך אַ „מאַסס", אַן עכט־קאַטוילישען פאַר אַ קאַטוילישען בענעפיט.

איין גלח וואָס האָט אימער ליעב מיט מיר צו פאַרברענגען, פרעגט מיך, צו וועלכען „מאַסס" איך וועל געהן.

און איך, וועלענדיג זיך ארויסדרעהען פון ביידע, אין אַ דזשענטעלמאַנס וועג, ענטפער איך איהם, אַז מיר אידען, איהר הערט? מיר אידען אויף'ן שיף, עס הייסט איך, איך און ווידער איך, וועלען אויך אַראַנזשירען אַ „מאַסס", און מיט אַ שמייכעל ענדיג איך, אַז דאָס געלד וועט געהן פאַר פּאַלעס־טינע.

דער גלח קוקט מיך אַן פאַרוואונדערט. ערשטענס, זאָגט ער, האָט ער גאָרנישט געוואוסט אַז דאָ אויפ'ן שיף אין דער צווייטער קלאַס, געפינען זיך מעהר, ווי איך דער איינציגער איד, נאָר אַז מען אַראַנזשירט אַ „מאַסס", מסתמא זענען דאָ פאַראַן נאָך אידען.

צווייטענס האָט ער גאָרנישט געגלויבט אַז אידען זאָלען דאַרפען קלויבען געלד פאַר פּאַלעסטינע.

—וואָס שפּיעלט ביי אייך אַ ראָלע געלד? איהר, וואָס באָרגט געלד צו אַלע רעגירונגען, איהר וואָס אייער געלד גע־שיכטע און רייכקייט ציהען זיך נאָך פון אברהם'ן וואָס ביי איהם האָט ניט געשפּילט קיין ראָלע צו באַצאָהלען 400 שקלים פאַר אַ קבר, איהר דאַרפט זיך זאָרגען פאַר אַ פּאָר ביליאָנ־טשיקעס צו אויפבויען פּאַלעסטינע? אַזוי וואונדערט זיך דער גלח, און איך פאַרשטעה אַז אביסעל גערעכט איז ער, ער לאָזט מיך אָבער נאָך ניט צורוה און זעצט פאָרט:

—וואו זענען אייערע ראָטשילדס? אייערע שיפס? אייערע מיליאָנערען אין יעדען לאַנד? ביי אונז קריסטען איז עס אַ באוואוסטער פאַקט, אַז אין יעדען לאַנד געפינען זיך ניט ווע־

ציגער פון א 1000 אידען וואס יעדער איינער איז פארטיג פאר זיין געלד אבצוקויפען פאלעסטינע פאר די אידען און עס דויערט נאר אזוי לאנג ווייל יעדער איינער וויל זיין דער איינציגער קויפער.

—גאנץ מעגליך, זאג איך צו איהם, אז דו זאגסט אמת, אבער עס איז א פאקט, אז איהר קריסטען דענקט פון אונז אמאל צופיעל, אז ביי אייך איז רעכט צו מאכען פון א אידען א גאנצען גאט, און אפט מאל שעצט איהר אונז אונטער, מאכענדיג פון בעסטען אידען, אדער פון אלע אידען, א גאר נים. און א דאנק דעם, זעין איך פארט, געהען מיר דורך פאגראמען, רדיפות און מען פייניגט אונז, נור דערפאר ווייל אמאל איבער־שעצט איהר אונז און אמאל אונטערשעצט איהר אונז, און מיר ליידען שוין באלד צוויי טויזענט יאהר פאר אייער איבער־שעצען און אונטערשעצען דעם אידישען כח...

דער חברה־מאן איז זעהר א שארפער און שמייכעלט ביי יעדען נימ־דערזאגטען ווארט, ווי ער וואלט זאגען: איך פאר־שטעה וואס דו ווילסט זאגען! נאר ער בעט מיך צו ענדיגען די טעמע.

אבער פאר'ן פארלאזען, זאגט ער מיר שטילערהייד, איך זאל איהם לאזען וויסען ווען מיר וועלען האבען די „מאסט" וועט ער קומען און אויך געבען געלד, און אפילו רעדען דאפיר, ווען מיר וועלען איהם אויפפאדערען.

איך ערקלעהר איהם דאן, אז איך האב בלויז געמאכט שפאס, מיר וועלען קיין „מאסט" נים מאכען, ווייל איך בין נאר דער איינציגער איד.

און מיין חברה־מאן גלאצט אוים א פאר אויגען אויף מיר און פרעגט מיך: פון וואנען ווייסטו אז דו ביסט נאר דער איינציגער איד?

ווען מיין בליק האט זיך געטראפען מיט זיינעם, האט מיר א געדאנק דורכגעבליצט אין מוח... אז דער חברה־מאן מוז זיין א... איך וויל נים זאגען וואס, ווייל מיר האבען אב־געערדט זיך נאכאמאל צו טרעפען און ענדיגען אונזער געשפרעך.

און איך האב מורא אז איך האב געטראפען, זיין קאפ איז גארנישט קיין גוי'אישער.

אויב איך וועל שפעטער עפעס מעהר אויסגעפינען, וועל איך מסתמא ווייטער שרייבען.

דער ים איז נאך אלץ ברוגז און האלט זיך אין איינ ווארפען.

זמפרעס אף בריטען, מיטוואך, 3-טען אויגוסט, 1921.

די טעג ציהען זיך לאנגזאם, אבער ס'פארברענגט זיך נישקשה'דיג: אביסעל עסען, אביסעל שלאפען, לעזען, שרייבען און נאכאמאל דאס זעלבע און דער טאג איז פאראיבער.

עס האלט נאך אן די קעלט און גראדע בין איך ניט פאר־בעדייטעט מיטווארעמע קליידער. נו, פארברענג איך מיין צייט א מייל אין דער ביבליאטעק און די מעהרסטע צייט אין מיין קעבין.

נעכטען אווענט האב איך געזוכט דעם גלח און איהם נים בעקענט געפינען. ער איז נים געקומען צו סאפער. די גאנצע נאכט האב איך וועגען איהם געדענקט און ערווארטעט די סענסאציע צו הערען, אז ער איז א געבוירענער איד. און היינט פריה פאר פרישטיק האבען מיינע אויגען ארומגעוואנ־דערט צווישען דער גרופע גלחים, אלעמען האב איך געטראפען —נאר נים איהם.

צום ברעקפעסט איז ער נים געקומען. איך האב געדענקט אז ער מוז זיין קראנק, וויל גאנץ אפט פעהלט אימיצער ביים

טיש צוליעב דער זעלבער אורזאכע און איך האב ערוואַרטעט איהם צו טרעפען אין דער ביבליאָטעק.

ווען איך בין אריינגעקומען אין דער ביבליאָטעק, האב איך דערזעהען ווי ער איז ארויסגעלאָפען דורך דער צווייטער טהיר. איך האב פארשטאַנען אז ער באהאלט זיך אוים פאר מיר, און דאן האב איך שוין ניט געצווייפעלט אין מיינע השערות, נאר איך האב געגלויבט אז ער האט הרטה וואס ער האט מיט מיר געמאַכט אן אפוינטמענט פאר א ווייטערען געשפרעך, ווייל ער האט שוין פארשטאַנען, אז איך שטוים זיך אן, וואס ער האט מיר געוואָלט ענטדעקען.

איך האב אַנגעהויבען צוזאמענצושטעלען מיינע איינענע השערות, נעהמענדיג אין אמבאַטראַכט, דאס ער רעדט א פאריזער פראַנצויזיש און א גוטען ענגליש און פארשטעהט אויך, ווי ער זאגט, אביסעל רוסיש און איטאַליעניש, איז ער מסתמא א רוסיש־געבוירענער איד און איז אוועק קיין פראַנק־רייך, דאַרטען זיך גע'שמד'ט, געווען אין רוים, דאַרט זיך גע־לערנט איטאַליעניש, דאן אוועקגעשיקט געוואָרען קיין קענעדע. יעצט פאָהרט ער עולה רגל זיין קיין רוים אלס פילגרים.

זיצענדיג אזוי אין מיין קעבין און טראַכטענדיג, הער איך ווי מען קלאַפּט אין טהיר. איך האב געמיינט אז דאס איז מסתמא איינער פון די צוריקגעשיקטע „בלינדע פּאסאַזשירען“ און איך רוף אוים אין אידיש: קומט אריין.

מען קלאַפּט אבער ווייטער, רוף איך שוין אין ענגליש: „קאם אין“ און די טהיר עפענט זיך, און צו מיין ערשטוינונג דערזעה איך דעם גלח!

—פארוואס ביסטו גלייך ניט אריינגעקומען?—פרעג איך איהם.

—ווייל, ענטפערט ער, איך בין דאך ניט אליהו הנביא און דו האסט דא קיין כוס פאר מיר, איך זאל אריינקומען אונגערופענערהייד.

—פון וואנען ווייסטו די געשיכטע פון אליהו הנביא?

—פון וואנען איך ווייס וועסטו שפעטער וויסען. איך

ווײס אַז איך האָב געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דײן מח זײַט איך האָב מיט דיר נעכטען גערעדט און איך ווײס אויך, אַז דו האָסט מיך אַרומגעזוכט נעכטען אָוונט און הײַנט פֿריה, איך האָב זיך אָבער געשלאָגען מיט דער דעה, אויב איך זאָל מיט דיר פּאַרטזעצען מײן געשפּרעך אָדער ניט.

—וואָס האָט דיך געמאַכט צו צווייפלען? פֿרעג איך איהם.

—גאַנץ אײנפאַך,ענטפערט ער מיר דו ביסט אַ צײטונגס־מאַן און איך בין אַ גײסטליכער, באַקאַנט אין גאַנץ קענעדע, נו קען מיר נאָך די באַגעגעניש מיט דיר טהון מעהר שלעכטעס ווי גוטעס.

—וואָס מײנסטו? רעדען מיט אַ איך קען דיר טהון שלעכטעס?

—אַ, נײן! ניט דאָס רעדען, זאָגט ער מיר, נאָר עס ווענדט זיך וואָס מען רעדט.

—האָסט דען אַ סוד פֿאַר מיר? אויב יאָ, זאָג איך ווײ־טער, איז ער שוין פֿאַר מיר ענטדעקט זײט נעכטען.

—אַ, נײן! ענטדעקט איז ער ניט, און טאַקי צוליעב דעם בין איך יעצט געקומען דיך זעהען.

ער קוקט זיך אַרום אויב די טהיר איז גוט פֿאַרמאַכט און מאַכט צו דעם פּעטענט שלאָס. דאַן גיט ער מיך אַ פֿרעג:

—האָסט עפּעס ביכער מיט זיך?

—וואָס מײנסטו, אידישע אָדער העברעאישע? פֿרעג איך איהם, און ער קוקט מיך אָן מיט פֿאַרוואונדערונג, ווי אײנער זאָגט: דו ציהסט פֿון מיר מײן סוד מיט געוואַלד.

ער גיט אַ שמײכעל און זאָגט:—זאָל זײן העברעאישע.

איך עפֿען מײן האַנד־בעג און נעהם אַרויס אַ גמרא פֿון מײן נײ־געדרוקטען ש"ס וואָס איך האָב מיטגענומען אַלס סאַמפּעל און זאָג איהם:

—דאָס איז אַ סאַמפּעל פֿון אַ סעט תלמוד וואָס איך האָב געדרוקט אין קענעדע, און קײן אַנדערע ביכער האָב איך ניט און דערלאַנג איהם אומישנע די גמרא מיט'ן קאָפּ אַרונטער.

ער וואַרפֿט אויף מיר אַ בליק מיט אַ שמײכעל און עפֿענט

די גמרא גראָדע אויף דער ריכטיגער זייט, ווי ער זאָל וועלען זאָגען: דו ווילסט מיך כאַפּען? אַט האָסטו מיך!

ער פרעגט מיך, צי מיר האָבען דאָס געזעצט ביי האַנד אָבער ביי מאַשין און איך ערקלעהר איהם ווי אַזוי מיר האָבען דאָס געטהון און לאָז דערוויייל קיין אויג פון איהם ניט אַרונטער צו כאַפּען איהם לעזען אַ וואָרט. און טאַקע אַזוי איז עס געווען —„בבלי", האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט, און איז רויט געוואָרען און האָט אָנגעהויבען באַלד שטאַמלען „באַבעלע", „באַבעלאַניש" און עהנליכעס, אום ער זאָל זיך ניט האָבען גע'מסור'ט.

—„אָל רייט", זאָג איך איהם, דאָס איז געווען אַ „סליפּ" פון דער צונג, „גאָ אַהעד", לעז וויי טער.

און מיט אויפרעגונג האָט ער צוגעמאַכט די גמרא און שנעל אויפגעמאַכט די טהיר צום אַרויסגעהן.

—שווייג שטיל... איך בעט דיך, זאָג קיינעם ניט פון מיין זיין דאָ; רעד ניט מיט מיר אין דער געגענוואַרט פון אַנדערע גלחים. איך וועל דיך נאָך קומען זעהען. אָבער ניט היינט אָוועַנט, ווייל מיר גלחים טאָהרען אין אָוועַנט ניט אַרויסגעהן, מ'זאָל אונז ניט חושד זיין; נאָר מאָרגען, מאָרגען פּינקטליך צעהן אַזייגער אין דער פריה, און שנעל האָט ער פאַרלאָזען מיין קעבין.

אַלזאָ, ווי עס ווייזט אויס, האָב איך שוין פון איהם זעהר וועניג צו הערען. איך דענק איך וועל שוין האָבען מיט איהם צו רעדען מעהר ווי ער מיט מיר.

נו, וואַרטען מיר פאַר מאָרגען צעהן אַזייגער אין דער פריה און מסתמא וועלען די לעזער שוין עטוואָס אויך הערען, אויב עס וועט זיין וואָס.

דער ים איז נאָך אַלץ אָנגע'ברוגז'ט און די שיף שאָקעלט זיך גאַנץ היבש, אָבער מיין קאָפּ איז נאָך אַלץ פאַרנומען; מיט'ן גלח... הפנים ס'איז מיר אַזוי באַשערט, אַז מיר זאָל ניט פעהלען קיין קאָפּ־דרעהעניש און וועהרענד אַנדערע שפּיעלען „פּויקער" און אין אַנדערע „גיימס", זיץ איך דאָ און ציה נאָך סענסאַציעס פאַר די לעזער פון מיינע אַרטיקלען.

עמפּרעס אָף ברימען, דאָנערשטאָג, 4 אויגוס, 1921.

איהר זענט מסתמא נייגעריג צו וויסען די ענדע פון דער גלח־געשיכטע.

איהר געדענקט דאָך מסתמא אז ער האָט מיר פארשפּראָ־כען צו קומען היינט 10 אזייגער אין דער פריה אין מיין קעבין, און יעצט איז גראָדע 10 אזייגער, און איך וויים שוין אז ער וועט ניט קומען.

נעכטען אָוועגט, ווען איך בין אריינגעקומען אין סמוקינג פּאַרלאָר, האָט ער זיך צו מיר צוגערוקט מיט אַ פּארטיג בריוועלע אין האַנט און מיר עס אריינגערוקט אין האַנט און איז גלייך פארשוואונדען.

איך האָב געעפענט דעם קאָנווערט און הערט וואָס איך לייען דאָרט אין ענגליש:

,,אויפמערקזאַם !

,,איך האַלט אייך פאַר אַן עהרען מאַן, און פאַרלאַנג פון אייך אַז זאָפאָרט ווי איהר וועט עס איבערלעזען זאָלט איהר

עס צוריק פאַרוויקלען און ביי א געלעגנהייט נאָך היינט, זאָלט איהר עס מיר צוריקגעבען ווען קיינער וועט ניט באַמער־קען. אורזאכע— איך וויל זיין זיכער אַז קיינער האַט פון מיר קיין געשריבענעם דאָקומענט. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער עהרליכקייט אַז איהר וועט מיין וואונש ערפילען.

,,יעצט צום פונקט:

,,ליידער קען איך ניט קומען צו אייך מאָרגען פריה, ווי איך האָט אייך פאַרשפּראָכען.

,,מיין נאָמען אין דער קירכע איז צופּיעל באַוואוסט און גענוג גרויס איך זאָל זיין פאָרזיכטיג מיט מיינע האַנדלונגען, וואָס איך האָב אייך געזאָלט זאָגען ווייסט איהר שוין אליין און דאָס וואַרשיינליך האָט אייך מעהרסטענס אינטערעסירט צו וויסען, אָבער וואָס מיך האָט אינטערעסירט מיט אייך צו רעדען, ווייסט איהר ניט, און איך האָב באַשלאָסען אַז זייענדיג מיט אייך צוזאַמען וועט איהר פון מיר ארויסקריגען אַזעלכעס וואָס איך דענק אַז די צייט איז נאָך ניט רייף דאַפיר יעצט.

,,נו הערט: איהר פאָהרט דאָך קיין קאַרלסבאַד און פּאַ־לעסטינאַ. שרייבט מיר אויף אייערע אַדרעסען אין דיזע צוויי פּלעצער, גאַנץ וואַרשיינליך וועל איך מיט אייך קאָרעספּאָנדי־רען אויב איך וועל אַזוי באַשליסען, אָדער איך וועל פּיליכט פאָהרען אייך זעהען.

,,אָבער איין זאַך פאַרשפּרעך איך אייך זיכער, אַז אין מאָנטרעאל צוריקקומענדיג וועל איך מיט אייך געווים ענדיגען מיין געשפּרעך, און פּיליכט מעהר ווי בלויז רעדען.

,,געדענקט זשע, איהר גיט מיר צוריק דאָס בריוועל און דעריבער האָב איך ניט קיין מורא אייך צו ווינשען אויך פאַר מיר ,,לשנה הבאה בירושלים'' (אויך אין ענגלישע בוכשטאַבען).

,,אייער, (מיין נאָמען איז ניט נויטיג).''

איך האָב דעם בריוועל איבערגעלעזען און האָב קיין נייעס מעהר ניט געפונען, נאָר איך האָב פאַרשטאַנען אַז דער חברה־מאַן איז אין אַ פאַרצווייפעלטער לאַגע, און האָט מורא פאַר

מיר. איך האָב גענומען דאָס זעלבע בריוועל, אויפגעשריבען מיינע אדרעסען אין קאַרלסבאַד און פּאַלעסטינא און האָב עס צוריק פאַרוויקעלט. ווי איך האָב אויפגעהויבען די אויגען פון בריוועל—ערשט דער חברה־מאַן שטעהט שוין און וואַרט דערויף.

איך האָב עס איהם דערלאַנגט, און געוואָרפען אַ בליק אויף איהם. איך האָב באַמערקט ווי זיין פּנים איז ווייס ווי דאָס פּאַפּיר וואָס איך האָב געשריבען. זיינע הענט האָבען געציטערט ווען ער האָט דעם בריוועל ביי מיר צוריק צוגענומען און ניט־זאָגענדיג מעהר קיין וואָרט איז ער פון דעם סמוקינג צימער ווייעדער ארויס.

ווען איך בין נאכהער ארויסגעגאַנגען אויף׳ן דעק, האָב איך געטראָפען פיעלע גלחים שפּיעלענדיג גיימס, און ער איז געשטאַנען ביים ברעג פון שיף אַנגעלענט און ארויסגעקוקט צום ים, אָבער פון זיין פּנים האָט מען געקענט זעהען אַז ער האָלט דאָרט טיעף אינוועניג מיט זיך אַ גרויסע און געוואַלדיגע מלחמה.

איך בין איהם פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט מיך אפילו ניט באַמערקט. דאַן בין איך אוועק אין ביבליאָטעק אַנשרייבען דאָס ביז־יעצטיגע.

צווישען די פּאַסאַזשירען געהט שוין אַן אַ לעבהאַפטע טעטיגקייט, ווייל דער ים איז גאַנץ רוהיג, עס ווערט אַביסעל וואַרעמער, און די וואָס זענען געלעגען די גאַנצע צייט קראַנקע אין זייערע קעבינס, האָבען זיך שוין אָנגעהויבען ציינען אויף׳ן דעק. איינינע זינגען, איינינע „פּייטען" זיך, איינינע שפּילען קאָרטען און צווישען דיעזע לעצטע געפינען זיך אויך גלחים.

איהר זעהט! קיין אידען וועט איהר דאָ ניט טרעפען שפּילען אין קאָרטען, די אורזאַכע איז פּיליכט, ווייל דאָ זענען ניטאָ קיין אידען.

מאָרגען דענקען מיר ארונטערצוגעהן פון שיף, דעריבער דענק איך מאָרגען מעהר ניט צו שרייבען, סיידען עס זאָל זיין עפּעס וויכטיגעס.

אַלזאָ, איך גלויב שוין אַז איך פאָהר קיין פּאַלעסטינע.

מיין רייזע האָב איך באַשלאָסען זאָל זיין ווי פאָלגט:

פון ליווערפּול פאָהר איך קיין לאָנדאָן, דאָרט וועל איך פאַרבּרענגען בּלויז צוויי טעג, דאַן קיין פּאַריז פאַר צוויי טעג, דאַן קיין בּערלין פאַר דריי טעג, דאַן נאָך פּוילען און דאַן אין קאַרלסבּאַד צום קאָנגרעס אַרום דעם 1־טען סעפּטעמבּער.

נאָך'ן קאָנגרעס פאָהרען נאָך פּאַלעסטינע און דאָרטען פאַרבּרענגען איבּער אַלע יום טובים און פיליייכט מעהר, אויב מיין זיין דאָרט וועט האָבּען וועלכען עס איז צוועק און נוצען פאַר אימיצען.

מיין רייזע קיין ענגלאנד.



היים פאר דורכוואנדערע היימלאזע אין ווארשא.

קיך פאר היימלאזע אין ווארשא.

אין לאָנדאָן.

אריינקומענדיג קיין לאָנדאָן, פיהלט איהר אַז איהר געפינט זיך אין דער אַלטער וועלט. די אייגענע קאָנסערוואטיווע אַלטע לאָנדאָן מיט אַלע איהרע אַלטע טראַדיציעס און גלייכגילטיגקייט. די אייגענע און לאַנגזאַמע אינדוסטריעלע באַוועגונגען: דאָס אַלעס שטעלט פאַר אייך פאַר די זעלבע לאָנדאָן פון אַמאָל, אָבער ווען איהר עפענט די ערשטע צייטונג געפינט איהר אַ געוויסען מיש־מאַש אין די טענדענצען פון דער לאָנדאָנער פרעסע, וואָס איז גאַנץ ניי פאַר יענער שטאָדט.

איהר געפינט נאָך ווי אימער, אין יעדער צווייטער שטיקעל נייעס דערמאָנט אַ געוויסען לאָרד אָדער ווייקאַונט און אַלע אַנדערע טיטולירטע פערזאָנען, פונקט ווי ענגלאַנד וואָלט מעהר ניט פאַרמאָגט נאָר טיטולירטע יחסנים פון אוירלם מיט לײדים, און עפּעס אַנדערע פּראָבלעמען אינטערעסירט זיי ווייניג, אָדער ווי אַלע אַנדערע וועלט־פּאַסירונגען זענען כמעט ווי גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט „אונזערע" באַטיטעלטע פוסטע אָדער פולע יחסנים; אָבער דאָך וועהעט עפּעס אַ ווינטעל גאָר אין אַנדער

ווענדונג, און דאָס איז—די ארבייטער מיט די יוניאָנס וואָס ווערען גאַנץ אָפט דערמאָהנט עפּעס ווי אַ צווייטע אָדער ארויפּ־געצוואונגענע מאכט, פון וועלכער מען רעדט אויך ניט מיט וועניגער רעספּעקט ווי פון טיטולירטע יחסנים. און עפּעס לייענט זיך צווישען די ליינס אַ מורא, אַז אָט אָט וועלען זיי שפּילען די ערשטע פידעל, און די יחסנים וועלען אָדער שפּילען אַ גאָר קליינע ראָלע, אָדער וועלען אפשר אין גאַנצען ארויס פון דעם נאַציאָנאַלען אָרקעסטער.

און ווען איהר קוקט זיך צו צו דער ווירקליכקייט זעהט איהר אויף יעדען שריט און טריט אַז די ארבייטער שפּילען דאָ יעצט באמת זעהר אַ באַדייטענטע ראָלע, גאָרניט צו פארגלייכען מיט די אמאָליגע צייטען, און ווי שוין געזאָגט, הערשט דעריבער אַ מין כאאָס אין דער ענגלישער פּרעסע. די צייטונגען לעקען זיך צו ביידע עקסטרימע זייטען, צו די לאָרדען מיט די אַנדערע טיטולירטע הויכע געזעלשאַפטס־לייט—און צו די ארבייטער מיט זייערע פיהרער פון דער אנדערער זייט.

און איך וועל גאָרנישט פּיהלען איבעראשט ווען אין אַ קורצער צייט זאָל זיך דאָס פּאָליטישע רעדעל אַ דרעה טהון און די ארבייטער זאָלען איבערנעהמען די פיהרערשאַפט פון לאַנד; מען גלויבט דאָרטען אפילו, אַז דאָס וועט נאָך געשעהען ביי די נעקסטע גענעראל וואהלען, אָבער אויב דאָס זאָל ניט זיין אזוי, איז זיכער, אַז עס וועט לאַנג ניט דויערען און אַזאַ איבער־קעהרעניש ווי אַן ארבייטער־רעגירונג אין ענגלאַנד, וועט טאַקי איבעראשען גרויס־בריטאַניען.

און טאַקי אָט צוליעב דיעזע נייע ווינטען וואָס בלאָזען יעצט אין ענגלאַנד, איז דער אינדוסטריעלער צושטאַנד ווייט פון צו זיין נאָרמאַל, און פאַרשטעהט זיך אַז דערפון נעהמט זיך אויך די ארבייטסלאָזיגקייט. דער ענגלישער פאַבריקאַנט קען זיך ניט צוגעוואָהנען צו דער יוניאָניסטישער פרייהייט, ווייל דער ענגלישער פאַבריקאַנט איז געוואוינט פון דור דורות צו האָבען שקלאַפען אַנשטאַט יוניאָן־ארבייטער, און די יוניאָן

איז איצט שטאַלץ בּיי זיך און שטעלט גרעסערע פאָדערונגען אַפילו פון די אַרבייטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען, טאַקי אויך צוליעב דער צוקונפט וואָס זיי ערוואַרטעט קירצליך, אַז די גאַנצע דעה וועט זיין זייערע.

נאָר וואָס עס זאָל שפּעטער ניט פּאַסירען, דערווייל אָבּער איז דאָס לעבּען ווייט פון צו זיין נאָרמאַל, און ניט אַכטענדיג וואָס לעבּענס־מיטעל קאָסט דאָ בּאַדייטענד בּיליגער ווי בּיי אונז אין קענעדע, לעבּט מען דאָ דאָך אָרימער ווי בּיי אונז.

אַ נייע משוגעת וואָס האָט געצויגען מיין אויפמערק־זאַמקייט איז דער סטייל פון געהן אָהן היטלען. איהר טרעפט מאַסען מענער געהן אין גאַס אָהן אַ הוט אויף'ן קאָפּ. צווישען יעדע פינף אָדער זעקס פּערזאָן וואָס איהר טרעפט אין גאַס איז איינער אָהן אַ הוט.

מ'דערצעהלט מיר דאָ, אַז דיעזער סטייל איז ניט דוקא אַ פּאַטענטירטער אין לאָנדאָן, נאָר ער איז כמעט פאַרשפּרייט אין גאַנץ איראָפּע. דאָס רופט זיך „דער הוילער קאָפּ משוגעת" און דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטער כלל, אַז אין יעדער נייער מאָדע ווערען אונזערע אחינו בּני ישראל שנעלער אריינגע־צויגען ווי אירגענד וועלכער אַנדער פאָלק; זענען אויך די אידען אין לאָנדאָן מקיים די מצוה פון געהן אָהן היטלען, עס איז זאָגאָר אַ סברא, אַז אידען האָבּען די מאָדע פון פאַריז אַהער געבּראַכט. אָבּער דאָס אינטערעסירט מיך ווייניג.

אין דער אַלגעמיינער לאַגע אידעלט זיך ווי עס קריסטעלט זיך. אין'ם אידישען לעבּען פון לאַנד קומט אויך פאָר אַן איבּערקעהרעניש. די בּאַלפור־דעקלאַראַציע און דער אַפּוינטמענט פון סיר הערבּערט סעמיועל אַלס היי־קאָמישיאָנער פון פּאַלעס־טינע, האָט די לאָנדאָנער אַסימילאַטאָרישע אידען אויך אריינ־געבּראַכט אין אַ מיש־מאַש לאַגע. אויבּ ענגלאַנד וויל מאַכען פּאַלעסטינע פאַר דער אידישער היימלאַנד, טאָ ווי קענען זיי, די אמת'ע ענגלישע פּאַטריאָטען, זיין געגען דעם? הייסט עס אַז זיי זענען שוין אויך מסכים; אָבּער ווען עס קומט צום סאָמע

עיקר, ווען עס קומט צו אינוועסטען קאפיטאל אין ארץ ישראל, אדער געבען גרויס נדבות פאר'ן קרן היסוד—דא שטעהען זיי פון ווייטענס, דאס איז עפעס ניט פאטריאטיש געגוג. ווארום נאך אלעמען איז די דאך ציוניסטישע שטרעבונג ביז יעצט זיי געשטאנען ווי א ביין אין האלז און ווי קען מען זיך עפעס אזוי שנעל א כאפ טהון דערצו מיט אזא התלהבות ווי די ציוניסטען וואלטען עס וועלען? מאכט דא טאקי דער ציוניזם גאנץ קליינעם פארשריט, ניט אכטענדיג וואס סיר אלפרעד מאנד מיט רויטשילד'ן וואלטען גראדע געוואלט זעהען א בעסערע באוועגונג צו פארווירקליכען ענגלאנד'ס פלאן, עס הייסט ניט דעם ציוניסטישען אדער דעם אידישען וואונש, נאר דעם וואונש פון ענגלאנד צו מאכען ארץ ישראל פאר דער אידישער „האום־לענד", און מיר דאכט זיך, אז אונזער יונגע קליינע קענעדער קהלה שטעהט אין פארגלייך מיט ענגלאנד א היבש ביסעל העכער אין וואס אמבאלאנגט די נאציאנאלע אויפלעבונג: וועהרענד פון דער אנדערער זייט, פונקט ווי גאנץ ענגלאנד, האלט זיך די לאנדאנער קהלה אין איהר קאנסערוואטיווען רע־ליגיעזען קהלה־לעבען פיעל שטארקער צוזאמען אלס ביי אונז אין די נייע מדינות.

זאגט דאס אבער צו א אידען אין ענגלאנד, וועט ער אייך אויסלאכען, ווייל אין אלגעמיין האלט מען דא זעהר ווייניג פון די אמעריקאנער אדער קענעדער אידען (דאס נעהמט זיך אויך פון דעם אלגעמיינעם איינדרוק איבער אמעריקע). איך האב, למשל, באזוכט די היגע אידישע צייטונג און געהאט א געשפרעך מיט איהר ארויסגעבער און רעדאקטאר. די צייטונג, פון דעם ליטעראַרישען אדער פינאנציעלען שטאנדפונקט, קען זיך ביי אונז פארגלייכען צו א דארפס־צייטונגעל, געגען דער מאנטרעאלער צייטונג, און דאך געפינט איהר אויף'ן קעפעל פון דער צייטונג פאלגענדען אויפשריפט: „די גרעסטע און פאפולערסטע צייטונג איבער גאנץ גרויס־בריטען".

ווען איך האב דאס איבערגעלעזען האב איך א שמייכעל

געטהון, און דער ארויסגעבער האט מיר געפרעגט וואס איך שמייכעל? האב איך איהם געזאגט, אז איך, אלס ארויסגעבער פון א אידישער צייטונג אין איינע פון ענגלאנד'ס קאלאניעס, שעהם זיך צו לייענען אזא קעפעל, ווייל אונזער צייטונג זעהט אוים געגען דיעזער מעטראפאלים צייטונג ווי א העלד געגען א נפל.

יא, פארטיידיגט זיך דער ארויסגעבער, מיר האבען דא ניט אין זינען קענעדע און מיר ווייסען אפילו ניט וואס דארט טהוט זיך, און כאטש מיר ערהאלטען אייער צייטונג, פאר־רעכענען מיר זי אלס אן אמעריקאנער צייטונג, ניט ווי איינע פון די בריטישע קאלאניעס.

איך האב אויך באזוכט די הויפט־ביורא פון די ציוניסטען און אפנים אז איבעראל איז דאס זעלבע. געגוג אנגעשטעלטע, אלע זענען „ביזי", איינער ווייסט ניט פון אנדערען און מ'איג־טערעסירט זיך גאנץ וועניג מיט א גאסט, איבערהויפט יעצט זענען זיי טאקי זעהר פארנומען מיט'ן נעקסטען קאנגרעס און א גאסט איז דא יעצט ניט קיין נייעס, ווייל עס הויבען זיך שוין אן צונויפקומען דעלעגאטען פון פארשידענע טהיילען פון דער וועלט, פון וואנען זיי וועלען פאהרען קיין קארלסבאד צום קאנגרעס אין פיעלע ספעציעלע קארס. איך אליין אבער האב נאך פיעל צו טהון בעפאר'ן קאנגרעס, ווייל ווי אייך איז שוין באוואוסט פון פריהער, פאהר איך היינט אווענט פון דאנען קיין פאריז.

פון לאָנדאָן קיין פּאַריז.

ארויספאָהרענדיג פון לאָנדאָן, האָבען מיר זיך צוזאַמענגעטראָפען אין וואַגאָן מיט דריי סטודענטען פון וועסט־אינדיען, וועלכע זענען אהיים געפאָהרען נאָכדעם ווי זיי האָבען געענדיגט אין לאָנדאָן זייער שטודיום; איינער אויף דאָקטאָר, דער צווייטער אַלס דענטיסט און דער דריטער, וועלכער האָט געצויגען מיין גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, האָט געענדיגט אַלס קאָלעדזש־לעהרער מיט'ן טיטול „מאַסטער אָף אַרטס" און איז טאַקע ארויסגעפאָהרען צוריק נאָך זיין היימלאַנד אַלס פּראָפעסאָר פון אַ קאָלעדזש.

און מיך האָט פאַראינטערעסירט מיט זיי צו פאַרציהען אַ געשפּרעך וועגען דעם סכסוך צווישען ענגלאַנד און אינדיען. און ווען מיר האָבען געענדיגט אונזער געשפּרעך בעפאָר מיר האָבען אויפגעשטיגען אויף דער שיף, האָב איך שוין געהאַט אַ גוטען באַגריף אין דער אינדישער פראַגע.

ניט אַכטענדיג וואָס דיעזע יונגע לייט האָבען גענאָסען זייער בילדונג אין אַ בריטישער אינסטיטוציע, רעדען זיי אָבער

מיט אזא האס ווענען ענגלאנד, דאס איהר זעהט אין דיעזער נייער אינדישער קולטורעלער יוגענד די אמת'ע רעוואָ־לוציאָנערען וואס זענען פארטיג צו יעדער מינוט מאכען אן אויפשטאנד געגען ענגלאנד.

און איך פרעג דעם פראָפעסאָר: היתכן? איהר האָט גע־נאָסען אייער בילדונג אין ענגלאנד, און דאכט זיך אז איהר האָט מסתמא גענאָסען די זעלבע פרייהייט ווי אלע ענגלישע געבוירענע, און דאך רעדט איהר מיט אזא האס ווענען ענג־לאנד?

און זיין ברוין־שווארץ געזיכט האָט א שמייכעל געטהון און די צייהן האָבען ארויסגעקוקט און סארקאסטיש איז געווען דער שמייכעל; פיעל האָט איהר געקענט דערפון לעזען, און ער שטעלט מיר צוריק א פראגע:

—אייערע אידען—זאָגט ער מיר,—האָבען דאך אויך אלע רעכטע, ווייסט איהר אָבער וואס פאר א ווערטה זייערע רעכטע האָבען אפילו אין ענגלאנד? אט אזוי, זאָגט ער, האָבען אונזערע רעכטע א ווערטה!

דער צווייטער חבר, דער דאָקטאָר, האָט זיך דאן אָפּגע־רופען: מילא, זאָגט ער, מיט די אידען זענען זיי פילייכט גערעכט; א פאָלק וואס נוצט קריסטליך בלוט פאר זיינע יום־טובים, פארדינט פילייכט ניט בעסער באהאנדעלט צו ווערען.

און דאָ צולאכט זיך דער פראָפעסאָר, און זאָגט מיר מיט נצחון: אט האָט איהר די לעהרע וואס א הינדו באקומט צווישען קריסטליכע סטודענטען, אט זעהט איהר אויך ווי עס ווערט איינגעפלאנצט א שנאה פון איין נאציאָן צו דער צווייטער.

איך ווענדע זיך צום דאָקטאָר און פרעג איהם:

—גלויבסטו ווירקליך אז אידען געברויכען קריסטליך בלוט אויף יום טוב?

—איך ווייס?—ענטפערט ער מיר ווי דער תם פון דער הגדה,—אזוי האָט מען מיר געזאָגט און איך האָב ניט געזאָגט קיין אורזאכע פארוואס ניט צו גלויבען, ווייל איך האָב געהערט

אז עס האבען אמאל עקזיסטירט פעלקער, וואס האבען אייגענע קינדער געקוילעט צוליעב ריטועלע צוועקען.

—און דו האסט גארניט פרובירט צו שטודירען די אידישע געשיכטע און צו וויסען אויב אזא זאך איז מעגליך?—פרעגט איהם דאן מיין פריינד און מיטרייזענדער, מר. קייזערמאן.

—צו וואס שטודירען אידישע געשיכטע? אלעס וואס מיך אינטערעסירט יעצט איז אונזער אייגענע הינדו־געשיכטע. מיר זאלען קענען ווערען א זעלבסטשטענדיג פאלק, ניט זיין אפהענגיג פון קיינעם—ענטפערט ער גלייכגילטיג.

און דער פראפעסאר האט גראדע דעם דאקטאר געגעבען א שטיק לעקציע וועגען אידען, און דער דאקטאר האט עס גלייכגילטיג אויסגעהערט און געזאגט: אויב אזוי גלויב איך דיר מעהר, ווייל איך פערזענליך האב קיין שלעכטעס פון אידען ניט געזעהען, בלויז וואס איך האב מיך אנגעהערט.

—נו?—פרעגט מיך דער פראפעסאר.—וואס זאגסטו יעצט צו דער בריטישער „פעיר פלעי" און גלייכע פרייהייט? ניין! אזא פרייהייט ווילען מיר ניט, מיר ווילען זיין זעלבסט־שטענדיג און מיר זענען מוחל די פרעמדע טובות!

איך האב דאן א זיפץ געטהון און געטראכט: וואו קריגען אונזערע אידישע געלעהרטע אזעלכע קאלעדזשעס וואס זאלען פון זיי מאכען אזעלכע פייערדיגע פאטריאטען און זיי ברענגען צו א נאציאנאלען באוואוסטזיין?

פאריז.

אנגעקומען אין פאריז האבען מיר באזוכט די יק״א און פון א געשפרעך מיט איינינגע פון זייערע דירעקטארען בין איך געקומען צום באשלוס אז די צייט איז ניט ווייט ווען דיעזע פילאנטראפישע געזעלשאפט וועט אנפאנגען צו טהון גוטע ארבייט פאר פאלעסטינע, ווייל דער אפהאלט פון שוין טהון ארבייט איז ניט פון אנטי־נאציאנאליסטישע אורזאכען, נאר מעהר פון עקאנאמישען שטאנדפונקט. מר. אונגער, דער דירעקטאר, האט אונז ערקלעהרט, אז זיי קענען יעצט ניט טהון קיין אימיגראציאנס ארבייט פאר פאלעסטינע איבער צוויי עקאנאמישע אורזאכען: ערשטענס קאסט יעצט פיעל ביליגער צו באזעצען אן אימיגראנט אין ארגענטינע, אדער סיי וואו, אלס אין פאלעסטינע, און צווייטענס, זענען די אימיגראציאנס פראבלעמען דארט נאך ניט קלאהר, ווען אבער דיעזע לעצטע פראבלעם וועט קלאהר ווערען, וועלען זיי די ערשטע עקאנאמישע פראגע פארבויגען און באזעצען א געוויסע צאהל אימיגראנטען אין פאלעסטינע, און צוואר מען האט מיר געגעבען

צו פֿאַרשטעהן אַז דאָס איז ניט אָפֿיציעל, האָב איך אָבער דאָך פֿאַרשטאַנען אַז ענדליך וועט עס אַזוי פּאַסירען.

מיר האָבען דאַן באַזוכט די אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע פֿאַר פֿאָדערען אידישע גלייכע רעכטע און געהאַט אַ לענגערען געשפּרעך מיט דר. מאָצקין, דער דירעקטאָר איבער דער אָרגאַ־ניזאַציע, און דאָ האָט זיך ווייטער ארויסגעוויזען אונזער אידישע האָפֿנונגסלאָזיגקייט.

ניט אַכטענדיג וואָס דיעזע אָרגאַניזאַציע האָט געטהון וואונדערליכע ארבייט לטובת די אידען אין מזרח אייראָפּע, און ניט אַכטענדיג ווי נויטיג עס איז פֿאַר די אידען אויסצוהאַלטען דיעזע אָרגאַניזאַציע, געפֿינען ניט די קהילות פֿון דיעזער זייט ים געגנוג אינטערעס אין דער ביוראָ און שיקען ניט די בייש־טערונגען פֿאַר דער אויסהאַלטונג פֿון איהר.

דאָס אַלגעמיינע לעבען אין פֿאַריז איז גאָר ניט דאָס זעל־בע אין פֿאַרגלייך מיט דעם לעבען בעפֿאָר דער מלחמה. דאַכט זיך די זעלבע פֿאַריז, די זעלבע אמוזירונגס פּלעצער, און דאָך פֿעהלט דאָס אַמאָליגע לעבען, עפּעס ווי אַ מרה שחורה ליגט אויסגעגאָסען אויף דעם פֿרעהליכען פֿאַריז און דאָס גאַנצע פֿרעהליכע לעבען זעהט אויס ווי נאָכגעמאַכט, געקינסעלט.

איהר באַגעגענט למשל פֿון כמעט יעדע 10 פֿרויען 8 פֿון זיי געקליידעט אין טרויער, הפּנים יעדער איינער אָדער יעדע איינע האָט נאָך וועמען צו טרויערען. וועהרענד אין דייטש־לאַנד זעהט איהר כמעט קיין סמן ניט פֿון „טרויער", מעגליך עס איז דאָרטען אַזאַ פֿאַרבאָט פֿון דער רעגיערונג צו פֿאַרגע־סען דאָס געוועזענע און אָנהויבען אַ לעבען אויף דאָס ניי. פֿראַנקרייך איז אָבער פּונקט פֿאַרקעהרט, מען לאָזט ניט פֿאַרגעסען דעם האַס צו דייטשלאַנד, דערפֿאַר באַגעגענט איהר זיך מיט „טרויער" אויף יעדען טריט און שריט.

די אידען אין פֿאַריז לעבען זיך „ווי גאָט אין פֿראַנקרייך" און איינער דעם צווייטען קאָנען זיך זעהר ווייניג, עס הייסט גאָט איז דאָרטען אַ גאַנץ קנאַפּער מחותן מיט די אידען און דאָס זעלבע פֿאַרקעהרט.

א שעהנעם וויץ האט מיר דארטען דערצעהלט א מוכר־ספרים, ווען איך האב איהם געפרעגט אויב ער וואלט געקויפט עטליכע ש״ס׳ן פאר די פראנצויזישע אידען.

—לאכט זיך אויס דערפון!—זאגט צו מיר דער איד,— ווער דארף עס אין פאריז א ש״ס? אונזערע צוגערייזטע אידען האבען קיין געלט און קיין חשק ניט פאר דעם און די היגע אידען ווייסען ניט מיט וואס מען עסט דאס.

און דערביי דערצעהלט ער מיר פאלגענדעס:

„היגע אידען, זאגט ער, קויפען מעהרסטענס פלייש ביי קריסטען, נאך דעם חודש אלול אדער די לעצטע וואך פאר ראש השנה קויפען זיי ביי א אידען. לעצטענס איז צו מיר אריינגע־קומען א פאריזער איד מיט זיינעם א אינגעל קויפען א מחזור. דערצעהלט ער מיר, אז זיין זוהנדעל האט איהם געפרעגט, פאר־וואס ער קויפט דיעזע וואך פלייש ביי אידען״.

„וואס האט איהר געענטפערט? פרעג איך איהם.

„וואס האב איך געזאלט ענטפערען? זאגט דער פראנצ־צויזישער איד; איך האב איהם דערצעהלט אז אידען זענען מל דאס פלייש, דאריבער קויף איך ביי זיי פאר ניי־יאהר דאס גע׳מל׳טע פלייש.״

דאס איז א וויץ, א טרויעריגער מעהר ווי קאמישער, ווייל מעהרסטענס גיבען אזעלכע אידען אן אפשפיגלונג אויף דער סיטואציע פון לאנד.

אין׳ם נאציאנאלען זין זענען דארט די אידען אויך זעהר קראנק. און דאס האט צוויי אורזאכען: ערשטענס טאקע צוליעב דער שוואכקייט פון דער רעליגיעזער זייט פון די דאר־טיגע אידען, און צווייטענס, צוליעב דר. נארדאו און מארמארעק וואס האבען גערעכטע אדער אונגערעכטע טענות צו די ציוניס־טען, און ווען די הויפט פיהרער פון די פראנצויזישע אידען זענען קאלט צו דער באוועגונג, וואס קען מען דאן פארלאנגען פון די מאסען? און דאריבער האבען די פראנצויזישע אידען זיך גארניט אנגעזעהען אויפ׳ן ציוניסטישען קאנגרעס, אבוואהל זייענדיג אין פאריז האב איך פארשטאנען אז דר. מאקס נארדאו

און מאַרמאַרעק וועלען יאָ קומען צום קאָנגרעס. ליידער האָט זיך עס שפּעטער אויסגעלאָזט אַנדערש און ביים קאָנגרעס האָט זיך שטאַרק געפיהלט די אַבוועזענהייט פון דיעזע פיהרער.

אין פּאַריז האָבען מיר נאָר געווײלט עטליכע טעג און דאַן אָפּגעפאָהרען נאָך דײטשלאַנד.

מיין רייזע קיין דייטשלאַנד.

ווען איהר פאהרט ארויס בלויז א האלבע שטונדע פון פאריז, דערעקנט איהר שוין דעם חורבן וואס די דייטשען האבען אנגעמאכט, און אזוי פאהרט איהר די גאנצע שטרעקע ביז איבער בעלגיען, און צום דייטשען גרעניץ און אויף'ן גאנצען וועג באמערקט איהר בלויז חורבות.

איהר זעהט גאנצע שטעדט אפגעווישט און אויף זייער פלאץ ליגען קופעס מיט שטיינער און ציגעל און אלטע אייזען.

די ערד צוגראבען אין טרענטשעס, די נאך איבערגעבלי־בענע הייזער זענען דורכגעלעכערט פון אלע זייטען. אויף פילע פלעצער זענען שוין צוריק אויפגעשטעלט געווארען ביליגע קליינע הייזקעלאך ווי טענטס, הפנים דער חורבן קען אזוי גיך ניט אויפגעבויעט ווערען און ווי געזאגט, אויף'ן גאנצען וועג זעהט איהר נאר די צושטערונגס־ארבייט פון די דייטשען.

און ווען איהר פאהרט אויף דער באהן, צוזאמען מיט דייטשען און פראנצויזען (דאס איז אן אינטערנאציאנאלער צוג) באמערקט איהר, דאס ווען דער פראנצויז קוקט ארויס פון וואגאן ווערט ער אויפגעבראכט פון רציחה און דער דייטש לאזט ארונטער די אויגען, און איהר ווייסט ניט צי שעהמט

ער זיך מיט זיין פאטערלאנד'ס ,,קולטור'' אדער ער פרעהט זיך אין הארצען אלס נקמה וואס פראנקרייך האט כאטש געד לימען, בעפאר די דייטשע צרות האבען זיך אנגעפאנגען.

און ווען איהר פאהרט דורך א גאנצען מעת לעת און זעהט דאס אלעס צו, וואונדערט איהר זיך ניט מעהר אויף דעם כעס פון די פראנצויזען און פארוואס זיי האלטען אז דעם טרויער, אום צו האלטען די באפעלקערונג אין א שטענדיגען האס צו דייטשלאנד.

אין בערלין, ווידער, טהוט מען אלעס, אום דאס געוועד זענע צו פארגעסען און אנפאנגען א נייעם לעבען. און מיט רעכט האט מיר אויף'ן וועג איינער פון דער דייטשער פרידענס־מיסיע געזאגט:

,,ווען איהר ענגלענדער, אדער אמעריקאנער, וואלט פון צייט צו צייט אהער געקומען קיין דייטשלאנד, זיך מיט אונז באקענט, וואלט איהר זיכער אויסגעפינען אז ניט נאר זענען מיר ניט אזוי שלעכט ווי פראנקרייך וויל אויף אונז אויס־טראכטען, נאר איהר וואלט געווים געווארען אונזערע פריינד.

,,אמת, זעצט ער פארט, מיר זענען געווען אין קריעג א צושטערונגס־קראפט. אבער מיר זענען דאך געווען די ערשטע זיעגער און א זיעגער מוז דאך אימיצען באזיעגען. און וועלכעס פאלק האט דען ניט געשטרעבט צו דאס זעלבע? און דער באזיעגטער מוז אימער זיין דער ליידענדער.

,,מיר ליידען טאקי יעצט אלס באזיעגטע און גראדע יעצט, ווען עס איז שוין ניט קיין קריעגס־צייט מעהר. מיר ליידען איצט אהן אורזאכען. מען פארשווארצט אונז און מען שטעלט אונז פאר פאר די ערגסטע. אדרבא, איהר פאהרט יעצט קיין דייטשלאנד, זעהט אויב עס איז אמת וואס די וועלט־פרעסע שרייבט וועגען אונז''.

און איך האב עס טאקי אין דייטשלאנד גוט באטראכט. און מיר דאכט זיך אז דאס זענען טאקי אפשר נאר בלבולים. איך בין אבער זיכער אז דאס זענען ניט די זעלבע דייטשען

פון אמאל. זייער העפליכקייט צו פרעמדע איז גאר ניט די זעלבע ווי ווען זיי זענען געווען די שטאלצע דייטשען.

עס איז גענוג אז א דייטש, מאן אדער פרוי, זאל אייך באמערקען אלס פרעמדען, און ער איז פארטיג פאר אייך זיך מקריב זיין. ער וועט אייך ארומפיהרען און אייך ווייזען וואס איהר ווילט נאר זעהען, און נאטירליך אויך דאס וואס ער וויל אז איהר זאלט זעהען און מיט א פריינדליכען שמייכעל וועט ער אייך דאנקבאר זיין וואס איהר האט אנגענומען זיין העפליכקייט.

אזוי האט מיט מיר פאסירט אן אינצידענט וואס איז ווערטה צו באמערקען.

ווען איך בין געקומען דאס צווייטע מאל אין בערלין נאך מיין רייזע אין פוילען, בין איך פארפאהרען אין א האטעל צוזאמען מיט אן איטאליענישען דעלעגאט צו דעם נאציאנען־ליעג מיטינג. און ווען די טאכטער פון דעם אייגענטימער פון האטעל האט פארשריבען מיין נאמען און באשעפטיגונג אלס צייטונגס־ארויסגעבער, האט זי דערביי א שמייכעל געטהון. עס איז געווען א שמייכעל פון צופרידענהייט.

—איך בין א רעפארטער פון א צייטונג—האט זי מיר געזאגט. און ווען איך בין אויף מארגען איז דער פריה ארוים פון מיין צימער האט זי שוין אויף מיר געווארט און מיך פארגעשטעלט פאר א געוויסען הער, דעם סעקרעטאר פון׳ם פרעס־פאראיין פון בערלין.

דער יונגערמאן האט זיך העפליך פארנייגט און מיר דערלאנגט א בילעט איינלאדענדיג מיך צו א קאנצערט דיעזען אווענט, שבת דעם 27־טען אין טהיער־גארטען צום בענעפיט פון ווידער־אויפלעבען די געטהע־הויז אין פראנקפורט־אם־מיין.

איך קוק אן דעם בילעט און זעה: „פרייז 50 מארק״. נעהם איך ארויס 50 מארק און דערלאנג איהם. גיט ער א העפליכען שמייכעל און זאגט:

—מיין הער, איך בין ניט געקומען ביי אייך בעטען קיין

געלט, איך וויל אייך נור איינלאדען אין נאמען פון דעם בער־לינער פרעס פאראיין אלס קאלעגע צייטונגס־מאן צו קומען באזוכען אונזער קאנצערט. — און ער פארזיכערט מיך דאביי אז דארטען וועט זיך געפינען די גאנצע אינטעליגענץ פון בערלין און עס וועט יעדען איינעם אנגענעהם זיין צו באקענען זיך מיט א קאנאדישען צייטונגס־ארויסגעבער.

איך האב דעם בילעט צוגענומען, באדאנקט און פאר־שפראכען צו קומען.

שבת אוועגט האב איך ווירקליך ניט געהאט וואס צו טהון, מיין צוג קיין קארלסבאד פארלאזט ערשט זונטאג אין דער פריה, האב איך זיך מיישב געווען און טאקע צוגעפאהרען צום קאנצערט.

ביים גארטען האב איך געקויפט א בילעט, באצאהלט 50 מארק, און בין אריינגעגאנגען, אוועקגעבענדיג דעם פארטער ביידע בילעטען, דעם וואס מען האט מיר איבערגעלאזט און דעם וואס איך האב געקויפט. און דער פארטער פרעגט מיך:

—וואצו דארפען זי צוויי בילעטען?

איך ערקלעהר איהם דאס איינעם האב איך געקויפט און איינעם האט מיט דער סעקרעטאר איבערגעלאזען אין האטעל, פאר וועלכען איך האב ניט באצאהלט.

—ניין, ניין, מיין הער, זי דארפען קיין צוויי בילעטען ניכט האבען. נעהמען זי דאס געלד צוריק.

און ער פיהרט מיך צוריק צו דער קאסע און פארלאנגט צוריק מיינע 50 מארק מיט דער ערקלעהרונג דאס איך האב שוין א בילעט פאר וועלכען די געלט איז שוין אריינגעקומען אין דער קאסע, ניט אכטענדיג וואס איך האב פאר דעם ניט באצאהלט, און איך האב מיין געלט טאקי צוריקגעקראגען.

גלייך ווי איך האב מיך נאר אוועקגעזעצט איז שוין ביי מיר געווען דער סעקרעטאר און יעדעם מאל מיך פארגעשטעלט צו אן אנדער צייטונגס־מאן, און יעדער איינער האט מיט מיר פארבראכט א שטיקעל צייט און געפרעגט וועגען דער פרעסע

אין קענעדע, וואָס מען דענקט יעצט וועגען דייטשלאַנד, און וואָס איך האָב צו זאָגען וועגען מיין רייזע אין פּוילען און וואָס איך דענק איבער פּרייסען, אויב זי וועט בלייבען אונטער פּוילען, און וואָס איך דענק וועגען דער פראַגע פון אויבער־שלעזיען.

איך האָב נאַטירליך געוואוסט מיט וועמען איך רעד און האָב פאַרשטאַנען אז זיי וועלען עס באַנוצען, בין איך אויך געווען א דיפּלאָמאַט פאַר א קורצער ווײַלע. זיי האָבען מיר געהאַלטען אין איין שטעלען פראַגען און אין באַדיענען, ביז איך האָב געפונען א מינוט צייט זיך ארויסצודרעהען פון גאַרטען און איך האָב פאַרלאָזט דעם הערליכען קאָנצערט בעפאָר דער ענדע.

וואָס אַנבאַלאַנגט דער אידישער לאַגע אין דייטשלאַנד, האָב איך ניט ביי מיין רייזע קיין פּוילען און ניט אויף מיין צוריקרייזע ניט פאַרבראַכט גענוג צייט אין די דייטשע שטעדט אום צו האָבען די געלעגענהייט זיך גענוי צו באַקענען מיט דעם אידישען לעבען דאָרטען; איך האָב אָבער פאַהרענדיג קיין ארץ ישראל זיך באַקענט מיט דעם באַוואוסטען דייטשען אידען דר. הערמאַן פון פראַנקפורט אם־מיין, וועלכער האָט מיט מיר פאַרבראַכט די גאַנצע צייט פון מיין זיין אין ארץ ישראל, און מיט מיר צוזאַמען געשטאַנען אין איין האָטעל. און דיזער דאָקטאָר איז א פאַרשטעהער פון די אגודת ישראל אין דייטש־לאַנד, וועלכער איז געקומען קיין ארץ ישראל טהון ממשותדיגע ארבייט פאַר דער אגודת ישראל, אָבער בעסער געזאָגט: העלפען באַזעצען ארץ ישראל מיט רעליגיעזע אידען. דורך איהם האָב איך זיך גוט באַקענט מיט דער אידישער לאַגע אין דייטשלאַנד.

קומענדיג אין בערלין דעם ערשטען טאָג, האָט מיר מיין פריינד מר. קייזערמאַן פאַרגעלעזען די גאַנצע טעגליכע דייטשע פּרעסע, און איבערהויפּט יעדעם ווינקעלע פון דער פּרעסע וואָס האָט דירעקט אָדער אונדירעקט דערמאָהנט די אידען.

און דאָס האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט זוכען, ווייל איהר

געפינט דאס סיי אין די בירגערליכע צייטונגען און סיי אין די ראדיקאלע און ארבייטער צייטונגען.

דאס ערשטע שטיקעל נייעס לעזט זיך, אז מען האט ארויס־געשיקט א געוויסע פערזאן פון לאנד, און די צייטונג פרעגט טאקע באלד אין די ני נייעס: ,,ווען דיזער וואלט געווען אז אנארכיסט אדער אידישער באלשעוויק, וואלט מען איהם אויך אזוי שנעל ארויסגעשיקט?״

און די סאציאליסטישע צייטונג פרעגט עס אויך אבער אויף אן אנדער אופן, און צווישען די שורות זאגט זי, דאס ווען ער וואלט געווען א אידישער קאפיטאליסט וואס דורך זיי איז געווארען די מלחמה און זיי זוכען נאך היינט א מאנאר־כיסטישע רעגיערונג, וואלט מען איהם זיכער בעסער באהאנ־דעלט.

וואלט איהר דאך געמיינט, לויט דיעזע נייעס ־עפארטען, אז די דייטשע רעגיערונג באהאנדעלט טאקי די אידען מיט זיידענע הענטשעקעס, וועט איהר האבען א טעות, וויל אט דיעזע העצעס קומען פון די פארלאמענטס־פארטרעטער פון יעדער פארטיי און פון יעדער צייטונג צו זייערע פאליטישע געגנער. ס׳הייסט יעדער איינער שרייט, אז יענער, דער צוויי־טער צד, איז צו גוט צו די אידען.

און איהר קענט זעהען באשיינפערליך, דאס דער אנטי־סעמיטיזם אין דייטשלאנד איז זעהר גרויס, און וואלט דייטש־לאנד ניט געהאט אזוי פיעל צו טהון, ווייס איך ניט וואס דארטען וואלט יעצט געווארען מיט׳ן ביסעל אידען. א נס אבער, דייטשלאנד האט מעהר שכל ווי פוילען און קען רעדען העפליך מיט׳ן מויל, זיך האלטען גאנץ קאלט, ווערענד אינ־ווייניג קאכט עס ווי אין א קעסעל.

און ווי דר. הערמאן ערקלעהרט מיר, ווייסען די אידען אין דייטשלאנד און פארשטעהען גאנץ גוט זייער לאגע, און די אידען האבען דאריבער גענומען א נייע ווענדונג, און דאס איז—דעמאנסטרירען זייער אידישקייט.

די אידען אין דייטשלאנד, עס הייסט די מאיאריטעט אידען, צוזאמען מיט דעם יונגען דור, די סטודענטען, זענען יעצט געווארען זעהר רעליגיעז; צום ביישפיעל, אזוי דערצעהלט מיר דער דאקטאר, זייט די מלחמה האט זיך געענדיגט, און די אידען האבען דערשפירט מיט וואס מען באצאהלט זיי פאר זייערע קרבנות, האבען זיי אפגעמאכט ביי זיך אז זיי מוזען ווייטער דיענען, אבער נאר אן אנדער דיענסט. עס איז כמעט א שבועה געגעבען געווארען פון דער גרעסטער טהייל אידען, דאס יעדען אין דער פריה, איידער יעדער איד געהט צו זיין געשעפט אדער ארבייט, מוז ער אבטהון זיין דיענסט, אבער ניט צום לאנד נאר צו גאט; ער, דער דאקטאר, פארזיכערט מיר, דאס 90 פראצענט פון די איצטיגע סטודענטען דאווענען יעדען פריהמארגען. און דאס דער זעלבער פראצענט אידען האלטען געשלאסען זייערע געשעפטען אום שבת, און א גרויסע באוועגונג געהט יעצט אן פאר ארץ ישראל.

אבער די מאיאריטעט אידען זענען ניט קיין ציוניסטען און ניט קיין מזרחים, נור דוקא שלומי אמוני ישראל'ניקעס. זיי האלטען אז די ציוניסטען און מזרחים טהוען ניט זייער ארבייט פאר ארץ ישראל, און ווי איך האב מיך איבערצייגט, האט די אגודת שלומי אמוני ישראל אין דייטשלאנד די גרעסטע אנהענגערשאפט.

אבער, ווי העלפט מען ארץ ישראל ווען דער מארק איז כמעט גארנישט ווערטה? ווען אן אמעריקאנער אפילו קומט קיין ארץ ישראל, האט דארטען זיין דאלער א קנאפען ווערטה, ווייל דארט האנדעלט זיך וועגען פונטען און כמעט איז דער דארטיגער פונט ניט מעהר ווערטה ווי ביי אונז דער דאלער; ווען איהר קומט אהין מוזט איהר אוועקגעבען פיער דאלער פאר איין פונט, און מיט'ן פונט קענט איהר ניט פיעל מעהר אויפטהון ווי ביי אונז מיט'ן דאלער. דאס רעדט זיך וועגען דאלער, היינט וואס פאר א ווערטה האט שוין דער דייטשער מארק וואס איז כמעט נאר איין אמעריקאנער סענט. הונדערט מארק שאפען ערשט איין דאלער, קענט איהר זיך שוין פארשטעלען

וואָס ארץ ישראל קען ערווארטען פון דייטשע אידען, מיט זייער בעסטען ווילען צו בויען ארץ ישראל.

אין אלגעמיין קען מען זאָגען אז די דייטשע אידען זענען אין א געוויסען פּרט ניט בעסער אָפּ ווי די פּוילישע אידען. זיי זענען אויך קראַנק און אַבנאָרמאַל. נאָר ווערענד די פּוי־לישע אידען זענען געווען פרום און איצט אַביסעל פרייער געוואָרען אין רעליגיאָן, זענען די דייטשע אידען געווען פריי און יעצט געוואָרען מעהר רעליגיעז, ביידע זענען אלזאָ ניט דאָס וואָס זיי זענען פריהער געווען, צוטומעלט און עקסטרים, אויך עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זענען זיי ניט פיעל בעסער אָב אַלס די פּוילישע אידען. מיט'ן אויסנאַהם דאָס אויף זיי מאכט מען בלויז עקאָנאָמישע פּאָגראָמען, און אויף די פּוילישע אידען אויך קערפּערליכע. און איך וואָלט ניט געוואָלט זאָגען אזאַ טרויעריגע נביאות דאָס אפילו געגען קערפּערליכע פּאָגראָ־מען זענען אויך די דייטשע אידען נאָך ניט פאַרזיכערט, הלואי זאָל טאַקי מיין נביאות ניט פאַרווירקליכט ווערען.

מיין רייזע קיין פוילען.

פוילען.

אויב וועגען דייטשלאַנד קען געזאָגט ווערען, אַז מען זוכט דאָרטען צו געפעלען ווערען דער וועלט און צו מאַכען דעם בעס־טען איינדרוק וועגען זיך, מוז מען זאָגען וועגען פוילען „וחילופיהן בגולם״: ווייל ביי פוילען־גולם איז אַלעס פאַר־קעהרט.

ווען איך האָב פאַרלאָזען בערלין מיט דעם אינטערנאַציאָ־נאַלען צוג נאָך וואַרשאַ, האָט זיך מיר, דעם אמת געזאָגט, דאָס האַרץ אַביסעל געשראָקען, ניט אַכטענדיג וואָס איך האָב מיין פּאַספּאָרט געהאַט וויזירט פון פוילישען קאָנסיל אין קענעדע, און נאָך דערצו געהאַט רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף צו מיניסטאָרען אין וואַרשאַ, וואָס דער קאָנסיל אין מאָנטרעאַל איז געוועזען פריינד־ליך מיר צו געבען, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך געה מיר פאַרשאַפען צרות, און זיי האָבען מיר ווירקליך ניט אויסגע־פעהלט, ד. ה. די צרות...

דעם איינציגען שטיקעל נחת וואָס איך האָב געהאַט אין פוילען, איז גלייך ביים אריינפאָהר. עס איז מיר דורך אַ צופאַל

געלונגען לייכט אפצוקומען, אבער דערמיט האט זיך די וועלט פארשלאסען ביז איך בין צוריק ארויס פון יענער מדינה.

ווען איך בין געקומען צו דער דייטשער גרענעץ ביים ארייג־פאהר קיין פוילען, האב איך זיך באקענט מיט א פאליאק, זעהר אן איינפלוסרייכע פערזאן, מיט 3 באנק־געשעפטען אין ווארשא. זיין שלאף־צימער איז געווען דער צווייטער פון מיינעם, און אזוי ווי קיין שפראך אויסער פויליש, האט דער „פוילישער יחסן" ניט געקענט און ניט פארשטאנען, און איך רייד אויך פויליש, האט ער זיך צו מיר ביסלעכווייז צוגעוואהנט, און מיר האבען פארפיהרט גאנץ אינטימע געשפרעכען וועגען דער אידי־שער לאגע אין פוילען, וועגען דער געלד וואליוטע א. אז. וו. און ניט אכטענדיג וואס אזא געשפרעך קען אמאל ברענגען, האב איך דאך ארויסגעגאסען „כל חמתי" אויף פוילען פאר דעם אידענהאס.

ער האט שוין געוואוסט אז איך בין א צייטונגס־מאן, און אז איך האב רעקאמענדאציאנס־בריעף צו א מיניסטער, (לויט ווי איך האב איהם אליין דערצעהלט), און ווען מיר זענען גע־קומען צו דער פוילישער גרענעץ, איז ער בעפאר מיר ארייגגע־לאפען אינוועניג, און ווען איך בין ארייגגעקומען מיט מיין פאס־פארט און באגאזש, האט מען מיך מיט דער גרעסטער העפליכ־קייט באהאנדעלט, און א באדינער האט פיליכט צעהן מאהל איבערגע׳חזר׳ט „פראשע פאנע", ביטע הערר, און מיר דעם האנד־בעג ארויפגעטראגען אויף דעם וואגאן אזוי העפליך ווי עס קען נאר זיין. איך האב פארשטאנען אז די געזיכטער פון די פוילישע טשינאווניקעס מיט די לאנגע וואנצעס, אז דאס איז ניט פאר מיין כבוד, נאר דער פוילישער יחסן, וואס איז מיט מיר געפאהרען, האט דארטען עפעס אונטערגעמורמעלט.

אבער ווי די מעשה זאל ניט זיין, עס איז אלעס דורך בשלום און איך בין דאן צוריק אריין אין וואגאן, און מיין שכן פרעגט מיך: נו, איז דער טייפעל אזוי שלעכט ווי מען מאהלט איהם?

—ניין, ענטפער איך איהם, אבער איך פארשטעה אז דו האסט עפעס געזאגט פאר מיר. ווייל מען האט אפילו ניט גע־

וואָלט אויפמאַכען מיין באַגאַזש און מיך ניט געפרעגט צי האָב איך עטוואָס צו באַצאָהלען.

—ניין, ענטפערט ער מיר, איך האָב גאָרניט געזאָגט, נאָר בלויז מען זאָל דיך צופיל ניט האַלטען, און דאָס אַלעס.

און אַזוי אַרום בין איך שוין געווען אין פּוילען אָהן קיינע שוועריגקייטען.

אָבער דאָן האָבען זיך אָנגעפאַנגען די צרות.

מיין באַהן־בילעט איז געווען באַצאָהלט ביז וואַרשאָ, נאָר ווען איך האָב אויף'ן וועג אויסגעפונען דאָס מיר פאָהרען דורך לאָדזש, האָב איך באַשלאָסען אונטערצושטייגען אין לאָדזש, און פון דאָרט ערשט פאָהרען נאָך וואַרשאָ.

נאָך דער גרענעץ האָב איך זיך געלעגט שלאָפען מיט דעם געדאַנק דאָס אַרום פריה־מאָרגען וועל איך זיין אין לאָדזש און דער פאָרטער האָט מיר פאַרשפּראָכען אויפצואוועקען מיך אַרום 7 אַזייגער אין דער פריה.

אָבער איך פאַרזיכער מיינע לעזער דאָס איך בין די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען און אַרום פינף אַזייגער פאַרטאָג האָב איך אַרויסגעקוקט דורך'ן פענסטער פון וואַגאָן, און איך האָב שוין דערזעהען דעם אַלטען פּוילען.

ניט אַכטענדיג אַ גרויסען רעגען, זענען די באָרוועסע פּויערים שוין געווען מיט די בהמות אויף די פעלדער, און ביי יעדער קליינער סטאַנציע קומען צולויפען אידען מיט פעקלאַך אויף די פּלייצעס, אין'ם רעגען, אָהן שירעמס, מ'כאַפּט זיך אַרויף אויף דער באַהן, און מען לויפט דורך עפּעס מיט אַ מין שרעק, אַרומקוקענדיג זיך אַהינטער און אויף אַלע זייטען, ווי זיי האָבען מורא, טאָמער יאָגט זיי אימיצער נאָך.

איך האָב אָנגעהויבען זיך צו פאַראינטערעסירען מיט די נעמען פון די שטעדטלאַך וועלכע זענען מיר באַקאַנט, אָבוואָהל איך האָב זיי שוין ניט געזעהען פאַר די לעצטע עטליכע און צוואַנציג יאָהר, אין האָב מיט גרויס אינטערעס געלעזען ביי יעדער סטאַנציע די נעמען; אַלץ באַקאַנטע שטעדטלאַך, באַ־קאַנטע נעמען, און מיר האָט זיך דאָן פאַרגלוסט יעדע שטעד־

טעל זאָל מיר דערצעהלען די צרות וואָס זי האָט מיטגעמאַכט אין די זיבען יאָהר מלחמה, און אַז איך האָב געזעהען אידען לויפען צום צוג פון יעדער שטעדטעל, האָב איך אַ טראַכט געטהון: נאָך מיט חסד, עס זענען נאָך געבליבען אידען אין׳ם שטעדטעל; און מיט אָט אַזעלכע געדאַנקען בין איך אַפּגעפאָהרען ביז דער קאָנדוקטאָר האָט אַנגעקלאַפּט אין טהיר:

—לאָדזש!

דאָ האָב איך זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף און אַ טראַכט געטהון: ענדליך, ענדליך איז מיין רייזע ניט קיין חלום, איך געפין זיך טאַקע אין דער שטאָדט וואו איך האָב פאַרבראַכט מיינע בעסטע יוגענד־יאָהרען! און טאַקי גלייך בין איך ארונטער פון באַהן.

דער רעגען האָט נאָך געהאַלטען אין איין שטראָמען, ווי פוילען וואָלט עס געקלאָגט אויף איהר מערכה. איך האָב גענומען אַ דראָזשקע און מיך געהייסען פיהרען צום גרעסטען האָטעל.

דער טרייבער פון דער דראָזשקע, אַ איד, האָט שוין שכל געהאַט מיר צו געבען די ערשטע לעקציע אין הלכות פוילען.

—הערט, זאָגט ער מיר, איך זעה דאָך אַז איהר זענט אַן אַמעריקאַנער, זאָלט איהר וויסען, אַז אין האָטעל וועט מען אייך זאָגען, אַז עס איז ניטאָ קיין צימער, אָבער ווען איהר וועט דעם פּאָרטער אונטערשטופּען אַ טויזענט מארק וואָס ביי אייך איז עס אַ גאָרניט מיט אַ גאָרניט, וועט ער שוין פאַר אייך געפינען אַ צימער, און דאָס זעלבע איז אין יעדען האָטעל אין לאָדזש און אין וואַרשאַ.

וכך הוה, איך קום אין האָטעל, פאַרלאַנג אַ צימער, רעד ענגליש, אָבער ער האַלט אין איין טענה׳ן אַז ער האָט נאָך ניט קיין צימער, ביז איך האָב אַנגענומען דעם בעל־עגלה׳ס עצה ארויסגענומען אַ טויזענט מארק שטיק (אונזערע 60 סענט דיזען טאָג) און זאַפּאַרט האָט ער פאַר מיר אויסגעפונען אַ צימער און איך האָב דורך דעם פענסטער פון האָטעל זיך אַנגעקוקט מיט אַ טהייל פון לאָדזש.

איך האָב זיך שפּעטער געזעהען מיט דעם אידישען סעים־

דעפוטאט דר. ראזענבלאט, און ער האט מיך דארט פארגע־שטעלט פאר די לאדזשער כלל־טהוער. און אין צוויי טעג ארום בין איך אפגעפאהרען קיין ווארשא.

מיין האטעל אין לאדזש האט פאר מיר געקויפט אן ערשטע קלאס בילעט מיט א באזונדער בילעט פאר א זיץ־פלאץ. אבער ווען איך בין געקומען צום באהן, פאהרט גאר ניט קיין ערשטע קלאס וואגאן, איך קום אריין אין צווייטען קלאס—אלע פלעצער פארנומען, האב איך מיך אוועקגעשטעלט ערגעץ אין א ווינקעל, און אין עטליכע מינוט האט מען מיך אזוי צוגעדריקט, אז איך האב ניט געקענט אטהעמען.

דער קאנדוקטאר קומט נאך די בילעטען, געפינט ער אין מיין בילעט צוויי פעהלערען. ערשטענס אז ער איז פון ערשטען קלאס, און צווייטענס, דאכט זיך איהם אז ער טראגט א שטעמ־פעל פאר מארגען. אלזא, וויל ער באצאהלט פאר א צווייטען קלאס בילעט.

איך טענה, דאס איז דאך די זעלבע באהן, וואס איז דער אונטערשיד היינט אדער מארגען? און דאן ווען איך בין צו־פרידען פאהרען 2־טע קלאס און צו שטעהן מיט אן 1־טען קלאס בילעט אהן א זיץ־פלאץ, פארוואס ווילסטו נאך אז איך זאל דיר נאכאמאל באצאהלען? און איך גיב איהם צו פארשטעהן דאס איך בין אן אמעריקאנער. אבער ער ווייסט ניט פון קיינע חכמות—דאס איז ניט דער בילעט פאר דיעזען קלאס.

די אידען הערען אז איך בין אן אמעריקאנער, איז אין האלב־ענגליש און אין האלב־דייטש בעטען זיי מיך איך זאל איהם באצאהלען. מאכט ניט קיין געשעפטען מיט איהם, בעטען זיי מיך, עפעס מיט א מין מורא פאר צרות. איך טהו זיי צוליעב און באצאהל נאכאמאל פאר א בילעט, און דער קאנדוקטאר זאגט אויף פויליש „הלואי וואלטען שוין אלע אידען אוועקגעפאהרען קיין אמעריקע‟, איך וויל איהם געבען א גוטען באגראב, אבער די אידען האלטען מיך אפ. און א דאמע גיט מיר דערפאר אוועק איהר פלאץ צום זיצען. איך וויל עס ניט. רוקען זיך אלע אידען צוזאמען און איך זיץ שוין אזוי ב״ה ביז ווארשא.

אַט דערפון קען דער לעזער האָבען אַ שטיקעל באַגריף פון דער פוילישער לאַגיק און פון דער אידישער שרעק פאַר עפּעס ערגערס. איך האָב זיך געווענליך מיט די אידען גוט דורכגע־רעדט איבער דער אידישער לאַגע, און עס ווייזט אויס אַז זיי זענען שוין דערצו אַזוי געוואוינט, אַז זיי פאַרשטעהען גאַרניט ווי עס קען גאָר בעסער זיין, אַבּי אַדאַנקען גאָט, זאָגען זיי, מען רייסט שוין ניט די בערד און מען וואַרפט שוין ניט אַרונטער פון באַהן, אַ דאַנק אייערע אַמעריקאַנער און ענגלישע אידען.

דערהערט אַז מיר אַמעריקאַנער אידען האָבען אַזוי געראַ־טעוועט אונזערע ברידער אין פוילען, האָב איך דערפיהלט אַ שטיקעל טרייסט. מיר האָבען דאָך עפּעס אויפגעטהון מיט אונזערע פּראָטעסטען און שתדלנות, דערצו פאַרגעסען ניט די פוילישע אידען די גרויסע הילפע וואָס זיי האָבען באַקומען פון אַמעריקע אין געלט און אין שפּייז.

—אַך, ווען ניט איהר, אַמעריקאַנער אידען, רופט זיך אָפּ איינער אין באַהן, ווען ניט איהר, וואָלט שוין קיין זכר פון די פוילישע אידען ניט געווען.

איך גיב אַ טיפען זיפץ, אָבער פיהל דאָך אַ שטיקעל טרייסט.

נאָכדעם ווי איך האָב אין וואַרשא געמוזט דורכגעהן די זעלבע פּראָצעדורע מיט אַ האָטעל, בין איך דעם נעקסטען טאָג אַוועק זיך באַזאָרגען מיט אַ בילעט קיין בערלין אויף דעם אינ־טערנאַציאָנאַלען צוג, באַשטעלט מיט 9 טעג בעפאָר, געקראָגען מיין בילעט, און נאָך דריי טעג פאַרברענגען מיט פאַרשידענע כלל־טהוער, אידישע צייטונגען, „היאַס" און דזשוינט דיסטרי־ביושאָן, בין איך אַוועק אין מיין געבורטס־שטעדטעל פאַר עטליכע טעג, מיט דעם געדאַנק צוריקצוקומען פאַר דעם 21־טען, דאָן ווייזען נאָך צוויי טעג און דעם 23־טען אָפּפאָהרען צוריק קיין בערלין און פון דאָרט נאָך קאַרלסבאַד.

דאָס אָנקומען און פאַרברענגען אין מיין שטעדטעל, וואָלט דאַכט זיך ניט גענוג געווען דאפיר אַ ספּעציעלער קאַפּיטעל און אפילו ניט צוויי אָדער מעהר. אָבער, איך וויל נאָר

בלויז באַמערקען, אַז ווען איך האָב געלעזען פון איינציגע אַמעריקאַנער שרייבער וואָס האָבען באַזוכט זייער געבורטס־שטאָדט און עס באַזונגען, זיך קוויקענדיג מיט די פרישע ערינע־רונגען, האָב איך דאַמאָלסט גאָר אַנדערש געדענקט וועגען דער אַלטער היים.

עס איז מיר אין מיין שטעדטעל קלאָהר געוואָרען דער „דע מאַין באַת'', ווייס פון וואַנען דו קומסט, און ווירקליך, ווען יעדער איינער וואָס באַזוכט פּוילען זאָל אַזוי דענקען, אַז דער צוועק דערפון איז „דע מאַין באַת, זעה און ווייס פון וואַנען דו קומסט אַרויס, וואָלט דער באַזוכער געפיהלט אַזוי ווי איך.

איך וועל מיך ניט שעהמען צו זאָגען, דאָס איך האָב באַ־זוכט דאָס הויז וואו מיין פאָטער איז געשטאָרבען און איך האָב דאָרט אין זינען געהאַט אַן אמת'ן הרהור תשובה, און איך האָב צו זיך געזאָגט: זעה וואו דו האָסט געלעבט. פינף פּערזאָן אין אַ קליין געוועהנליך שטיבעלע. און וואָס פאַר אַ יחסן ביסטו עפּעס היינט? זעה דאָס לעבען און אָרימקייט פון'ם שטעדטעל! אַט דאָ ביסטו געבוירען געוואָרען, און פיליכט על פי נס, האָסטו זיך פון דאַנען אַרויסגעכאַפּט, און קעהרסט יעצט וועלטען. אַלזאָ גוט זיך אָביסעל צו דערמאָהנען „דע מאַין באַת'', ווייס פון וואַנען דו קומסט אַרויס.

איך האָב אין מיין שטעדטעל פאַרבראַכט פון פרייטאג פאַר־נאַכט ביז זונטאג נאָכמיטאג, ווען איך בין דורך אַ הינטער־טהיר אַרויס פון „האָטעל'' און מיט אַ פוהר צום באַהן געפאָהרען.

איך זאָג, איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט, עס קען ממש הייסען „אַרויסגע'גנב'עט'', ווייל איך האָב שוין פּשוט ניט געהאַט קיינע פּוילישע מאַרקען צום צוטהיילען.

עס איז אַ טראַגישער אָבער צו דער זעלבער צייט קאָמישער אינצידענט. צום ביישפּיעל, מיך האָבען באַזוכט אַרום הונדערט אַלטע מענער וועלכע האָבען גע'טענה'עט אַז זיי זענען געוועזען מיינע מלמדים.

אום גאָטעס ווילען, פרעג איז זיך, האָב איך דען געלערענט ביי אַזוי פיעל מלמדים? אַרום די זעלבע צאָהל פרויען האָבען

גע'טענה'ט, אז זיי האָבען מיך ארומגעטראָגען קליינערהייד אויף די הענט, ווערהרענד איך גלויב אַז איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט די זכיה געטראָגען צו ווערען פון אַ ניאַנקע.

דאָן די רבנים, דינים, אינסט־טוציעס, אַלע האָבען געהאַט עפּעס צו זאָגען, און וויפיעל איך האָב געקענט אַזוי פיעל האָב איך געטהיילט. אָבער די טרעהרען האָבען מיר זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען אין די אויגען און עס האָט מיך געריהרט ביים הארצען.

רבונו של עולם! האָב איך געקלעהרט, וואָס האָסטו גע־וואָלט פון אונזער פאָלק? וואָס האָסטו פון אַ גאַנץ פאָלק גע־מאַכט אַ בעטלער־פאָלק?

נאַטירליך אין די גרויסע שטעדט זעהט זיך אין גאַם כמעט אַ גאַנץ אַנדער לעבען. מען לעבט ווי עס וואָלט גאָר קיין מלחמה ניט געהאַט געוועזן, ווי עס וואָלט גאָר קיין אידען־פראַגע ניט עקזיסטירט אין פּוילען. דאָך באַגעגענט איהר דאָרט איינצעלנע פעלע וואָס דערמאָהנען אייך אָן דעם קליינעם שטעדטעל.

למשל, איך שטעה אין וואַרשאַ ביים „היאַס", קומען צו אידען אין'ם הויף און שטעלען זיך אַוועק זינגען אידישע ליעדער, אום צו פאַרדינען עטליכע מאַרק.

אידען געהען ארום גאַנצע קאַמפּאַניעס אויף די הויפען מיט מוזיקאַלישע אינסטרומענטען און שפּיעלען ארום יעדער הויז אַ שטונדע צייט אום מען זאָל זיי אַרונטערוואַרפען עטליכע מאַרק, און נאָך אַזעלכע עהנליכע טרויעריגע פּראָפעסיאָנען פון שנאָרעריי.

פון מיין שטעדטעל האָב איך דאָס גליק געהאַט גלייך אויף'ן באַהן זיך צו באַקענען מיט אַ פּוילישען אָפיציר וואָס רעדט גוט ענגליש און איך האָב מיט איהם פאַרבראַכט ביז ראַדאָם, דאָרט בין איך אָפּגעשטיגען, אום אָפּגעבען מיטגעשיקטע געלד, און ארום צעהן אזייגער אין דער פריה ביז איך צוריק אָנגעקומען קיין וואַרשאַ. מיין האָטעל־פּאָרטער האָב איך ווייטער געמוזט משחד זיין מיט אַ צוויי טויזענט מאַרק ער זאָל מיר געבען אַ

צימער פאר איבער־נאכט אום מארגען צו קענען צוריקפאהרען אין בערלין.

איך האב אויף צומארגענס פריה געשריבען א בריעף קיין בערלין צו מר. קייזערמאן'ען מען זאל מיך אפווארטען און בין אוועק צום מאגיסטראט קריגען א וויזע ארויסצופאהרען. דא האט מיר שוין געהאלפען מיין בריעף צו די ווארשעווער מיניסטארען, וויל, ווען די בעאמטע האבען ביי מיר צוגענומען דעם פאספארט און געהייסען קומען מארגען, האב איך מיט דעם שטאלץ פון אן ענגלישען אויסגעשריען — ניין! איך מוז היינט פאהרען!

ער האט זיך אויסגעלאכט. „דו מוזט? זאגט ער, וועסטו ניט פאהרען!" איך כאפ ארויס די בריעף צו די מיניסטארען און צייג איהם.

—זעה! זאג איך (א ליגען), איך האב היינט גערעדט מיט דיעזען מיניסטער, ער פאהרט מיט מיר צוזאמען, און האט מיר געזאגט אז דו וועסט מיר מיין וויזע געבען אין איין מינוט!

ער איז באלד ווייכער געווארען און געזאגט „פראשע פאנע" ביטע הער, ווארטען זי צעהן מינוטען. (דאס איז שוין עפעס אנדערש), און ער האט זיין ווארט געהאלטען, וויל נאך בעפאר צעהן מינוט האט ער מיר שוין דעם פאספארט דערלאנגט מיט א שמייכעל און געהייסען באצאהלען צוויי הונדערט מארק און איך בין אוועק צום וואגזאל. אבער דא הויבען זיך אן מיינע צרות.

דער אינטערנאציאנאלער צוג, זאגט מען מיר, וועט היינט ניט אפפאהרען, וויל עס האט אויסגעבראכען א באהן־סטרייק אויף דער גאנצער ליניע, און די פינקטליכקייט איז דארט זעהר „שטארק". יעדער בעאמטער זאגט עפעס אנדערש און איינער פון צווייטען וויים ניט. און צום סוף ווייסט אויף'ן באהן קיינער ניט וואס ער זאגט. אז איך פרעג איינעם איבער, סטיימש, דער נאטשאלניק האט דאך מיר אנדערש געזאגט? ענטפערט ער מיט א קוועטש מיט'ן פלייצע: „וואס וויים איך?"

אלזא, שטעלט אייך פאר ווי איך האב געפיהלט; א סטרייק

אויף'ן באהן, ווער ווייסט ווי לאנג דאס קען אנהאלטען? דער צוג האט געזאלט אפגעהן אכט אזייגער אווענט. איך ווארט ביז צעהן אזייגער און געה צוריק אין האטעל. מוז ווייטער געבען שחד אום צו קריגען א צימער פאר איבער נאכט. אבער ווי איהר פארשטעהט בין איך שוין ניט געשלאפען.

אין פריהמארגען געה איך אין דער ביורא וואו איך האב געקויפט מיין שלאף־וואגאן בילעט. איך פארלאנג צוריק דאס געלד, 60 פראנצויזישע פראנק. זאגט מען מיר לא מיט אן אלף, ווייל דער צוג איז אפגעפאהרען צוועלף אוהר ביינאכט.

וואס בין איך שולדיג? פרעג איך. מען האט דאך מיר געזאגט ביי דער סטאנציע אז קיין צוג וועט ניט אפפאהרען און אנשטאט אכט האב איך געווארט ביז צעהן אזייגער. לאכט מען זיך פון מיר אויס. אלזא, פרעג איך, צי היינט אווענט וועט אפ־געהן א צוג.

געוויס, זאגט מען מיר.

עס איז דאך א סטרייק? פרעג איך ווידער.

דאס מיליטער וועט פיהרען דעם אינטערנאציאנאלען צוג, ענטפערט מען מיר.

אלזא, דארף איך ווידער באצאהלען זעכציג פראנצויזישע פראנק. לויף איך אוועק צו די וואליוטען הענדלער, טויש אויס געלד און קום צוריק. ענטפערט מען מיר אז אויף היינט זענען שוין אלע שלאף־צימערען פארקויפט.

איך פארשטעה אז מען מיינט ווייטער שוחד. איך גיב איהם דעם הונדערט פראנק שטיק, און זאג איהם ער זאל מיר ניט געבען קיין רעשטע. און ענדליך געפינט ער פאר מיר א פלאץ.

אין אווענט, דאס איז שוין מיטוואך דעם 24־טען, איך קום צו דער סטאנציע און מען זאגט מיר אז מיין צוג וועט ניט געהן. עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען. איך בעקען זיך דארטען דערווייל מיט א בעלגישען אידען, א דיימאנד־הענדלער, וואס האט אויך געהאט די זעלבע מפלה מיט א נעכטיגען בילעט. ער פאהרט מיט זיינעם א זוהן און ער באקענט מיך מיט דעם

איטאליענישען געזאנדעטען צו דעם נאציאָנען ליעג, און מיר באשטעהען אלע פיער צו דינגען אן אויטאָמאָביל און ביי רעכט אָדער לינק זיך ארויסצוכאפּען פון פוילען.

אָבער וואו קריגט מען אן אויטאָמאָביל? מען זאָגט צו א בעאמטען פינף און צעהן טויזענט מארק ער זאָל אונז שאפען אן אויטאָמאָביל, מיר וועלען צאהלען וויפיעל ער וועט פארלאנ־גען. דער בעאמטער געהט אוועק און קומט צוריק ארום צעהן אזייגער ביינאכט מיט אן אנטווארט אז עס איז אונמעגליך צו באקומען אן אויטאָמאָביל. אָבער, זאָגט ער, ער ווייסט זיכער, אז צוועלף ביינאכט וועט געהן א מיליטערישער צוג קיין קאליש, וועט ער זעהען אז מען זאָל אונז ארויפנעהמען.

וכך הוה, ארום צוועלף ביינאכט איז אָנגעקומען א צוג פון ערגעץ וואו, וואס פאהרט קיין קאליש מיט סאָלדאטען. מיר כאפּען זיך אריין אין וואגאָן און זעצען זיך אוועק אויף די פעקלאך. און ארום איינס אזייגער ריהרט זיך דער צוג.

מיר פאָהרען אַפּ ארום דריי שטונדען צווישען ווארשא און לאָדזש, דער צוג בלייבט שטעהן.

—וואס איז געשעהען? פרעגען מיר.

—די בריק וואו דער צוג דארף דורכגעהן ברענט, אונ־טערגעצונדען געווים ביי די סטרייקער.

—אלזא, וואס געהט מען טהון? פרעגט מען.

—מען געהט צוריקפאָהרען נאך ווארשא.

א גוטע בשורה...

מיר זענען ארונטער פון צוג און ווירקליך האט זיך אביסעל געדרויכערט דאס האלץ, וואס די אייזערנע רעלסען זענען צו דעם צוגעשלאָגען. אָבער עס איז ניט קיין בריק איבער א וואסער נאר א קליין בריקעלע איבער א טהאָל. מיט עטליכע שעפּעלעך וואסער וואלט עס געקענט פארלאשען ווערען.

דער אינזשיניר געהט אויך ארויס, קוקט און טראכט, און דרעהט מיט'ן קאָפּ „א צאַ זראָביטש?" וואס טהוט מען? פרעגט ער. און חברה גיבען איהם אן עצה אויסצופּאמפּען עט־ליכע עמער וואסער פון אינדזשען און דאס פייער פארלעשען.

—און דאַן דורכפאָהרען? פרעגט ער, און טאַמער ליגט דאָרטען דינאַמיט? מאַכט ער א חקרנ'ישע באמערקונג.

—וואָס דען קענסטו טהון? פרעג איך איהם.

—איך וועל צוריקפאָהרען, זאגט ער, ביז דער ערשטער סטאַנציע און דאָרט זיך אויסדרעהען אויף דעם טרעק וואָס געהט אויף צוריק, יענע זייט ברענט ניט און מיר וועלען פאָהרען אויף דעם טרעק וואָס געהט צוריק.

—און אַז עס וועט אַנטקעגען קומען אַן אנדער צוג? פרעגט איהם אַ באַאמטער.

—וועל איך האַלטען אין איין פייפען אום אויסצומיידען אַ צוזאַמענשטויס.

אזוי איז עס געווען. מען איז צוריק ארויף אויף'ן באַהן און מען איז צוריקגעפאָהרען, גענומען דעם צווייטען טרעק ביז אַ סטאַנציע נאָך'ן בריקעל, דאַן צוריק אויף'ן רעכטען טרעק און ווייטער.

ארום 8 אזייגער אין דער פריה זענען מיר אָנגעקומען קיין קאַליש, דאַרף מען ווידער צוגעהן עטליכע מייל קומט מען צו אַ צוג וואָס געהט קיין פויזען.

דאָ זענען מיר געגאַנגען ארום אַ האַלבע שטונדע צופוס מיט די געפעק און מיר פיער אימער צוזאמען. ביז מיר האָבען געטראָפען אַן אינדזשין מיט צוויי וואַגאָנען פיהרען בהמות. מיר בעטען ביי דעם אינזשיניר ער זאָל אונז ארויפנעהמען און ער לאָזט אונז אריין צוזאמען מיט די בהמות. אין אַ האַלבער שטונדע זענען מיר געקומען צו אַ שטעדטעל פון וואַנען אַ צוג וועט אָפגעהן ארום צוויי אזייגער נאָכמיטאג נאָך פויזען.

מיר וואַרטען שוין דאָרט ביי דער סטאַנציע, קיין שטיקעל ברויט קענט איהר ניט קריגען פאַר קיין געלד, נאַר ביער אָדער שנאַפּס מיט סוכאַרקעס. פאַר דעם בעלגיער מיט'ן זוהן און פאַר דעם איטאַליענער איז דאָס אויך גוט געווען, וויל זיי האָבען געמאַכט אַ שנאַפּס, פאַרביסען מיט נאָך איינעם און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע און ווייטער דאָס זעלבע.

איך האָב מיך אָבער גיהאַלטען זאָט מיט'ן געדאַנק, אַז ענדליך װעלען מיר דאָך איבערקומען די רײזע.

אַלזאָ, דאָנערשטאָג צװײ אַזײגער נאָכמיטאָג קומט אָן אַ צוג מיט אַרום 10 װאַגאָנען. מיר זעצען זיך אַרײן און פאָהרען שױן מיט מזל קײן פױזען און טאַקע אין פיער שטונדען צײט זענען מיר שױן אין פױזען (פױלישע פּרײסען). דאָרט שטײגט מען אַרונטער און מען זאָגט אונז צו, אַז מאָרגען פרײטאָג, אַכט אַזײגער אין דער פריה, געהט אָפּ אַ מיליטער צוג צו דער פױ־לישער גרענעץ, אַרום פיער שטונדען רײזע פון דאָרטען, 20 מינוטען צו דײטשלאַנד.

איך געה אַרונטער מיט די אַנדערע לײטע און מיר באַקו־מען אַ האָטעל פאַר איבער נאָכט. מיר קריגען עפּעס צו עסען. דאַן מאַך איך אַ פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלען דאָ אין האָטעל אַלעס איבערלאָזען און מאַכען אַ שפּאַציער צום באַן־הױף, פיליכט װעט מען קריגען אַ צוג דורך דער נאָכט.

מיר פאָהרען אַװעק צום באַהן־הױף. שטעלט אונז אָפּ אַ סאָלדאַט: װאוהין פאָהרט איהר?

—מיר פאָהרען קײן דײטשלאַנד.

—האָט איהר קאַרטען פון שטאָדט־מאַגיסטראַט צו פאַר־לאָזען די שטאָדט?

—װאָס מיר קאַרטען? װען מיר קאַרטען? ענטפערען מיר, איך בין אַן אַמעריקאַנער, דער איז אַן איטאַליענישער דיפּלאָמאַט, די אַנדערע בעלגישע אונטערטאַנען, מיר האָבען אַלע פּאַספּאָר־טען. מיר זענען נאָר אַרונטער זיך אָביסעל אָפּרוהען. אָבער עס העלפען קײנע טענות, מען ברענגט אונז צום מיליטערישען קאָ־מאַנדיר.

די זעלבע פראַגען, די זעלבע אַנטװאָרטען. אַלזאָ, מײנע הערען, זאָגט מען אונז, איהר קומט מאָרגען 9 אוהר פריה. גיט אײערע פּאַספּאָרטען װעט איהר נאָכמיטאָג קריגען ערלױבנישען אַרױסצופאָהרען פון שטאָדט.

די אַנדערע קענען ניט קײן פױליש. איך אָבער מאַך אַ

גוואלד: מיר זענען פרעמדע מיט פאספארטען, מיר מוזען אפ־פאהרען זעקס אזייגער פריה, אויב מיר קריגען נימ פריהער קיין צוג. איך פאהר צו א קאנגרעס! דיעזער הער פאהרט צו א מיטינג פון דער נאציאנען־ליעג! איך רעד און ער קוקט מיך אפילו ניט אן. דאך, זאגט ער צו מיר, געהט שנעל אריבער צום בירגערמייסטער בעפאר ער שליסט דעם מאגיסטראט, אפשר וועט ער עפעס טהון פאר אייך.

איך מיט'ן איטאליענער פאהרען אוועק צום בירגערמייסטער ער הערט אוים אונזערע טענות און זאגט שוין פריינדליך: איך קען גארניט העלפען, דאס באלאנגט צום מיליטער.

—ס'טייטש, שריי איך, דער מיליטער־בעאמטער האט דאך אונז געשיקט צו אייך!

—ליידער קען איך אייך גארניט העלפען, נאר אויב איהר האט שכל, וועט איהר דארט באקומען די קארטען. איך פארשטעה דעם וואונק און פאהר צוריק צום זעלבען מיליטערישען באאמטען און איך זאג איהם, דו קריגסט וויפיעל דו ווילסט און גיב אונז זאפארט די קארטען.

ער זאגט שוין מילדער, פאר געלד קען איך דיר גארניט טהון, נאר ווארט אביסעל. מיר האבען געווארט; און דא שטעהען שוין הונדערטע לייטע וואס ווארטען שוין פון עטליכע טעג פאר זייערע קארטען. ער רופט אוים די נעמען און צוטיילט די וויזעס. דאן גיט ער שנעל א רוף נאך עטליכע נעמען און זאגט אויף פויליש: „פשאקרעוו, ניע פרזשיכאזשילי", (הינטיש בלוט, זיי זענען ניט געקומען!) אמעריקאנער, קומט אהער! איך געה צו מיט מיין חברה, ער שטרייכט אוים פון די קארטען יענע נעמען און שרייבט אויף אונזערע, דערלאנגט זיי אונז מיט א טאן, אט האב איך אייך געראטעוועט דאס לעבען.

מיר כאפען זיך ארויס פון קאזארמע, און ניט נאר גיבען מיר איהם גארניט, נאר מיר זאגען אפילו ניט קיין דאנק און— אט זענען מיר אויף'ן באהן־הויף.

אלזא, מיר געפינען אוים, אז א צוג וועט טאקע ערשט

זיין ארום 8 אוהר פריה. מיר געהען דאן צוריק אין האָטעל און דערצעהלען דעם האָטעל־קיפּער, אַז מיר האָבען קאַרטען פאַר מאָרגען פריה. וואונדערט ער זיך און גלויבט ניט ביז מיר ווייזען איהם די קאַרטען.

—פאַרוואָס האָסטו אונז ניט געזאָגט, אַז מען דאַרף קאַר־טען?—פרעג איך איהם.

—איך וואָלט דען פאַרשפּעטיגט אייך צו זאָגען מאָרגען פריה? ענטפערט ער. און דער בעלגיער וויל איהם פאַר רציחה אַזש דערלאַנגען אין מאָרדע.

אויף מאָרגען אכט אזייגער אין דער פריה איז דער צוג מיט מזל אָפּגעגאַנגען און אַ רייזע פון פיער שטונדען האָט גע־דויערט גאַנצע אכט. געגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט. וואָס איז דער מעהר? עס פעהלט דאַמפּף, ענטפערט מען. אזוי האָבען מיר זיך געשלעפּט ביז 4 אזייגער בייטאָג און ענדליך זענען מיר אָנגעקומען צו דער פּוילישער גרענעץ.

מען האָט רעווידירט די פּאַספּאָרטען, דעם באַגאַזש. דאָן פרעגט זיך ווייטער: ווי קומט מען צום דייטשען גרענעץ? עס איז 20 מינוט מיט דער באַהן אָדער 3 שעה צו געהן צופוס.

דאָ האָט דער בעלגישער דערקענט אַ דייטשען דיפּלאָמאַט. ביידע זענען אריין צום טעלעפאָן און אָפּגערופען די דייטשע גרענעץ און גע׳פּועל׳ט, דאָס אַ צוג זאָל ארויסקומען צו דער פּוילישער גרענעץ.

ארום 7 אזייגער איז דער דייטשער צוג אָנגעקומען און אונז פאַרנומען צו דער דייטשער גרענעץ. דאָרט ווידער דורכ־געגאַנגען דאָס רעווידירען די פּאַספּאָרטען, דעם באַגאַזש און דאַן זיך אויפגעזעצט אויף אַ דייטשען צוג און ארום 1 אזייגער שבת בייטאָג אָנגעקומען אין בערלין.

אַז איך האָב דערהערט דאָס וואָרט בערלין, האָב איך געבענשט גומל. איך בין גלייך אַוועק מיט דעם איטאַליענער אין אַ האָטעל. דער בעלגיער מיט׳ן זוהן האָבען געוואַרט פאַר אַ צווייטען צוג ווייטער צו פאָהרען, און זונטאָג פריה בין איך אין 8 שטונדען צייט אָנגעקומען קיין קאַרלסבאַד.

דערוויל האָט זיך אין בערלין געהערט אַז דער סטרייס אויף די פּוילישע באַהנען האָט זיך פאַרשטאַרקערט און עס איז מעגליך, אַז די פּוילישע דעלעגאַטען וואָס זענען נאָך ביז יעצט ניט געקומען צום ציוניסטישען קאָנגרעס, וועלען שוין ניט קענען קומען.

מיין פריינד קייזערמאַן האָט דערוויל אין בערלין גע־מאַכט אַ גוואַלד ביים ענגלישען קאָנסול, ווייל איך האָב טע־לעגראַפירט אַז איך קום מיטוואָך, און ער האָט מיך ניט גע־זעהען ביז פרייטאָג.

דער קאָנסיל האָט וועגען מיר טעלעגראַפירט קיין וואַרשאַ און האָט באַקומען אַן ענטפער, אַז איך מוז ערגעץ זיין פאַר־האַלטען אויף'ן וועג צוליעב דעם סטרייק.

די אידישע לאגע אין פוילען.

פון מיינע פריהערדיגע קארעספאנדענציעס פון פוילען, האבען די לעזער געקענט האבען א שטיקעל באגריף פון דעם צושטאנד אין פוילען און פון די פוילישע אידען אין אלגעמיין, אבער איך וועל דא אין א קורצען ארטיקעל אדער צוויי, מאכען א סך הכל איבער דער לאגע און וועל דאביי מוזען נוצען איינינע באלייכטונגס־פאקטען.

מען דערצעהלט עפעס א לעגענדע פון א שטאדט, וואס שדים האבען אויפגעבויעט איבער נאכט, און די שטאדט האט געקאכט און געזשוועט, מיט פיעלע שעהנע בנינים און געשעפ־טען. מענשען האבען געמאכט גאלדענע געשעפטען, פארדיענט אוצרות, אבער דורך א י י ן שנעל פון א פינגער, איז די גאנצע שטאדט צוריק חרוב געווארען און פון אלעם איז בלויז געבליבען א בארג אש און חורבות.

און ווען א פרעמדער קומט אין א רוישיגער שטאדט פון פוילען, ווענדעט זיך זעהר פיעל מיט וואס פאר א ברילען ער קוקט, איך זאג ברילען, ווייל דאס פארשטעה איך לייכטער,

און דאָס זעלבע זאָג איך אויך אין באַצוג צו ארץ ישראל, דאָס עס ווענדעט זיך מיט וואָס פאַר אַ ברילען מען קוקט אויף'ן לאַנד, ווייל אויגען האָבען דאָך אַלע די זעלבע, אָבער ברילען ווענדט זיך שוין מעהר אין דער פאַרגרעסערונג אָדער פאַרקלענערונג וואָס זיי צייגען.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשאַ און שטודירט די נאַלעווקים, די קאַביגסטע גאַס מיט געשעפטען וואָס באַלאַנגען צו אידען, האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון דער שדים־שטאָדט.

איהר הערט אידען רעדען פון טויזענטער מאַרקען, קיינמאָל ניט ווענינער ווי טויזענטער, נאָר אָפט אַזוי הויך ווי מיליאָנען. מען רוישט, מען לויפט, מען קאָכט זיך און עס דאַכט זיך אייך דאַמאָלסט אַז די אידען זענען דאָ גבירים, און ווען איהר קוקט מיט פאַרגרעסערונגס־ברילען, קומט איהר צום באַשלוס אַז אידען איז דאָ בעסער ווי איבעראַל, מיט אַזעלכע ברילען קוקען אויך די מאָרגענטהויס און זייער גלייכען.

אָבער פּרובירט אַ נעהם טהון דעם ערשטען אידישען פאַרהאָרעוועטען מיליאָנער, גיט איהם אַ שטעל־אָב און פרעגט איהם, וואָס לויפט איהר? וואָס האָבען אייערע טויזענטער אָדער מיליאָנען פאַר אַ ווערטה? ערשטענס פאַלט דער מאַרק מיט יעדער מינוט, און אויב דער מאַרק פאַלט נאָך וועניג, איז אָבער דער אידישער שיקזאַל געפאַלען צום אָבגרונד, און ווען איהר רעדט זיך דורך מיט אַ אידען ווענען דעם בלייבט ער שטעהן, ווי איהר וואָלט איהם אויפגעוועקט פון אַ חלום, און פונקט ווי אין דער שדים־שטאָדט ווערט באַלד פון זיינע חלומות אַ באַרג אַש. אָבער דאַן ווערט ער הילפלאָז ווי אַ קליין קינד, און ניט אַכטענדיג ווער איהר זענט, אַבי נאָר אַן אמעריקאַנער, וועט ער מיט אַ טיפען זיפץ אייך אַ פרעג טהון:

וואָס־זשע טהוט מען?

„מיר האָבען ניט וואוהין צו אַנטלויפען; מ'לאָזט אונז אין ערגעץ ניט אריין, און ווען מען זאָל אונז שוין יאָ ערגעץ אריינ־

לאזען, האבען מיר דען מיט וואס צו פאהרען? אונזער א מי־ליאן קען דאך ניט גרייכען פאר איין פערזאן אפילו ביז די טויערען פון אמעריקע, און ווער האט דאס מיליאנען? און ווען ער האט שוין יא—וואס פאר א ווערטה האבען זיי אויסער פוילען? און דאן די זעלבע פראגע—ווער וויל אונז האבען ביי זיך?

דאס איז ניט קיין פאנטאזיע, נאר די אמת'ע ווירקליכקייט, איך האב געהאט די געלעגענהייט צו רעדען מיט פיעלע פאר־שידענע אידען און כמעט אלע האבען זיך מיר באוויזען אלס די איינוואהנער פון דער שדים־שטאדט, וועלכע ווערט חרוב פון א שנעל.

און דאס וואס ווערט געזאגט וועגען די גרויסע שטעדט ווי ווארשא אדער לאדזש, קען אין א קליינעם פארמאט געזאגט ווערען וועגען די קליינע שטעדטלאך, נאר מיט דעם אונטערשייד וואס בשעת אין די גרויסע שטעדט רעדט מען פון טויזענטער און מיליאנען, רעדט זיך אין די קליינע שטעדטלאך פון טויזענטער און הונדערטער.

דא איז ווערטה צו באמערקען א פאקט: זייענדיג ביי דר. ראזענבלאט אין אפיס אין לאדזש, האב איך בייגעוואהנט פארשידענע קלאגעס וואס אידען ברענגען; אייניגע וואס פא־ליאקען אדער פאליציי האט זיי געשלאגען, אייניגע וואס זענען ראבירט געווארען, פיעלע קומען ארויף מיט צובלוטיגטע פנים'ער, און קלאגען זיך מ'זאל פאר זיי עפעס טהון.

צווישען אנדערע קלאגעס, האט אן אלטע פרוי ביטערליך געוויינט; די פאליציי האט זי ארעסטירט פאר האנדלען מיט אלטע שמאטעס, יעצט האט מען איהר צוגעשיקט א פאפיר זי זאל באצאהלען צוויי הונדערט מארק שטראף.

דר. ראזענבלאט (א סיים־דעפוטאט אין לאדזש, וואס האט לעצטען יאהר באזוכט קענעדע) הייסט אנשרייבען זיין סטע־נאגראפער א ביטע צום גאווערנאר און א צווייטע ביטע צום קאמיסאר ער זאל דער פרוי וואַרטען מיט דער שטראף, און

איך זעה אז די ארבייט, אויב ער וועט שוין יאָ פועל׳ן, האָט די ווערטה פיעל מעהר ווי צוויי הונדערט מאַרק, וואָס מאַכט אויס ארום 10 אָדער 12 סענט. איך ווענדע זיך צו איהם און זאָג: וואָס טויג אייך די גאַנצע ארבייט, אָט האָט איהר די צוויי הונדערט מאַרק, גיט דער פרוי און זאָל זי געהן באַצאָהלען און אויפהערען וויינען.

און דער דאָקטאָר שמייכעלט. ביי אייך, זאָגט ער, איז דאָס טאַקי 10 סענט, אָבער דאָ איז עס צוויי הונדערט מאַרק, און ווען איהר זאָלט וועלען באַצאָהלען אַזעלכע צוויי הונדערטער דאָ אין לאָדזש, וועלען אָפּילו אייערע אַמעריקאַנער דאָלערס אויך ניט לאַנג סטייען. וואָרום וואָס ווילען דען די היגע אָרימע לייט, מעהר ווי הונדערטער? פון טויזענטער ווייסען נאָר די וואָס האָבען קרובים אין אַמעריקע ווען יענע שיקען זיי דאָלערס. אַלע אַנדערע, און די גרעסטע מאַיאָריטעט פון די פּוילישע אידען, זעהען זעלטען אַ טויזענטער, ניט אַכטענדיג וואָס ביי אייך איז דאָס בלויז, לויט היינטיגען קורס, עטליכע און פופ־ציג סענט.

און דער לעבענס־מיטעל? אויך אין דיזען פאַל קען גע־זאָגט ווערען דאָס זעלבע. עס איז גאַנץ נאַטירליך דאָס ווען איהר ווילט דאָס רעכענען אויף אַמעריקאַנער אָדער קענעדער דאָלערס, קריגט איהר אַלעס כמעט אומזיסט. ווי צום ביישפּיעל: איהר קענט לעבען אין וואַרשאַ איז׳ם גרעסטען האָטעל און עסען דאָס בעסטע וואָס וואַרשאַ פאַרמאָגט, און מען קריגט דאָרט גוטעס צום עסען, און אַלעס פאַר אומגעפעהר איין דאָלער אַ טאָג, וואָס דאַרף אייך קאָסטען דאָ אין אַמעריקע 25 דאָלער. אָבער ביי די פּוילישע אידען איז אַ דאָלער טאַקי גאַנצע דריי טויזענט מאַרק, און פאַר די דאָלערס וואָס זיי קריגען פון אַמעריקע קריגען זיי ווייט ניט קיין דריי טויזענט מאַרק, ווייל די אַפּיסעס וואָס שיקען די געלדער פון אַמעריקע און קענעדע, ראַבירען אוועק די גרעסטע טהייל און דאָס איבעריגע

נעהמען צו די פוילישע שארקס, די באנקירען וואס מען וועק־סעלט ביי זיי די טשעקס אדער די אגענטען־אנווייזונגען.

איך האב געהאט מיין ערפאהרונג מיט דעם סארט גזילה, ווייל ווי איהר פארשטעהט האב איך פאר מיין געלד באקומען די פולע ווערטה, דאך האט מען מיך אויך געוואלט איבעראל נארען, און דאס ערשטע מאהל האט מען מיך טאקי אבגענארט.

דאס ביסעל געלד וואס איך האב דארטען אויסגעצאהלט צו די יעניגע וואס היעגע פריינד האבען מיר מיטגעגעבען צום ארויסצאהלען, האט די ארימע־לייט גוואלדיג איבעראשט דער הויכער עקסטשיינדזש וואס איך האב פאר זיי גע־קראגען, און פיעלע וואס קריגען אפט געלט פון אמעריקע האבען מיר ערקלעהרט, אז דאס איז דאס ערשטע מאהל וואס זיי קריגען פאר די אמעריקאנער דאלערס אזא הויכע וואליוטע, און אפילו די פילאנטראפישע ארגאניזאציעס, ווי די דזשוינט דיסטריביושאן און די „היאס״, האנדלען דא אויך זייערע באאמטע ניט זעהר עהרליך, און עס לוינט זיך צו ווידמען א באזונדער קאפיטעל איבער דיעזער פראגע.

מיט איין ווארט, די עקאנאמישע לאגע אין פוילען, אי־בערהויפט די אידישע, איז זעהר א טרויעריגע.

און ווען איך זאג: איבערהויפט די אידישע—איז עס דערפאר, ווייל די גוים האבען ווייניגסטענס עפעס ממשות׳דיגעס וואס הויבט זיך מיט דעם פאלען פון דעם געלד־קורס, ווערענד דער איד לעבט ווי אויף׳ן ווינד, און מעג ער האבען טויזענטער אדער מיליאנען אין געלד, האט עס א ווערטה ניט מעהר ווי דעמזעלבען טאג, מארגען קען עס גארנישט די ווערט האבען.

ניט בעסער איז עס די אידען מיט דער פאליטישער זייט, און טאקע איין אורזאכע העגגט אפ פון דער אנדערער, די צייטען זענען אזעלכע; גאנץ פוילען שטעהט ווי די שדים־שטאדט, האבען די פאליאקען א פאראורטהייל אז אט דער אידישער מסחר, אביסעל מיט די וואליוטעס, אביסעל דורך

ספעקולאציאָן, מאַכט חרוב פוילען, און פון טאָג צו טאָג ווערט דאָרט דער האַס צו אידען גרעסער.

און ווען איהר הערט מעהר ניט פון אַזעלכע אינצידענ־טען ווי בערד־רייסען, אָדער אַלגעמיינע פּאָגראָמען, איז עס ניט ווייל דער פּאָליאַק איז בעסער געוואָרען, נאָר ער ווערט קלי־גער און ביטרער, אַבוואָהל נאָך מעהר נידערטרעכטיג.

און דאָס דערמאָהנט מיך פון מיינע חדר־יאָהרען. מיט מיר האָט געלערענט צוזאַמען אַ באוואוסטער יענקיל, מען האָט איהם גערופען יענקיל דער קנייפּער, ער פלעגט שלאָגען יעדען אינגעל אין חדר, אָבער די סמנים זענען אימער געווען אויף אַזעלכע פלעצער, וואָס מען האָט דאָס ניט געקענט איבערצייגען. ער האָט קיינמאָל ניט גערדאַפּעט דעם פּנים, ניט געמאַכט קיין צייכענס אויף די הענט, נאָר ער האָט געגעבען גוטע קלעפּ און קניפּ אויף פאַרבאָרגענע פלעצער.

אַט צו אַזאַ מעטאָדע ווערט דער פּאָליאַק יעצט געביל־דעט „ניט צו רייסען קיין בערד, עס פּאַסט ניט!" לערנען זיי די אַנטיסעמיטישע פיהרער: די וועלט וויל עס ניט דולדען, די אידען ווייזען די אָבגעריסענע בערד; קיין עפענטליכע פּאָגראָמען פּאַסט אויך ניט פאַר דעם דעליקאַטען פוילען, איבערהויפּט יעצט ווען פוילען דאַרף נאָך די הילף פון די גרויס־מעכטע, וואו די פאַרפלוכטע אידען האָבען דאָרט אַ שטיקעל דעה מיט זייערע קאַפּיטאַלען, און וועלכער פּאָליאַק עס האָט „שכל" ווייסט שוין וואָס צו טהון. מ׳כאַפּט אַ אידען ערגעץ אין אַ ווינקעל, דער׳הרג׳עט מען איהם עס זאָל קיין שפּור ניט זיין אַז דאָס האָבען פּאָליאַקען געטהון.

און קיין צענזור אויף אידישע צייטונגען פּאַסט אויך ניט פאַר דעם עדעלען פוילען, אָבער אַז אַ אידישע צייטונג מעלדעט וועגען מאָרד אָדער אַ קלענערע אומרעכט וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען געגען אַ אידען, דאַרף זי נאָר טהון איין קלייניגקייט, עס הייסט די צייטונג מוז ברענגען די אַלע באַווייזע און באַ־שולדיגונגען און מיט עדות באַווייזען אַז אַלעס וואָס זי האָט

געשריבען איז אמת. און ווען איז עס יאָ מעגליך צו באַווייזען, אז אַ אידישער עדות איז כמעט ניט באַגלויבט? ווען די צייטונג קען עס אלזאָ ניט באַווייזען, ווערט זי באַשטראָפט לויט דעם געזעץ אַלס פאַררעטער צום לאַנד וואָס וויל שאַדען דעם גוטען נאָמען פון פוילען און זי שטעלען צו שאַנדע אין די אויגען פון דער אויסערער וועלט.

און דיעזען פאַרבּרעכערישען געזעץ פאַרשטעהען שוין די פאָליאַקען גאַנץ גוט, זיי פאַרשטעהען עס בּעסער ווי פיעלע אידען, וועלכע זאָגען אייך אָפטמאָל: „נו, דאַנקען גאָט! יעצט איז שוין גאָלד, מ׳רייסט דאָך ניט די בּערד, מ׳לאָזט אונז לעבּען!“ אָבּער די קליינע איבּערפאַלען, וואָס טרעפען זיך כמעט יעדען טאָג, אָדער בּעסער געזאָגט, וואָס טרעפען זיך אין פוילען כמעט יעדע מינוט פון מעת לעת, טאָהרען די צייטונגען פון דעם ניט רעדען. ווייל אַז יאָ, מוזען זיי האָבּען די בּאַווייזע און עדות: ווען אַ צייטונג קריגט אַ טעלעגראַמע, אַז אין דער אָדער יענער שטעדטעל האָט פּאַסירט אַ מאָרד, אָדער זי קריגט עס דורך אַ בּריעף, ווייל אַזעלכע טעלעגראַמעס זענען אויך פאַרבּאָטען, דאַרף די צייטונג, אום צו קענען דעם פאַל רעפאָרטען אַז דאָס האָבּען געטהון פּאָגראָמשטשיקעס, אָדער מיליטער, אָדער גאָר די פּאָליציי, האָבּען אַלע בּאַווייזע און זיי פאַרבּרענגען פריהער פאַר דעם פּראָקוראָר, און גאַנץ נאַטירליך מיט גוי׳אישע עדות. אויף דעם אַלעמען מוז זיך די צייטונג פאַרבּערייטען, אויבּ זי וויל בּאַריכטען די נייעס. פאַרשטעהט זיך דאָך, אַז דאָס איז אונמעגליך.

אַלזאָ, זעהט איהר ווייטער אַז פוילען איז געוואָרען עדעל גענוג ניט צו האָבּען קיין צענזור אויף דער אידישער פּרעסע, און דאָך ערדייכט זי איהר צענזור־ציעל אויסגעצייכענט.

אָט דאָס איז אין קורצען די אידישע לאַגע יעצט אין פוילען. און לויט מיינע אַנזיכטען, איז די צוקונפט אַזוי פינסטער ווי

די געגענוואַרט. אידען קענען קיין גוטעס פון פוילען ניט ער־
וואַרטען. און דאָס בעסטע וואָס זיי וועלען דאָרט באַקומען
האָט ניט קיין ווערטה, אַבער דער פוילישער איד לעבט איצט
ווי אין אַ משוגעים הויז, און ווייסט אַליין ניט אויף וועלכער
וועלט ער איז, און דאָס איינציגע מיטעל ווי אזוי צו העלפען
אַ פוילישען אידען, איז איהם ארויסצוראַטעווען פון דאָרטען.



די היימלאָזע קינדער אין דער ליטא.

עס־צימער פון דעם יתומים־הויז אין קאָוונע.

דאָס רעליגיעזע לעבען אין פוילען.

און אזוי ווי דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לעבען אין פוילען איז ניט נאָרמאַל, אזוי איז אויך דער רעליגיעזער לעבען ניט נאָרמאַל.

אויב איהר האָט אַמאָל געקראָגען די רעליגיעזע השפּעה פון פוילען פאַר גאַנץ אַמעריקע, וואָלט עס יעצט ניט געווען צופיעל איבערטריבען צו זאָגען, אַז פוילען דאַרף יעצט אַ רעליגיעזע השפּעה צוריק פון אַמעריקע.

איין קליינע אילוסטראַציע וואָלט גענוג געווען צו באוויי־זען אַז דאָס פוילישע אידענטהום איז יעצט זעהר קראַנק, פיזיש און גייסטיג.

איך וויל דאָ אָבער פריהער דערצעהלען אַ גלייך ווערטעל, וואָס מען קען זיך דערמיט לאָזען וואוילגעהן אויף מיין רעכנונג, אָבער מיך אַרט עס ניט. מ'דערצעהלט, אַז אַ מגיד וואָס איז געקומען פון אַ געוויסער שטאָדט, האָט פאַרלאַנגט פון רב אַז ער זאָל איהם לאָזען האַלטען אַ דרשה אין שוהל.

דער רב האָט געפרעגט דעם דרשן וואָס עס הערט זיך

ביי איהם אין שטאָדט וועגען רעליגיעזע פראַגען, האָט דער דרשן איהם געענטפערט, אַז אין דער שטאָדט פון וואַנען ער קומט איז דער עולם זעהר ניט פרום, אַלעס איז הפקר, און דער רב האָט איהם די ערלויבניש ניט געגעבען צו האַלטען די דרשה.

אויף׳ן צווייטען שבת איז ווידער געקומען צום רב אַ מגיד פון דער זעלבער שטאָדט און דער רב האָט איהם גע־פרעגט די זעלבע שאלה, וואָס הערט זיך ביי זיי וועגען רעליגיאָן; און דער דרשן האָט געענטפערט אַז ביי זיי איז זעהר אַ פרומע שטאָדט, אידען לומדים און יראי שמים. און דער רב האָט איהם ערלויבט צו האַלטען אַ דרשה.

ווען מען האָט געפרעגט דעם רב פאַרוואָס ער האָט יענעם דרשן ניט ערלויבט צו האַלטען אַ דרשה, און דיזען, פון דער זעלבער שטאָדט, האָט ער יאָ ערלויבט, האָט דער רב געענט־פערט: דאָס וואָס דער דרשן איז, דאָס האָט ער געזעהען, ווייל ער איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט אַזעלכע פון וועלכע ער האָט צו דערצעהלען.

איך דערצעהל אייך דאָס גלייך־ווערטעל, און וויל דאַבּיי באַמערקען, אַז איך האָב זיך אין פוילען געטראָפען גראַדע אויך מיט רבנים און לומדים, און דיזע אַלע האָבען מיט מיר איינ־געשטימט אַז דאָס רעליגיעזע לעבען אין פוילען איז זעהר שטאַרק קראַנק, דער עקסטרים איז אַזש ווילד.

צום ביישפּיעל: אין אַ שטעדטעל וואָס איך געדענק פון מיינע קינדער־יאָהרען, אַז דאָרט האָט אַמאָל דער עירוב גע־פּלאַצט אום שבת, איז דאָס גאַנצע שטעדטעל געבּליבּען שטעהן יעדערער אויף דעם פּלאַץ וואו ער האָט זיך געפונען בשעת מעשה, ווען ער האָט דערהערט די „שרעקליכע" נייעס, יעדערער איז געבּליבּען שטעהן פאַר שטונדען מיט׳ן טלית אונטער׳ן אָרם ביז דער עירוב איז פון אַ גוי פאַרריכט געוואָרען, איז יעצט טראָגט מען אין דיזען בּלאָטיגען שטעדטעל אום שבת די שטעקענס, און אַ פרוי האָט מיר דערצעהלט פון אַ געוויסער

מיידעל וואָס האָט חתונה געהאַט, און דאַביי האָט זי מיט אַ שמייכעל באַמערקט צו מיר, דאָס זי איז משוגע, ווייל זי איז די איינציגע פון די „היינטיגע" וואָס האָט אָנגעטהון אַ שייטעל, ווערענד מיט דרייסיג יאָהר צוריק, וואָלט מען אַ פרוי אָהן אַ שייטעל פאַרטריבען פון דיעזען שטעדטעל.

ווער עס האָט ספרים, פאַרקויפט ער זיי; און ווייסט איהר ווער עס זענען די קונים? — טאַקע אונזערע אמעריקאַנער אידען! דערפאַר קומען יעצט קיין אַמעריקע ש״ס׳ן מיט אַנדערע ספרים וואָס ווערען מעהר ניט געדרוקט, ווייל אויסער וואָס דאָס געלד איז דאָרטען נויטיג, זענען טאַקע די ספרים גאַנץ אונוויכטיג.

און דאָך ניט אַכטענדיג אויף דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און רעליגיעזער לאַגע ווי זי שטעהט יעצט, און ניט אכטענדיג וואָס איך זעה ניט קיין פיעל ליכטיגערע צוקונפט, האָפען דאָך די פוילישע אידען פאַר פאַרבעסערונגען. און מיט דער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, וועט אויך פאַרבעסערט ווערען, לויט זייער מיינונג, די רעליגיעזע לאַגע, ווייל ווען דער מענש איז קראַנק אפילו בלויז אויף אַ פוס, פיהלט ער שוין שוואַך אין גאַנצען קערפּער, און ביי די פוילישע אידען איז ליידער דער קאָפּ קראַנק פון די זיבען יאָהר אויסשטעהן די גרעסטע ליידען און פיין, איז דארום קיין וואונדער ניט, דאָס זיי האָבען יעצט קיין גאַנצען גליעד ניט.

און ווען עס זאָל עפּעס קומען אַ הילף צו זייער קאָפּ־וועהטאַג, וועט זיך מסתמא דער גאַנצער מענש צוריקקעהרען צו זיין נאָרמאַליטעט.

איך האָב אָבער פאַרלאָזט פוילען, מיט דעם געדאַנק דאָס די איינציגע רפואה צו ראַטעווען דאָס בעסטע און גרעסטע טייל פון אידישען פאָלק, איז ארויסצוראַטעווען עס פון דעם גיהנם וואָס רופט זיך „פוילען".

און אַט מיט דעם געדאַנק האָב איך מיך געטרייסט, ווען איך האָב זיך דערמאָהנט אַז איך פאָהר צום קאָנגרעס.

רײדענדיג װעגען דער עקאָנאָמישער לאַגע אין פּױלען, װיל איך איצט זאָגען עטליכע װערטער װעגען דער אַלגעמײנער עקאָ־נאָמישער לאַגע אין אײראָפּע.

אז די יעצטיגע לאַגע אין אײראָפּע האָט פיעל צו טהון מיט דער קריטישער צייט אין אמעריקע, קענעדע און ענגלאַנד, דאָס װײסט כמעט יעדערער, אָבער ניט יעדער װײסט גענוי די אורזאכען, און װען אימיצער װײסט יאָ די אורזאכען, װײסען אָבער זיכער נאָר װעניגע װאָס מיר קענען ערװאַרטען דערפון אין דער צוקונפט.

ניט אַכטענדיג דאָס מײן רײזע אין אײראָפּע און ארץ ישראל איז צום גרעסטען טהייל געװען נאר אום צו שטודירען ספּעציעל די אידישע לאַגע, בין איך אָבער זעהר גוט באַקאַנט געװאָרען מיט דער אַלגעמײנער װעלט פּראָבלעם, און איך גלױב דאָס עס װאָלט ניט געװען איבערטריבען צו זאָגען דאָס איך מעג מיט אױטאָריטעט איבערגעבען פאַר די לעזער פון דיעזען בוך, אַלעס װאָס איך האָב צו זאָגען װעגען דעם.

דאָס ערשטע איז װיכטיג צו װיסען, דאָס אין די לענדער װאו די װאַליוטע איז איצט זעהר נידעריג, געפינט זיך װעני־גער אונבאַשעפטיגונג אַלס אין די לענדער װאו די מטבע שטעהט הויך. װי צום בײשפּיעל: די פאַראײניגטע שטאַטען, ענגלאַנד און קענעדע.

װײטער איז אינטערעסאַנט צו װיסען, אום צו פאַר־שטעהן די לאַגע גאַנץ גרינטליך, דאָס די באַנקירען פון דער װעלט װעלכע זענען די יעניגע װאָס האָבען די הױפּט דעה בײ רעגולירען די װעלטס־מטבע, שלאָגען קאַפּיטאַל פון דעם הױבען אָדער שלײדערען די װאַליוטע פון סײ װעלכען לאַנד, און דעריבער געפינט איהר יעצט אין אײראָפּע און אפילו אין פּאַ־לעסטינע, באַנקירען מיט גאַנץ קלײנע קאַפּיטאַלען װאָס פאַר־דאָפּלען זײער פאַרמעגען יעדען יאָהר.

איך האָב געהאַט די געלעגענהײט זיך צו באַקענען מיט א דירעקטאָר פון אײנער פון דיעזע באַנקען, װעלכער האָט מיר

געצייגט, דאָס פון אַ קאַפּיטאַל פון אַרום אַכציג טויזענט פונט. האָבען זיי דיעזען יאָהר געמאַכט אַ נעטען פּראָפיט פון אַרום פינף און פערציג טויזענט פונט; דאָס מיינט אין קורצען, אַז די פינאַנסירען פון דער וועלט האַלטען־אויף דעם ניט־נאָרמאַלען צושטאַנד פון דער וועלטס געלט־מאַרקעט פאַר זייער אייגענעם בענעפיט און ברענגען דערמיט אַ כאַאָס אויף דער גאַנצער וועלט, אפילו אין די לענדער, וואו דער געלט־קורס שטעהט הויך, און אַט זענען די אורזאַכען:

לאָמיר נעהמען אַלס ביישפּיעל דאָס ערשטע לאַנד פּוילען:

איהר געלט־קורס איז דער קלענסטער, איהר באַקומט דאָרט היינט פאַר איין דאָלאַר אַרום פינף טויזענט מאַרק, איז עס גאַנץ נאַטירליך, דאָס די לענדער וואָס זייער געלט־קורס שטעהט הויך, זאָלען אריינקומען אין לאַנד און אויסקויפען אַלעס וואָס זיי קענען נאָר ארויספיהרען פון'ם לאַנד, און אַזוי ווי פּוילען איז נאָך ניט, אָדער איז אין אַלגעמיין ניט קיין אינ־דוסטריעלע לאַנד, ווערט דאָס לאַנד דערווייל אויסגעליידיגט פון אַלעס וואָס זי באַזיצט און עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז וואָס לעדיגער דאָס לאַנד ווערט, אַלץ מעהר פאַלט איהר געלט־קורס, אַזוי דאָס אין פאַרלויף פון גאָר אַ קליינער צייט, וועט איהר פּאַפּיר־געלט גאָר קיין ווערטה ניט האָבען, און דאָס גאָלד און זילבער האָבען שוין אויסגעליידיגט די לענדער וואָס האָבען מיט זייער דאָלאַר אָדער פונט געקענט באַקומען אַלעס פאַר אַ גאַנץ קליינינקייט.

אַזוי למשל, האָב איך געטראָפען בעלגיער סוחרים וואָס קומען נאָך פּוילען אויפקויפען דיימאַנדס. בעלגיען, וואָס איז דער מקום פון דיימאַנד־געשעפט, לוינט זיך צו קומען נאָך פּוילען אויפקויפען דימענטען, ווייל איהר געלט־קורס שטעהט באַדייטענד העכער אַלס דער פּוילישער קורס!

ווי שוין געזאָגט, פּוילען איז ניט קיין גרויסע אינ־דוסטריעלע לאַנד, דאָך האָט זי נאָך דערווייל אַביסעל ארבייט פון דעם רויהען מאַטעריאַל וואָס זי האָט, און לעבט נאָך

פיעל מעהר אָדער וועניגער אויסארבייטענדיג סחורה פאַר אויסלאַנד און אויסלענדער.

מיט עסטרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער פון זעהר קליינעם געלט־קורס, שטעהט עס זאָגאר בעסער. נעהמט למשל עסטרייך. איך בין געוועזן אין וויען ווען דאָרט איז געוועזן אן אויסשטעלונג, און די צייטונגען האָבען באריכטעט, דאָס 75 טויזענט אויסלענדער האָבען זיך געפונען אין וויען אין די עטליכע טעג פון דער אויסשטעלונג און געקויפט סחורות פאַר ביליאָנען מארק.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די אורזאכע איז געוועזן, ווייל דאָרט שטעהט די קראָנע זעהר נידעריג, און מיט אַ דאָלער האָט איהר דאָן באַקומען ארום 2,500 קראָנען. זעלבסטפאַרשטענדליך אַז עס פעהלט דעריבער ניט קיין ארבייט דאָרטען, און פיעל־וועניגער איז יעדער איינער באַשעפטיגט. די ענדע וועט אָבער זיין אַ שלעכטע. קיין רויהע מאַטעריאַלען קענען זיי ערגעץ ניט קויפען, ווייל מיט זייערע קראָנען קענען זיי גאָרניט אויפ־טהון געגען דאָלער אָדער פונט און אין עטליכע יאָהר וועלען זייערע אייגענע קוועלען פון מאַטעריאַל זיך אויסשעפּען און דאָס לאַנד וועט בלייבען לעדיג: דאַן פאָלגט דאָס זעלבע, דאָס פאַפּיר־געלט האָט מעהר קיין ווערטה ניט אויף׳ן געלט־מאַרקעט און דאָס לאַנד איז אויסגעליידיגט.

דייטשלאַנד איז כמעט אין דער זעלבער לאַגע, נאָר מיט דעם אונטערשייד, דאָס זיי זענען פעהיגע אינדוסטריעלע ער־פינדער און האָבען נאָך פאַר יאָהרען און יאָהרען אייגענע נאַטירליכע רייכטהימער, ניט דאַרפענדיג אָנקומען מיט זייערע מאַרקען צו קויפען רויהע מאַטעריאַלען אין די לענדער פון הויכע געלט־קורסען.

אין קליינע אילוסטראַציע וועגען די דייטשע געשעפטס־פעהיגקייטען:

איך האָב געהאט די געלעגענהייט אין בערלין זיך צו באַקענען מיט דעם רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער האַנדעלס־צייטונג

און די לאגע מיט איהם באשפראכען. ער האט מיר געוויזען, ווי דייטשלאנד שטעהט נאך בעסער פינאנציעל, אלס סיי וועלכע אנדער לאנד און אז די נידעריגקייט פון זייער געלט־קורס באריהרט זיי נאר אויף אזוי פיעל, ווי דעם שאדענערזאץ צאהלען, ווייטער געהט זייער אינדוסטריע צוליעב דעם קליינעם געלט־קורס גאנץ נישקשה׳דיג און זייערע קאנקורענץ־פעהיגקייטען וועלען זיי נאך האלטען גאנץ לאנג „ביזי״.

אלס אילוסטראציע, האט ער מיר געגעבען די נאדעל־פאבריקאציע און אט איז זיין ערקלעהרונג:

„מיר אין דייטשלאנד האבען עטליכע און פערציג פאבריקען וואס מאכען די פארשידענע נאדלען פאר דער גאנצער וועלט צו נעהען און צו שטריקען.

„אין צייט פון דער מלחמה האבען די פאראייניגטע שטאטען אויך געגרינדעט אזעלכע נאדעל־פאבריקען, און ניט־אכטענדיג וואס זיי זענען ניט געווען אזוי גוט ווי אונזערע נאדלען און האבען געקאסט טהייערער, האבען זיי אבער פיעל־וועניג צופרידענגעשטעלט די באדערפנישע, און דעריבער האט מען דארט נאך דער מלחמה געמאכט א העכערען טאריף אויף אונזערע נאדלען.

„וואס האבען מיר געטהון? מיר ווילען דאך אבער פארט קאנקורירען אויף דעם מארקעט פון דיעזער אינדוסטריע, ווייל דיעזע מאטעריאלען האבען מיר זעלבסט און מיר האבען אויך די מאשינעריע דאפיר, האבען מיר געטהון איין קלייניגקייט. אזוי ווי יעדער נאדעל־פאבריקאנט האט געהאט צו מאכען ארום 25 סארטען פארשידענע נאדעלס, האבען מיר די מאשינען צוזאמענגענומען, און יעדען פאבריקאנט איבערגעגעבען אלע מאשינען פון בלויז איין סארט נאדעל, אזוי אז יעדער פאבריק ארבייט בלויז איין סטייל נאדעל. און דאס נאטירליך גיט אונז די מעגליכקייט ארויסצוגעבען מעהר ארבייט צו א ביליגערען קאסט, דאן האבען מיר יעצט בלויז איין פארקויפס־פלאץ, אנשטאט פריהער עטליכע און פערציג, מיר פארשפארען

אגענטען, וועיר־הייזער, דרוק־ארבייט, פארוואלטונג און אז. וו. די קאסטען זענען יעצט רעדוצירט מיט 60 פראצענט, און אפילו מיט אונזער ביליגען געלט־קורס קענען מיר אויך קאנקורירען מיט דער גאנצער וועלט, ניט אכטענדיג וואס פאר א טאריף זיי זאלען ניט מאכען אויף אונזער סחורה.״

און איך פרעג איהם: ווער לאזט ניט אמעריקא מאכען די זעלבע קאמבינאציע? ענטפערט ער מיר:

„אמעריקא וועט נאכמאכען א קאמבינאציע צו העכערען דעם פרייז, אבער ניט צו פארקלענערען, ווייל איהר פעהלען ניט דערווייל קיין אנדערע בעסער־צאהלענדע אינדוסטריעס.״

און לויט דיזער ערקלעהרונג, שטעלט זיך ווירקליך ארויס אז דייטשלאנד איז נאך בעסער אפ, ווי די אנדערע מדינות, און אפילו פון דיעזע וואס זייער געלט־קורס שטעהט זעהר הויך. אבער די אלערלעצטע קאטאסטראפע איז אונפארמיידליך פונקט ווי אין פוילען.

וויסענדיג די לאגע אין אייראפע, קענט איהר פארשטעהן די ארבייטסלאזיגקייט פראבלעם אין דיזע לענדער.

יעדער געשעפטסמאן אין סיי וועלכען לאנד זוכט צו קויפען זיין סחורה אין א פלאץ וואס קאסט איהם אמביליג־סטען, און ניט אכטענדיג אלע שוועריגקייטען און אימפארט און טאריף, קויפען אלע לענדער פיעלע סחורות אין אייראפע צוליעב דעם דארטיגען ביליגען געלט־קורס, זיי קענען אבער צו אייראפע גארניט פארקויפען אויך צוליעב דער זעלבער אורזאכע; און דער רעזולטאט דערפון איז, דאס אייראפע איז יעצט באשעפטיגט, אבוואהל איהרע לענדער ווערען אויס־געליידיגט פון אלעס. עס איז כמעט ווי דער „וינצלו את מצרים״ מצרים ווערט לעדיג, און פארשאפט א קריזיס פון ארבייטסלא־זיגקייט אין די לענדער פון דאלער און פונט.

און אט דאס איז די ווירקליכע אורזאכע פאר דעם „נאן עמפלוימענט״ אין ענגלאנד, אמעריקא און קענעדע, און אין אלע לענדער וואו דער געלט־קורס שטעהט הויך און וואס זיי זענען מכלמר׳שט פון די רייכע לענדער.

די זעלבע לאגע שאפט איצט אויך א שווערע פראבלעם אין ארץ ישראל. דער דארטיגער עגיפטישער פונט, וועלכער שטעהט נאך אין קורס עטוואס העכער ווי דער ענגלישער פונט, ברענגט דערצו, דאס די פארמער קענען ניט קאנקורירען מיט זייערע פרוכטען און פראדוקטען מיט איטאליען, וואס איהר לירא איז נאר א הונדערטעל פון דעם פאלעסטינער פונט, און אז פאלעסטינע קען ניט קאנקורירען מיט איהרע פראדוקטען. האט זי ווייטער ניט קיין מעגליכקייט צו קויפען סחורה אין די לענדער וואו דער געלד-קורס איז קליין. ווייל דער געברויך פון אלעם אין פאלעסטינע איז קליין, ווען איהרע פראדוקטען האבען ניט קיין גוטען מארקעט.

און ווי איהר זעהט, איז די לאגע זעהר א טרויעריגע פוןביידע זייטען, ווייל ווערענד די לענדער פון קליינע געלט-קורסען זענען יעצט באשעפטיגט, ווערען זיי אבער אויסגעלייריגט, און זייערע ווערטה-פאפירען וועלען באלד אין גאנצען ווערען „ווערטהלאזע פאפירען" און אין דיעזע לענדער וואו דער געלט-קורס איז הויך ווערט באשעפטיגונג וואס ווייטער אלץ מעהר זעלטענער. און עס שטעלט אפ כמעט די גאנצע אינדוסטריע.

וואס אלזא קען דערפון זיין די ענדע? וועט איהר פרעגען.

ווען איהר פרעגט דאס אין אייראפע, וועט מען אייך ענטפערען: „אפשר וועט די נעקסטע מלחמה צוריק ברענגען די נארמאלע צושטענדע!" און טאקע דעריבער קלעהרט מען ניט מעהר ווי פאר'ן היינט.

די אמעריקאנער און ענגלישע אינדוסטריעלע אינסטיטוציעס האבען אין צייט פון דער מלחמה געמאכט פיעל געלט און זייער געלט-קורס הויבט זיך יעדען טאג מיט'ן פאלען פון די אייראפעאישע געלט-קורסען, לוינט זיך עס זיי כמעט גארניט צו קלעהרען פאר דער צוקונפט.

און דער סך הכל דערוויל איז א זעהר טרויעריגע צוקונפט

און א גאנץ נשקשה׳דיגע פראבלעם צו לעזען פאר דער געגענ־װארט.

און װי שוין געזאגט, ברענגט דער יעצטיגער כאאס־צושטאנד א פראפיט צו די װעלט־באנקירען און פינאנסירען, װעלכע פראפיטירען ביי יעדען פאל אדער הויב פון א געװיסען געלט־קורס פון א מדינה, און עס איז דערװייל ניטא צו זעהען קיין ליבטיגען שטראהל אין די יעצטיגע דונקעלע שאטענס.

און יעצט בלויז עטליכע װערטער װעגען סאװעט־רוסלאנד:

עס דארף פאר קיינעם ניט זיין קיין סוד, דאס װען די פיהרער פון סאװעט־רוסלאנד װאלטען זיך געװאלט אנשטרענ־גען, װאלטען זיי יעצט געקענט פיהרען געשעפטען אפילו מיט די פארביסענסטע מדינות. זיי שטרענגען זיך אבער זעהר שטארק ניט אן. און אט פאר װעלכע אורזאכען:

רוסלאנד װייסט, אז מיט דער קאנטראל פון די װעלט־פינאנסירען איבער דעם געלט־קורס, װעט מען אויסליידיגען רוסישע אוצרות מיט א קלייניגקייט. אמת, זיי נויטיגען זיך טאקע אין דעם װעלט־האנדעל, אבער זיי װייסען אז זיי װעלען פאר דעם מוזען באצאהלען זעהר טהייער.

זיי קענען פיעלעס פארקויפען, אבער זיי מוזען אװעק־געבען פאר אן אמעריקאנעם דאלער אדער ענגלישען פונט א מאסע סחורה, װערענד עפעס צוריק קויפען װעלען זיי ניט זיין אומשטאנד מיט זייער ביליגען רובעל־קורס און װעלען דארפען מקריב זיין פיעלעס און קריגען א קלייניגקייט. זיי דענקען דעריבער אז עס איז בעסער ליידען ביז דער װעלט־האנדעל װעט פיליכט װערען נארמאל.

עס איז אבער א גרויסע פראגע צי װעלען זיי זיך ביז דאמאלסט דערװארטען, װייל די נויט װייסט ניט פון קיין אויסרעכנונגען, און זאלען זיי שוין יא ביים יעצטיגען צושטאנד אנפאנגען צו טהון ביזנעס מיט די דאלער־ און פונט־מעבטע, װעט דער רעזולטאט זיין א קנאפע הילף פאר רוסלאנד, און פאר דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון די דאלער־און פונט־

לענדער וועט עס אויך ברענגען ווייטערען שאדען, צוליעב דעם וואס עס וועט נאך גרעסער מאכען די ארבייטסלאזיגקייט, עס וועט ווערען אן איבערפלוס און זול אויף רויהע מאטערי־אלען און דאס וועט שאדען די פארמער, בשעת די פאבריקען וועלען סיי ווי סיי ווייניג פראפיטירען, ווייל רוסלאנד וועט כמעט גארנישט קענען איינקויפען.

און עס איז דא א גרויסע מורא אז אין קורצען וועט דער אבנארמאלער צושטאנד ברענגען אן אנדערע אונגעווינשטע וועלט־מלחמה, סיידען די וועלט־פינאנסירען זאלען עס פאר־מיידען און טאקע שוין אנפאנגען צוריק צו ברענגען די וועלט צו א נארמאלען צושטאנד, וואס דאס איז זעהר א גרויסע פראבלעמע.

די אידען אין רוסלאנד

ווענען דער לאנגע פון די אידען אין רוסלאנד, האב איך פיעל געלערענט ריידענדיג מיט איינינע ציוניסטישע דעלע־גאטען צום קארלסבאדער קאנגרעס, וועלכע זענען געקומען פון רוסלאנד.

עטליכע און פופציג דעלעגאטען זענען געקומען פון באל־שעוויסטישען רוסלאנד. זיי האבען אפילו לויט די שקלים ניט געהאט קיין בארעכטיגונג צו אזוי פיעל דעלעגאטען, אבער זייער ערקלעהרונג, דאס אין באלשעוויסטישען רוסלאנד שמעקט עס מיט טוידט־שטראף פאר צאהלען א שקל צו ציוניסטען; את דיעזע וויכטיגע ערקלעהרונג, האט זיי געגעבען דעלעגא טען־רעכט אהן שקלים־צאהלער.

און ווען איך האב פריוואט גערעדט מיט פיעלע פון זיי און געפרעגט יעדען איינעם, ווי אזוי ער האט זיך ארויסגע־כאפט פון דארטען, האט יעדער געהאט אן אנדער מסירת־נפש געשיכטע צו דערצעהלען, אבער ווער עס האט נאר געוואלט און געווען פינאנציעל אימשטאנד, איז געקומען.

איך זאג: פינאנציעל אימשטאנד: עס איז וויכטיג צו באמערקען, אז דער באלשעוויסטישער רובעל שטעהט איצט

נאך פיעל נידעריגער ווי דער פּוילישער מאַרק; לויט די דע־לעגאַטען גיבען איבער, האָט מען שוין קיין הונדערט רובעל פון לאַנג ניט געזעהען. די קלענסטע מטבעה איז א טויזענטער, פאַר וועלכער איהר קענט נאך קיין פונט ברויט ניט קויפען.

די באָלשעוויקעס זענען שוין קליגער ווי די פּאָליאַקען. ווערענד ביי די לעצטע ווערט געדרוקט פּאַפּיר־געלט, וואָס ביי אונז אין אַמעריקע וואָלט דאָס פּאַפּיר גופא מעהר די ווערטה געהאַט ווי דאָס וואָס איהר קענט קריגען פאַר'ן געלט, דרוקען די באָלשעוויקעס גרעסערע פּאַפּיר־געלט, ווי מיליאָנען, האַלבע מיליאָנען, פערטעל מיליאָנען, דאן טויזענטער.

אז איהר געהט עפּעס קויפען פאר דינער, נעהמט איהר מיט א מיליאָן רובעל און ברענגט צוריק א קליין קיישעלע מיט שפּייז, דאָס לעבען צו דערהאַלטען, און זעהר ווינציג רעשטע.

און די רוסישע דעלעגאַטען האָבען געדאַרפט מיט אַזא געלט זיך ארויסכאַפּען פון רוסלאַנד און פאָהרען אין קאַרלסבאַד, דאָרטען שטעהן עטליכע וואָכען און נאך האָבען מיט וואָס צו־ריקצופאָהרען, אָדער פון קאַרלסבאַד אַנטלויפען ערגעץ אַנדערש.

וועט איהר דאך פרעגען: ווי אזוי זענען זיי טאַקי גע־קומען און קיין מיליאָנערען האָבען זיך צווישען זיי ניט געפונ־נען? דער תירוץ איז, אז ווי אזוי אידען וואַנדערען איז גאר קיין פראַגע ניט.

די מעהרסטע זענען געפאָהרען מיט זייערע מלבושים, ציערונג און אַנדערע ווערטה־זאַכען אנשטאַט געלט. אויפ'ן וועג האָט מען געטוישט א זייגער פאר געלט, א פוטער־מאַנטעל, אַן איבערגעבליבענעם דימענטענעם רינגעל, וואָס די באָלשע־וויקעס האָבען דערויף קיין שליטה ניט געהאַט, ווייל זיי האָבען עס ניט געקענט געפינען, און מיט אזא אמת'ן באָלשע־וויסטישען אויסטויש האָבען זיי זיך דערשלאָגען קיין קאַרלס־באַד. נאך דאָרט אין קאַרלסבאַד האָבען זיי אויך פאַרקויפט פאַרשידענע חפצים וואָס זיי האָבען געהאַט אום צו קריגען גענוג טשעכאָ־סלאָווישע מאַרקען אויף דער צוריקרייזע.

דיעזע רוסישע דעלעגאַטען זענען געוואָרען טהעטיג באַלד

דעם ערשטען טאָג ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין קאַרלסבאַד, זיי האָבען באַלד אָפּגעהאַלטען קאָקוס־מיטינגען, אָפּטמאָל אונטער געשלאָסענע טהירען, און אָפּטמאָל האָט מען אויך צו־געלאָזען פרעמדע. און דאָך האָבען זיי באַלד פאַרגעסען אויף זייערע היימישע צרות און גענומען זיך אויף אַן אמת׳ן העלפען בויען ארץ ישראל מיט זייערע רעזאָלוציעס.

אין אָווענט האָט פאַר זיי געדאַרפט רעדען דער באַוואוס־טער אידישער פּאָעט ח. נ. ביאַליק, איבער די קולטורעלע פראַ־גען ביי אידען.

איידער ביאַליק איז נאָך געקומען אין זאַל, זענען שוין אַלע פּלעצער געווען איבערפילט מיט צוהערער און די רוסישע דעלעגאַטען האָבען געזאָלט צוערשט געבען אַ באַריכט פון דער קולטורעלער לאַגע אין רוסלאַנד.

און דאָ האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט רוסלאַנד מיט איהרע פאַרבען, די רויטע פאַרבען אריינגערעכענט.

„העברעאיש, האָט איינער באַריכטעט, איז ניט שטרענג פאַרבאָטען אין רוסלאַנד, אָבער עס מוז דורכגעהן דעם קאָמיסאַר פאַר אידישע אַנגעלעגענהייטען; און וועמען מאַכען די באָל־שעוויקעס פאַר אַ אידישען קאָמיסאַר? געוויס ניט דעם וואָס מיר ציוניסטען אָדער די פאַרבליבענע רעליגיעזע אידען ווילען, נאָר דעם גרעסטען אויסוואורף פון די אידען.

און ווען דיעזער קאָמיסאַר קען פאַר קיין פאַל ניט אונ־טערדריקען די אידישע לעהרען, טהוט ער נאָר איין קליינינ־קייט: ווען מען געפינט נאָר אַ פּלאַץ פאַר אַ שוהל אָדער מיטינגס־לאָקאַל, פאַרנעהמט ער עס באַלד פאַר אַנדערע צוועק־קען. און אַזוי ווי איבער אַלעס וואָס באַלאַנגט צו בילדונג איז ער, דער קאָמיסאַר, דער פאַלשטענדיגער בעל הבית, האָט ער שוין זיינע שפּיאָנען, וואָס שפּירען נאָך יעדען פּלאַץ וואָס מיר באַקומען און באַלד פאַרכאַפּט ער דאָס פּלאַץ מיט דעם אויסרייד דאָס ער דאַרף עס פאַר אַן אַנדער צוועק, און אַזוי יאָגט מען אונז פון איין פּלאַץ צום צווייטען און מען לאָזט אונז ניט עקזיסטירען.

וועגען ביכער איז שוין קיין פראגע ניט אז מען קען עס ניט קריגען און ניט מען דערלאזט עס דרוקען, ווייל אלע דרוקעריען באלאנגען צו דער רעגירונג, און אויב סתם העברעאיש ווערט בלויז פארפאלגט — ווערען די רעליגיעזע ספרים פארהאסט און פארפאלגט; די פארפאלגער זענען „מחריביך ומהרסיך ממך יצאו" אונזערע אייגענע, זיי זענען נאך פאבסטליכער ווי דער פאבסט זעלבסט, אין דער הינזיכט פון אונטערדריקען די אידישע רעליגיאן און העברעאיש.

אין די רעדעס וואס די דעלעגאטען פון רוסלאנד האבען געהאלטען האבען זיי זיך נאטירליך געהיט מיט יעדען ווארט, מורא־האבענדיג פאר זייער צוריקקומען, נאר די ווענינע וואס האבען שוין פאר'ן צוריקקעהר ניט געזארגט, האבען גערעדט אפען און פון דעם האט מען געקענט קומען צו א באשלוס, דאס די אידען אין רוסלאנד, ניט אכטענדיג וואס די וועלט זאגט אז די אידען פיהרען דאס לאנד, ווערען דארט פארפאלגט טאקי פון די עטליכע אידישע קאמיסארען, וואס ווערען געוועהלט ספעציעל מיט דעם צוועק צו אונטערדריקען אלעס וואס שמעקט מיט אידען און אידישקייט.

עס איז ווערטה צו דערמאהנען א געוויסען פאקט, דאס איינער פון די דעלעגאטען, אום זיך צו קענען ארויסכאפען פון רוסלאנד און נאך האבען אויף רייזע־קאסטען, האט זיך אנגעגעבען צו דער רעגירונג צו דינען אלס שפיאן ביים ציוניסטישען קאנגרעס, און מיט גרויס מיה איז איהם געלונגען צו איבערציינגען דער רעגירונג אז ער איז א געגנער פון אלעס וואס איז אידיש, איבערהויפט געגען די ציוניסטען, וועלכע זענען א בורזשואזע קליקע. און נאטירליך, ווען ער איז נאר אנגעקומען קיין קארלסבאד, איז עס באלד געווארען אויס סוד, ווייל ער איז א גוטער און געטרייער ציוניסט; ער האט אבער די געפאהר ניט פאראויסגעזעהען, ווייל נאך עטליכע טעג האט ער אויסגעפונען פון א פארשפעטיגטען דעלעגאט, דאס די „טשרעזוויטשייקע" האט פאר דיעזען חטא ארעסטירט זיין פרוי און קינדער און כמעט די גאנצע פאמיליע; וואס דערפון

ווען וועט איז שווער פאראויסצוזאגען, איינס איז זיכער, אז פאר זיין רייזע קיין קארלסבאד וועט זיין פאמיליע טהייער באצאהלען.

רעדענדיג וועגען רוסלאנד איז עם קלאהר געווארען דער פאקט, דאס די אידען שטעהען דארטען אוים צרות פון אלע זייטען און פאלגענדער פאקט קען דינען אלס אן אילוסטראציע:

פאהרענדיג פון ליווערפול קיין קוויבעק, האב איך זיך באקענט מיט א פרוי וואס איז נאר וואס ארוים פון אדעס, און דורך רומעניען זיך אריבערגעכאפט דעם גרעניץ צו פאהרען צו איהר מאן אין מאנטרעאל. און דיעזע פרוי האט מיר גע־שילדערט א בילד, וואס זי אליין האט מיטגעמאכט און דורכ־געלעבט.

אנגעפאנגען האט זי מיט אן ערקלעהרונג דאס די אידען שטעהען דארט אוים מעהר צרות ווי אלע אנדערע נאציאנא־ליטעטען, ניט ווייל די סאוועט־רעגירונג מאכט וועלכען עס איז אונטערשייד צווישען נאציאנאליטעטען, דאס גראדע ניט, אדרבה, פאר אנרופען א אידען „זשיד'' קען מען קריגען זעקס מאנאטען געפענגניס. אבער, זאגט זי ווייטער, דער איד איז פארהאסט ביי אלע געגנער פון באלשעוויזם, צוליעב די אידישע קאמיסארען וועלכע זענען אפטמאל שטרענגער ווי די גויאישע, און ווייל טראצקי אליין איז א איד.

פון דער צווייטער זייט, זענען אידען מעהרסטענס פון די קליין אדער גרוים־הענדלער, וואס ווערען גערופען די שונאים פון דעם סאוועט־רעזשים, אזוי ליידען די אידען פוןביידע זייטען; און ווען א איד פאלט אריין צו א אידישען קאמיסאר האט ער וועניגער אויסזיכטען פאר'ן לעבען ווי ווען ער זאל האבען געטראפען אויף א גוישען קאמיסאר, ווייל געוועהנליך ווערט קיין אנשטענדיגער אינטעליגענטער איד ניט קיין קא־מיסאר, און די וואס נעהמען יא אן אזא שטעלע ווילען ווייזען דער רעגירונג אז זיי זענען הייליגער ווי דער פאבסט, און

דעריבער איז אז אך און וועה צו דעם אידען וואס פאלט אריין צו א אידישען קאמיסאר.

די מיינונג פון אלע רוסישע אידען איז, ניט אכטענדיג וואס זיי זענען געגען דער סאוועט־רעגירונג, אז זיי שטעהט פאר די גרעסטע געפאהר אויסגעשלאכטעט צו ווערען, אויב די סאוועט־מאכט זאל מיטאמאל געבראכען ווערען, ווייל ביידע, אי דער גוי'אישער בירגערליכער קלאס און אי די אנפיהרער פון סאוועט, וועלען זיך נוקם זיין אן די אידען.

אט דיעזע אלע פאקטען האב איך געהערט פון יעדען וואס איך האב באגעגענט וואס קומט פון רוסלאנד, אדער וואוינט נאהענט ביים רוסישען גרענעץ און ווען דיזע פרוי מיט וועלכער איך האב געהאט א געשפרעך אויפ'ן שיף האט מיר דערצעהלט איהר אייגענע ערפאהרונג, האב איך געשווידערט, און איך וועל דעריבער איבערגעבען איהר געשיכטע גראדע ווי זי האט עס דערצעהלט:

,,מ'האט מיך גע'מסר'ט, און ווער? אויך א איד. די מסירה איז באשטאנען אין דעם, דאס איך האנדעל מיט וואַ־ליוטע, און ווען איך בין געפאהרען פון מיין שטעדטעל אין אדעס, האט מען אנגעוויזען דער טשערזוויטשייקע מיט וועל־כען צוג איך פאהר און וויפיעל געלט איך פיהר מיט מיר. איך האב ביי זיך געהאט 80 ענגלישע פונטען און ארום דריי מיליאן רוסישע רובעלס, איך האב מיך געוואלט אריבערכאפען די רו־מענישע גרעניץ און פאהרען צו מיין מאן קיין מאנטרעאל. וועלכען איך האב ניט געזעהן פאר 9 יאהר, און וועלכער האט געמוזט אוועקפאהרען א וואך נאך אונזער חתונה.

,,צופעליגערווייזע האט דער מסור געוואוסט פינקטליך וויפיעל געלט איך האב ביי זיך און מען האט מיך ארעסטירט; דיעזער ארעסט אונטער אזא קלאגע מיינט ניט ווענינער ווי געשאסען צו ווערען, און עס איז נאך קיינער ניט ארוים צוריק א לעבעדיגער פון אזא קלאגע.

,,ווען דער קאמיסאר, א רוס, האט מיך אריינגעפיהרט אין א באזונדער צימער און געפונען אלעם לויט דער מסירה,

האט ער א קוק נעגעבען אויף מיר, ווי ער וואלט זאגען: „נו יעצט ביסטו שוין א פארטיגע!" איך בין איהם געפאלען צו די פיס און האב געוויינט; „טאווארישטש", האב איך אויסגע־שריען, איך פאהר צו מיין מאן וועלכען איך האב ניט געזעהן פאר נייין יאהר און דאס איז דאס געלד וואס ער האט מיר דורך פארשידענע קוועלען געשיקט, יעצט וועט מען מיך שיסען. האב רחמנות און געפין אויס פאר מיר א וועג, נעהם דיר דאס געלט, און אלעס וואס איך וויל איז בלייבען לעבען.

„דער קאמיסאר האט זיך געכאפט אז ער האט אן עצה. ער האט דערזעהען צווישען די ענגלישע פונטען אויך האלבע פונטען, דאס הייסט צעהן שילינג פאפירען און ער האט מיר געזאגט: איך וועל נעהמען אכט צעהן־שילינג־שטיק און עס צוטשעפען צום פראטאקאל און ערקלעהרען אז עס איז א טעות פון מסור, עס איז בלויז אכציג שילינג ניט אכציג פונט, דאס וועט דיך פיליכט ראטעווען, ווייל די סומע איז זעהר א קליינע.

„דער קאמיסאר האט נאטירליך צוגענומען די איבעריגע פונטען און די אכציג שילינג מיט די דריי מיליאן רוסישע רובעלס האט ער מיט'ן פראטאקאל געשיקט צום סליעדראוואטעל פון דער טשרעזוויטשייקא, און מיך האט מען אוועקגעפיהרט אין אדעסער קרימינאל.

„די פרויען אבטהיילונג איז נאטירליך א באזונדערע, מיר זעהען דארט קיינמאל קיין מאנספערזאן אויסער די קרימינאל־אנגעשטעלטע און קאמיסארען. דיעזער קרימינאל איז ניט די שטאדט טורמע, ווייל דארט אין טורמע זיצען נור פארברעכער פאר קליינע עבירות, און אזעלכע פון בעפאר דעם משפט, ווע־רענד פאר האנדלען מיט וואליוטע זעצט מען באלד אין דער געפענגנים וואו עס געפינען זיך שוין צום טוידט־פאראור־טהיילטע.

„אין א קאמער פון דיעזען קרימינאל געפינט זיך אויך דער „גאראזש", דער צימער וואו מען הינריכטעט די פאר־

משפט'ע, און יעדען מיטוואך און פרייטאג אבענד קומען פאר די הינריכטונגען.

איהר הערט ווי די טהירען פון די צעלען עפענען זיך. מען פיהרט ארויס פרויען, איהר דערהערט א יאמערליכען געשריי, א קוויטש, דאן הערט איהר פינף מאל אויסשיסען, עס בלייבט שטיל פאר א ווייל, דאן הערט איהר ווייטער שליסען טהירען. א ווילדען געשריי, אדער מעהר און דאן פאלגט ווייטער פינף מאל אויסשיסען און אזוי געהט עס כמעט עטליכע שעה אדער אמאל די גאנצע נאכט, ווייל די שיסעריי ווערט געמאכט אויף פינף פערזאן מיט אמאל, וועלכע ווערען צוגעבונדען צו פינף סלופעס וואס גרייכען איבער די העלפט פון מענשען און פון הינטען ווערט אויסגעשאסען פון פינף סאלדאטען מיט אמאל גלייך אין קאפ אריין, און די זעלבע פראצעדורע ווידערהאלט זיך יעדען מיטוואך און פרייטאג אווענט.

,,מען האט מיך אריינגעבראכט אין דער צעלע דינסטאג פריה און מיטוואך מיטאג צייט האט מען אין איין צעלע אריינגעבראכט צוויי יונגע פרויען נוירסעס פון א שפיטאל; זיי האבען מיר דערצעהלט די אורזאכע פון זייער ארעסט, דורך א טעות איז די מילך פאר די קראנקע איין טאג געווען ניט פריש און איידער די הויפט נוירס האט דאס באריכטעט צום הויפט אויפזעהער, האט א קאמיסיע פארזוכט די מילך און דאן ארעסטירט דעם הויפט אויפזעהער מיט די דאקטוירים און אלע נוירסעס; פון דיעזע צוויי איז איינע געווען די הויפט-נוירס, און אויך זיי האבען זיך געריכט אויף'ן טוידט.

,,איינע פון די נוירסעס האט געהאט א קאפ שווארצע האר און איבער דער ערשטער נאכט איז זי געווארען וויים ווי שנעע.. דאנערשטאג פריה, נאך דער שחיטה-נאכט, האט מען מיר מיט דער צווייטער נוירס געהייסען געהן וואשען דעם גאראזש פון דער לעצטער שחיטה און איך האב זיך געבעטען מען זאל מיר געבען וואס פאר אן ארבייט, אבי ניט צו וואשען דאס בלוט פון מענשען, און דער קאמיסאר האט צו מיר אויסגעשטעלט דעם רעוואלווער און געזאגט שארף: ביי אונז איז

גיטאַ ,,ניט־קענען''. עס גיבט נור ,,ניט־וועלען'' אָדער ,,טהון'', און איך האָב באַשלאָסען אַז איך בין צופרידען ער זאָל מיך שיסען. (דער קאָמיסאַר איז געווען אַ איד). דערווייל איז אונטערגעקומען אַ צווייטער קאָמיסאַר, אַ גוי, און געפרעגט וואָס דאָ קומט פאָר. ,,זיי ווילען ניט פאָלגען'', איז געווען דער ענטפער. דאָ האָב איך אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין און ערקלעהרט אַז איך בין צופרידען צו טהון סיי װעלכע שווערע אַרבייט, אַבי ניט צו וואַשען דאָס מענשען־בלוט, ווייל איך וועל עס ניט קענען איבערטראָגען. דער קאָמיסאַר האָט רחמנות געהאַט און געזאָגט צום צווייטען: ,,וואָס איז דער אונטער־שייד? שיק די פויערטעס וואַשען דעם גאַראַזש, זיי איז קיין אונטערשייד וואָס פאַר אַן אַרבייט זיי טהוען און גיב דיזע צו וואַשען די שטיגען!'' דער אידישער קאָמיסאַר האָט מיט פאַרוויינפע געקוקט צום אַנדערען און געזאָגט: ,,דו סימפּאַטי־זירסט מיט דיעזער פרוי, באַטש זי זעהט אויס צו זיין פון בורזשואַזנעם קלאַס!'' אויף דעם האָט איהם דער גוי'אישער קאָמיסאַר געענטפערט: ,,אויב סימפּאַטיזירען דאַרפסטו נאָר מיט איהר סימפּאַטיזירען, ווייל זי איז דאָך אַ אידישע און דו ביסט אויך אַ איד''.

,,יעדענפאַלס האָב איך שוין דעם גאַראַזש ניט געוואַשען. נאָר דערפאַר האָב איך געמוזט אַרבייטען אַכטצעהן שעה כסדר אויפ'ן הויף ווען עס איז געווען אַ גרויסער פראָסט, ניט קריי־גענדיג אַ גאַנצען טאָג עפּעס עסען אָדער צו דערוואַרעמען זיך.

,,איך האָב דאַן געשריבען אַ ביטע צום ,,סלעדאָוואַטעל'', ער זאָל אויסהערען מיין ,,דיעלאָ'' (קיים) און ענדליך נאָך פילע וואָכען ליידען נאָך ערגער ווי אין גהינום, האָט מען מיך גע־רופען צום ,,סליעדאָוואַטעל''.

,,ווען איך האָב געעפענט די טהיר פון ,,סלעדאָוואַטעל'' און איהם דערזעהען, איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען און איך בין אַנידערגעפאַלען צו דער ערד; איך האָב אין איהם דערקענט דעם אידישען אינגעל וואָס האָט מיט מיר צוזאַמען ערשט ניט לאַנג צוריק געהאַנדעלט מיט דער זעלבער סחורה

און פאר איהם איז בחנם צו לייקענען: ער האט באמערקט מיין שרעק און מיך בארוהיגט, און נאך א האלבע שעה מיך מא־טערען מיט פארשידענע פראגען, האט ער מיר שטילערהייד א זאג געטהון: „ביזט גליקליך וואס דו בזט אריינגעפאלען צו מיר אין די הענט און איך וועל זעהן אז דו זאלסט באפרייט ווערען!"

„און אין פארלויף פון צעהן טעג איז ווירקליך געקומען א באפעהל מיך צו באפרייען, און מיט שווערער מיה האב איך מיך אריבערגעכאפט קיין רומעניען, נאך אמאל איינשטעלענדיג דאס לעבען."

איך וואלט נאך געקענט שרייבען פיעלע פאקטען וועגען דעם יעצטיגען צושטאנד אין רוסלאנד, אבער איך בין נאר אויסען צו באווייזען, דאס דערוויל האבען מיר ניט קיין פלאץ אויף יענער זייט ים, און דער חוב ליגט אויף די אידען פון דיעזער זייט אויפצובויען א שטיקעל שעלטער פאר א טהייל פון דעם אידישען פאלק, אויב עס וועט אינגאנצען ניט פאר־ניכטעט ווערען, חלילה.

דער 12־טער ציוניסטישער קאָנגרעס

ערב דעם קאָנגרעס.

אָנגעקומען אַהער בין איך נאָך זונטאג נאָכמיטאָג.

איך האָב ביי מיין ארויספאָהרען פון בערלין געדענקט אַז איך וועל זיין גאָר פון די ערשטע דעלעגאטען, איך האָב זיך אָבער אין באַהן געטראָפען מיט נחום סאָקאָלאָוו, דר. שמריהו לעווין, לואיס ליפסקי און אַנדערע אַמעריקאַנער און דייטשע דעלעגאַטען.

און ווען איך האָב געטראָפען דיעזע ציוניסטישע פיהרער, אִיז'ם זעלבען וואַגאָן מיט מיר, האָב איך פאַרשטעהט זיך שוין אָנגעהויבען פיהלען קאָנגרעסיסטיש. און מיינע פוילישע צרות האָבען זיך באַלד פאַרגעסען.

מיר האָבען זיך באַגריסט. וויל צופעליגערווייזע בין איך בעקאַנט מיט יעדען וואָס איך האָב אין דיעזען וועג געטראָפען. און דער שמועס איז שוין געווען געציעלט צום קאָנגרעס און וואָס עס ווערט פון איהם ערוואַרטעט.

אימעצער האָט זיך אָנגערופען אַז דער סטרייק אין פוילען וועט שטערען די פוילישע דעלעגאַטען צו קומען צום קאָנגרעס,

און עס איז אויך א פראגע אויב די דעלעגאטען פון סאָוועט רוסלאנד וועלען אומשטאנדע זיין צו קומען.

אויף דעם האט סאקאלאוו בעמערקט מיט זיין געוועהנ־ליכען שמייכעל, „לאכט זיך אוים פון די אלע שוועריגקייטען, ביי אידען איז נים קיין וואונדער זיך ארויסצוכאפען פון א פלאץ. פארקעהרט, עס איז מעהר וואונדער, ווי אזוי א איד קען איינזיצען אויף א פלאץ".

און אזוי איז טאקי געווען דער פאקט, ווייל אנקומענדיג אין קארלסבאד האבען מיר שוין אנגעטראפען אן אנאנסע, „היינט אבענד אן אלגעמיינע קאנפערענץ פון אלע רוסישע (סאוויעט רוסלאנר) דעלעגאטען אין קראו האטעל", גראדע אין דעם הא־טעל וואו איך געפין זיך, און א גאנץ נישקשה'דיגער עולם האט זיך דארט פארזאמעלט. דער מיטינג איז אבגעהאלטען געווא־רען אונטער פערשלאסענע טהירען אבער די „רוסישע" קולות האבען זיך געהערט מחוץ לתחום.

פוילישע דעלעגאטען האבען זיך שוין געפונען ארום 40 און נאך מעהר ווערען ערווארטעט.

איהר געפינט דא ווירקליך פארטרעטער פון דער גאנצער וועלט, און עס גיט אייך נים ווילענדיג א צופ ביים הארצען, ווען איהר טרעפט כמעט יעדע מינוט, צוויי דעלעגאטען פון צוויי בעזונדערע וועלט טיילען, ווי זיי דערקענען זיך, און כאפען זיך ארום קושען.

איבערהויפט ווערט איהר גערירהט, ווען איהר זעהט ווי רוסישע מיט פוילישע און גאליציאנער דעלעגאטען וועלכע זיי־נען צוליעב דער מלחמה אבגעשניטען געווארען איינער פון אנ־דערען, דערזעהען זיך. די סצענע איז דאן זעהר דראמאטיש, מען צעווייגט זיך, מען קושט זיך, און פיעלע טרעהרען ווערען פערגאסען אפילו ביי די צושויער.

און ווען איהר געהט דורך דיעזע הערליכע שטאדט קארלס־באד, און דערזעהט די וויכטיגע געסט, די דעלעגאטען פון אלע עקען וועלט, מוזט איהר, צי איהר ווילט, אדער נים, קומען צום בעשלוס, אז דאס אידישע פאלק לעבט נאך, און נים נור לעבט

עס נאָך, נור עס פאַנגט ערשט אָן אויפ'סניי צו לעבען אַלס א' גרויסע און איינפלוסרייכע נאַציאָן. אפשר איז עס א חלום, אָבער אזוי שיינט עס אייך.

די מזרחים האלטען אָב זייער וועלט־קאָנפערענץ, און עס מוז צו זייער קרעדיט געזאָגט ווערען, אַז די וויכטיגסטע פער־זאָנען, די שעהנסטע דעלעגאַטען, זיצען אין זייערע ראַנגס, און צוואר די קאָנפערענץ זייערע און די רעפּאָרטס מיט די קרי־טיקס, וואָס איך האָב שוין בייגעוואָהנט ביי עטליכע זיצונגען זיינען ניט זעהר קיין געהויבענע, קען איך אָבער מיין אייגענע קריטיק געגען זייער אָרגאַניזאַציע ניט אויסדריקען ביז איך וועל זעהן דעם גרויסען קאָנגרעס, כאָטש מעגליך דאָרט וועט נאָך ערגער זיין. (אזוי הערט זיך געוויל אין די קאָרידאָרען, און ביי די קאָקוס מיטינגען פון די אַלע באַזונדערע לאַנדסמאַנ־שאַפטען).

יעדענפאַלס ווייזט אויס אַז די מזרחים וועלען האָבען א גרויסע דעה ביים קאָנגרעס, ווייל ביז יעצט האָבען זיי שוין אַרום 135 דעלעגאַטען. און ווי עס איז צו האָפען וועלען זיי היינט ביים ענדיגען זייער קאָנפערענץ פערגעסען אַלע מיס־פערשטענדניסע און ווי איין מאַן זיך לאָזען הערען ביים וועלט־קאָנגרעס, וועלכער עפענט זיך מאָרגען.

די שטימונג צווישען די פּוילישע דעלעגאַטען און די פּאַ־לעסטינער איז מעהר געניגט צו בראַנדייס'ן און זיי רופען זיך אויך בראַנדיסיסטען, אַלס אָפּאָזיציע צו די וויצמאַנ'יסטען. און איך מוז דאָ זאָגען דעם אמת, אַז איך בין שוין אויך אַבי־סעל אָנגעשטעקט מיט דעם זעלבען געדאַנק.

און טאָקי דעריבער האָב איך גערופען א קאָקוס פאַר היינט נאָכמיטאָג פון די קענעדער דעלעגאַטען, אום דיעזע פראַגע צו בעהאַנדלען.

די בראַנדיסיסטען מאָטיווירען זייער געגנערשאַפט דער־מיט, און מיט רעכט, זאָג איך, דאָס פּאַלעסטינאַ קען ניט אויפ־געבויעט ווערען מיט'ן בלויזען קרן היסוד. ניט אַכטענדיג ווי נויטווענדיג דער פאָנד איז, קען ער ניט זיין גענוג פאַר אויפ־


A. PERSON

שליחי הקונגרס הי"ב בקרלסבד

צובויען ארץ ישראל אהן פריוואט־איניציאטיווע און דעריבער האלטען אנדערע, אז עס האט אפילו געלוינט צו אפערען מיט'ן קרן היסוד אפי צו האבען בראנדייס'ן מיט זיינע אנהענגער פאר די פריוואט אונטערנעהמונגען אין הייליגען לאנד, וועלכע וואלטען זיכער געפיהרט ווערען אויף א גרויסען מאסשטאב און צוועקמעסיג.

די קענעדער ציוניסטען זוכען דעריבער צו קענען קריגען א גרויסע אנהענגערשאפט און ארויפברענגען א רעזאלוציאן, דאס נעהמענדיג אין אנבעטראכט אז פריוואט אונטערנעהמונגען זיינען זעהר נויטיג אום צוזאמען מיט דעם קרן היסוד קאפיטאל צו קענען אויפטהון מעהר ארבייט אין ארץ ישראל.

און נעהמענדיג אין אנבעטראכט דאס די פריהעריגע אמעריקאנער ציוניסטען זיינען דורכאויס פאר פריוואט אונטערנעהמונגען, איז עס דעריבער בעשלאסען, דאס די נייע עקזעקוטיווע זאל אנווענדען אלע מעגליכקייטען צו קומען צו א פארפארשטענדניס מיט די אמעריקאנער ציוניסטען וועלכע זאלען האנד אין האנד ארבייטען פאר ביידע מעטהאדען און אין קיין פאל ניט שטערען איינע די אנדערע, אבער די פריהעריגע פיהרער זאלען אויך צוריק אריינטרעטען אין דער וועלט־ארגאניזאציע.

איך גלויב דאס מיר וועלען האבען פיעלע אנהענגער ביי דער אפאזיציע. צי מען וועט עפעס אויספיהרען בלייבט בלויז צו ווארטען און זעהן.

די שטאדט קארלסבאד, איז ווי אויסגעקליבען געווארען פון ששת ימי בראשית פאר קאנגרעסען און קאנווענשאנס. איהר געפינט זיך זעהר היימיש דא, און אייער אנוועזענהייט איז זעהר ווילקאמען ביי יעדען איינעם. אפט פארגעסט איהר גאר אז דאס לאנד בעלאנגט גאר עפעס צו די טשעכא סלאוואקען און דענקט אז עס איז „אונזער" לאנד, ווייל אלעס וואס איהר זעהט אין די שוי פענסטער אויפ'ן גאס און אין האטעל, שמעקט מיט ציון און קאנגרעס.

דערצו גיבען נאך צו א רייין דער הערליכער און אידעאלער

שטאָדט איהרע שעהנע האָטעלען, די פּראַכטפּולע גערטנער. און די קיור פּלעצער וואָס האָבען פון שטענדיג אַן גע־צוויגען טויזענדער און הונדערטער טויזענדער געסט פאַר יעדען זומער, און יעצט אין צייט פון קאָנגרעס, קען קאַרלסבאַד אָנ־גערופען ווערען אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטאָדט, מעהר ווי אי־מער.

איהר געהט אין גאַס, הערט איהר אַלע וועלטס שפּראַכען און עס איז ווערטה צו בעמערקען אַז העברעאיש פאַרנעהמט דעם אויבען אָן, נעקסט קומט דייטש, דאַן פּויליש, רוסיש, און זאַ ווייטער, אפילו מאַמעליגע שפּראַך קענט איהר דאָ אויך הערען.

דער קאָנגרעס.

די לעזער זענען שוין איצט באַקאַנט מיט אַלע פאַרהאַנדלונגען און רעזולטאַטען פונ'ם 12־טען קאָנגרעס, פון די טעלעגראַמען און ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענציעס אין די צייטונגען נאָכ'ן קאָנגרעס, און עס איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדליך אַז איך באַצוועק ניט מיט דיזען קאַפּיטעל צו געבען א רעפּאָרט פון די קריטיקען, פאַרהאַנדלונגען און באַשליסע, נאָר פון די רעזולטאַטען און זייער וויכטיגקייט ווי זיי זענען באַטראַכט געוואָרען אין ארץ ישראל, און וואו זיי זענען ווירקליך זעהר וויכטיג באַטראַכט צו ווערען. דאַן וועט עס אויך ברענגען צום ציעל צו וועלכען איך שטרעב, צו בעלייכטען פאַר די לעזער אונזער פליכט צו ארץ ישראל.

שוין קומענדיג קיין קאַרלסבאַד, האָט זיך דערפיהלט די לופט פול מיט פולווער, צוליעב די ערוואַרטעטע קריטיקען פון די ארויסגעטראַטענע פון דער עקזעקוטיווע, מר. סימאָן און דעלימאַ, פון אַלע דעלעגאַטען פון ארץ ישראל און פון די זאַגענאַנטע בראַנדעיסיסטען.

און ווען איהר האט זיך גוט צוגעהערט צו אלע טענות, זענט איהר כמעט געווארען אין גאנצען ענטוישט. פיעלע מאהל האט זיך מיר אונזער לאגע פארגעשטעלט פיעל שלימער ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט. און איך מוז מודה זיין אז דער גאנצער קאנגרעס האט מיך כמעט גארניט מעהר אינטערעסירט, און ווען ניט דער פאקט, וואס צו דער קאמיסיע צו וועלכער איך האב בעלאנגט, נעמליך: די פאליטישע קאמיסיע, האט מיך געצווינגען אום ווירקליך באקאנט צו ווערען מיט דער אמת'ער פאליטישער לאגע אין ארץ ישראל, ווען ניט דיזער פאקט, וואלט איך ניט אימשטאנד געווען צו זיצען אין קארלסבאד די גאנצע פופצעהן טעג פון פאר'ן און נאך'ן קאנגרעס.

און איך מוז מודה זיין אז אין דיזער קאמיסיע האט זיך מיר נאך מעהר בולט ארויסגעוויזען אונזער אונבאהאלפענקייט און עס האבען זיך פאר מיר געמאהלען שרעקליכע בילדער. איך האב, למשל, דארטען געלערענט אז מיר זענען נאך זעהר ווייט פון אונזער שטרעבען און עס איז מיר גאר אפטמאל געקומען אויף'ן געדאנק, אז עס לוינט זיך אונז גאר אין גאנצען ניט דער עסק מיר זאלען איצט ריידען וועגען ארץ ישראל, ווייל כמעט אלע ציוניסטישע וועגען האבען דארטען ניט געפיהרט צום ריכטיגען ציעל; די אראבישע פראגע, די נציבפראגע, די עקזעקוטיווע, אלעס און אלעס האט זיך געוויזען איינגעוויקעלט אין א געדיכטען טונקעלען טומאן, און אבוואהל דער קאנגרעס האט זיך געשלאסען מיט גוטע האפנונגען, און ווי מען זאגט: אלעס האט זיך אויסגעפרעסט, איז ביי מיר געווען א גרויסער פראגע־צייכען, וועלכער האט אימער געשוועבט פאר מיינע אויגען, און פיעלע מאל האב איך שוין געוואלט אויפגעבען די רייזע קיין ארץ ישראל און זיך ארייגווארפען אין יאוש.

די לעזער וועלען מיר ענטשולדיגען פאר מיין פעסימיזם, ווייל איך האב ביי זיך אפגעמאכט קיין שום זאך ניט צו פארשעהנערען און ניט צו פארפוצען, נאר איבערגעבען אלעס אזוי ווי איך זעה עס.

און איך מוז נאך עפעס זאגען, ניט אכטענדיג וואס אנדערע וועלען דעריבער דענקען, דאס איז בנוגע דער אמעריקאנער דעלעגאציע, וועלכע האט ביי מיר גערויבט יעדען רעס־פעקט פאר די אמעריקאנער אידען. ווען איך האב געהערט די רעדעס פון א. ג., דער יעצטיגער בראנדייס, אדער אפילו פון ה' ל., וואס פארנעהמט מסתמא דעם פלאץ פון א סטיפען וויז, אדער פון אנדערע פון די פריהערדיגע פיהרער, האב איך ערשט דערזעהן וואס דער שטן האט פון אונז געמאכט, ווי ער האט אונז פארוואנדעלט אין א שפילבעל און געווארפען זיך מיט'ן אידישען שיקזאל ווי מיט א באל.

איך קען אייך ניט זאגען ווי איך האב געפיהלט ווען מר. א. ג. האט גערעדט אין נאמען פון „מיר אמעריקאנער ציוניסטען", מיר פיהרער, הייסט עס; „ער און ווייצמאן" זענען פטור געווארען פון דעם בראנדייס, דער חברה־מאן „וואס האט ניט ליעב די רוסישע און פוילישע אידען" און קוקט אויף זיי פון אויבען ארונטער און על פי נס האבען מיר זיי יעצט נפ־טר'ט; דערמיט האט ער געזוכט ארויסצורופען אן אפלאוז פון די רוסישע און פוילישע דעלעגאטען, און צו א געוויסען גראד האט ער עס נעקראגען, און נאר די ארץ־ישראל דעלעגאטען און איינינע אמעריקאנער דעלעגאטען האבען זיך געשעהמט די אויגען אויפצוהויבען.

און אויב איהר ווילט דוקא וויסען ווי איך האב בעת מעשה געפיהלט, וועט אייך גענוג זיין דער פאקט, אז איך בין אין מיטען פון זיין רעדע ארויס פון קאנגרעס־האל מיט קאפ־שמערצען; שפעטער האבען מיר פיעלע דעלעגאטען ער־קלעהרט אז זיי האבען אויך אזוי געפיהלט.

אבער די זאך האט זיך „פארבעסערט" נאכדעם ווי מען האט גענומען א בילד פון די דעלעגאטען; דער זעלבער א. ג. איז אוועקגעשטעלט געווארען אין א גרויסען פארמאט נעבען ווייצמאנען און סאקאלאוו'ן אלס איינער פון די פיהרער, אויף בראנדייס'עס פלאץ און זיינע בילדער־פאסט־קארדס זענען

געוועזן צו פארקויפען צוזאמען מיט ביאליק'ס, וויצמאן'ס און סאקאלאוו'ס.

און וויסענדיג וואס די אייראפעאישע אידען קענען ביי דער יעצטיגער צייט טהון פאר ארץ ישראל און אז די גאנצע האפנונג ליגט אויף דעם ביסעל ענגליש־שפרעכענדע אידען, האב איך מיך נעפרעגט די קשיא: וואס קען מען שוין ער־ווארטען, ווען די גרעסטע טהייל פון די ענגליש־שפרעכענדע אידען, די אמעריקאנער, האבען ניט געהאט און ניט געפונען קיין בעסערען פיהרער ווי א. ג. און ל., וואס זייערע בילדער ווערען שוין געמאכט אויף ספעציעלע פאסט־קארדס און שטע־הען אויף דעם אלגעמיינעם בילד, מיט „גרויסע קעפ" אלס די פיהרער פון אמעריקאנער אידען, און איך האב כמעט א שעפטשע געטהון מיט די ליפען „אוי לאותה בושה".

און עס טהוט מיר לייד נאכאמאל זיך צו דארפען פאר־ענטפערען פאר מיינע אויסדריקע. איך זוך אימער דעם רעזולטאט און איך פרעג: וועלען דיזע לייטע קענען אדער אימשטאנד זיין צו העלפען שאפען דעם בודזשעט וואס איז באשטימט געווארען פאר ארץ ישראל? האבען זיי כח גענוג אין אמעריקע צו שאפען זייער טהייל, וואס מוז נאטירליך זיין די גרעסטע טהייל פון בודזשעט? איך האב דערינען קנאפע אמונה, הלואי זאל עס אנדערש זיין ווי איך דענק.

דעריבער זאג איך, אז ניט אכטענדיג דאס די רעזאלו־ציעס וועגען קרן היסוד און וועגען אנדערע וויכטיגע ארבייטען לטובת ארץ ישראל זענען געוועזן זעהר גוטע, זענען דאך מיינע ברילען געבליבען טונקעל, און דאס בעסטע אין וואס איך האב געפונען צופרידענהייט ביים קאנגרעס איז געוועזן דער מאמענט, ווען מר. א. לעווין פון מאנטרעאל, האט מיר געזאגט, אז ווען ער קומט אהיים וועט ער גרינדען א באנק פאר ארץ ישראל. אט דיזער געדאנק האט אין מיר ערוועקט אביסעל האפנונג און פארטריבען די עצבות.

איהר פארשטעהט? מר. לעווין איז שוין געוועזן אין ארץ ישראל בעפאר ער איז געקומען צום קאנגרעס, און איך פארשטעה

דארפון אַז איך דארף אויך פאָהרען קיין ארץ ישראל, און ניט קוקענדיג וואָס איך האָב ערהאַלטען פון דערהיים א קייבעל דאָס איך מוז אומבאַדינגט שנעל צוריק קומען, האָב איך דאָך באַשלאָסען צו פאָהרען קיין ארץ ישראל.

די קאָנוועגשאָן ביי די מזרחים

בעפאָר דעם קאָנגרעס האָט דער וועלט מזרחי אָבגעהאַלטען זיין קאָנווענשאָן אין קארלסבאד, און אזוי ווי בדעה בין איך אויך א מזרחי, איז מיר אינטערעסאַנט געווען צו בייוואָהנען עטליכע זיצונגען, ווי שוין אויבען דערמאָהנט.

די דעלעגאטען האָבען ביי מיר באמת נושא חן געווען, צווישען זיי האָט מען געקענט באמערקען אונזערע בעסטע אי־דען, געלעהרטע, דאָקטוירים, קינסטלער, מאהלער, רבנים, פּראָ־פעסארען, און כמעט יעדערער פון זיי, מיט זעהר קליינע אויס־נאהמען, איז געווען פון די סמעטענע פון אונזערע אידען איבער דער וועלט.

און וואָס איך האָב ביז איצט ניט בעמערקט, איז וויג־שענסווערטה יעצט צו בעמערקען, דער גאַנצער קאָנגרעס האָט צוזאַמענגעשטעלט א וואונדערבארעס בילד פון א גייסטיג געזונדען פאָלק, ווייל נור אזא פאָלק קען פערמאָגען צווישען זיך אזעלכע לייטע ווי עס זענען געווען פארטרעטען פון אלע פאר־טייען ביי דיעזען קאָנגרעס, און ווען איהר רעדט פון דעם גאַנ־

צען בילד איז עם דאס ערליכסטע, און די קליינע „גדולים״ פון וועלכע איך האב גערעדט אין פריהערדיגען ארטיקעל, האבען זיך גארניט אנגעזעהן, און האבען אפילו ניט קאליע געמאכט דאס ערליכע בילד.

דאס איז ווען מיר רעדען פון דער פאעטישער זייט פון׳ם קאנגרעס, אבער ווען עס האנדעלט זיך מיט דער ממשות׳דיגער ארבייט, האב איך מיין ערשטען „דיסאפוינטמענט״ געקראגען ביי דער מזרחי קאנווענשאן.

דא האבען אויך ניט געפעהלט קיין קריטיקען, אבער מעהר הארציגע קריטיקען. איהר האט למשל געהערט פון א פוילישען רב וואס האט בעזוכט ארץ ישראל, אז אין ארץ ישראל טהוען די מזרחים כמעט גארניט, און זייער עקזיסטענץ איז ניט צו דערקענען, דערביי האט דיעזער רב געזאגט א געלונגענעם וויץ. „אויף מיר זאגט ער״, האט מען זיך גארניט אומגעקוקט, ניט אכטענדיג וואס איך בין אימער געווען אין פוילען א פיהרער פון דעם מזרחי און די אורזאכע — גיט ער וויטער אן, איז — „ווייל איך בין נור א רב דק״ק מארקען, און ניט קיין רב דק״ק דאלארס״, מיינענדיג דאמיט אז פאר איהם האט דער מזרחי ניט געהאט זיך וואס צו פארענטפערען, ווייל ער קומט פון א לאנד וואס האט מארקען וואס האבען אויף דער וועלט קיין ווערטה, ווערענד פאר אמעריקאנער פון וואנען די דאלארס קומען וואלט מען מעהר פעראנטווארטליכקייט ארויסגעצייגט.

און דער אנטווארט פון די פיהרער אויף די אלע קריטיקען איז ליידער געווען אן אמת׳ער עהרליכער אנטווארט: „וואס קע־נען מיר אויפטהון, ווען איהר גיט אונז ניט די מעגליכקייט דערצו!״ און דא האט זיך ארויסגעצייגט, דאס ביים פריהעריגען קאנווענשאן אין אמסטערדאם האט מען געמאכט א בודזשעט פון 150 טויזענד פונט סטערלינג, פאר וועלכען אמעריקא האט זיך דורך זייער נשיא הרב בערלין פערפליכטעט צו געבען 100 טויזענד פונט, און האט דורך דער גאנצער צייט געשיקט בלויז 8 טויזענד פונט, דאס איז שוין אריינגערעכענט קענעדער געלד. די לעזער ארער די מזרחי פיהרער וועלען מיר ענטשולדיגען

פאר דער ניט־פינקטליכקייט פון ציפער, ווייל די קליין געלדער אויסער די טויזענדער האב איך מיר ניט פארצייכענט.

און דא האט איהר זיך געזעהן פנים אל פנים, מיט א שווערער פראבלעם, ווען די רייכע אמעריקע, ווי איינער פון די דעלעגאטען האט זיך אויסגעדריקט „די בלאף אמעריקע", האט אזוי וועניג געטהון, טא וואס קענט איהר דאן ערווארטען פון די דערשלאגענע ארימע אייראפעער אידען מיט זייער חושך־דיגער וואליוטע?

און ביי מיר האט זיך דאן ערוועקט נאך א פראגע, דער גאולת הארץ פ א נ ד וואס די מזרחי אין אמעריקא און קענעדא האבען געמאכט אזא גרויסען קאמפיין, עס האט געהייסען א 2 מיליאן דאלאר קאמפיין, און פון די אלע קאמפיינס איז בלויז געבליבען 8 טויזענד פונט פאר ארץ ישראל, און דאס הייסט אויך נאך ניט פאר פראקטישע ארבייט, ווייל די מזרחי אדמי־ניסטראציע אין ארץ ישראל דארף דאך אויך לעבען, הייגט ווי אזוי קען מען ווירקליך פון דער מזרחי ערווארטען ערפאלגרייכע ארבייט?

נאטירליך רבי בערלין, האט אין זיין רעדע זיך געקלאפט אין הארצען פאר אמעריקא, און צוגעגעבען אז אמעריקא איז זינדיג, זיי האבען ניט געגעבען, זיי גיבען פאר קיין זאך ניט געגוג, און זיי זיינען טאקי שולדיג, אין דעם חטא פון ניט געבען.

אבער איך פארשטעה, דאס די מזרחי פיהרער זענען אויך אביסעל שולדיג, ווייל וויפיל די אידען גיבען ניט, האבען זיי דאך פיעל מעהר געגעבען ווי עס האט לויט'ן פראצענט גע־גרייכט ארץ ישראל.

איז אבער דער תירוץ, אז דער קאמפיין האט געקאסט צו־פיעל, ווייל די הוצאות זיינען געמאכט געווארען פאר א צוויי מיליאן דאלאר קאמפיין, און געשאפען האט מען בלויז ארום 150 טויזענד דאלאר.

יעדענפאלס, מיר אידען ערווארטען דאך ניט אז מזרחים זאלען בילדען ארץ ישראל אלס פארטיי, בין איך ניט שטארק

ענטוישט געוואָרען פון זייער קאָנוועגשאַן, אָבער דאַמאָלס האָב איך שוין פערשטאַנען אַז אום צו בילדען ארץ ישראל טאָר מען זיך אין גאַנצען ניט פערלאָזען אויף די נאַציאָנאַלע געלדער.

ביים קאָנגרעס האָט זיך עס נאָך בולט'ער ארויסגעוויזען, אָבער אַלעס איז פאַר מיר געווען דונקעל ביז איך בין געקומען קיין ארץ ישראל.

ווען איך בין געקומען קיין ארץ ישראל, האָב איך מיך אויפ'ן ערשטען שריט בעגעגענט מיט א פערטרעטער פון דער אגודת ישראל, ווי איך האָב שוין בעמערקט אין מיינע פריהע־ריגע אַרטיקלען, און איך האָב איבער דער אגודת ישראל גאָר בעקומען אַן אַנדער בעגריף.

דעם אמת מוז איך מודה זיין, אַז איך האָב אויף דער ,,אגודה'' געקוקט מיט ניט ווייניג חשד, איך בין אימער געווען מיט דעם געדאַנק אַז זיי מיינען מעהר צו שאַדען, ווי עפּעס צו פאַריכטען, עס מיינט ניט חלילה, אַז איך האָב די אידען, וואָס בעלאַנגען צו דער אגודת ישראל, וואָס פאַרטרעטען דעם עקסטרים רעליגיעזען טהייל פון אידישען פאָלק חושד געווען, דאָס זיי מיינען טאַקי צו שאַדען די אידען, אָבער איך בין גע־ווען מיט דעם איינדרוק אַז זייער אוועקשטעהן פון דער נאַ־ציאָנאַלער אידישער בעוועגונג, אָדער בעסער געזאָגט, זייער זיין געגען ציוניזם ווייל דאָס שאַדעט, לויט זייער שטאַנדפּונקט, דעם גלויבען אין ביאת המשיח, שאַדעט דער אויפבויאונג פון דער אידישער היים.

איך האָב אָבער מיין מיינונג איבער זיי געענדערט ווען איך בין אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. ווייל אזוי ווי יעדע ציוניסטישע פּראַקציע האָט אויפצוואווייזען, שוין ביז יעצט גע־טהונענע פּראַקטישע ארבייט אין ארץ ישראל, האָט די אגודת ישראל אויך צו א געוויסען גראַד, עפּעס צו בעווייזען, און אזוי פיעל ווי די אָרטאָדאָקסישע פראַקציע פון ציוניזם, דער מזרחי, האָט די אגודת ישראל געווים, אָבער איבער דעם וועל איך נאָך שרייבען, אין די שפּעטערדיגע קאַפּיטלען, ווען איך וועל פּרו־

בירען קלאהר מאכען פאר די לעזער וואס עס טהוט זיך יעצט אין ארץ ישראל.

וואס איך האב געוואלט בעצוועקען דא מיט די עטליכע צייל̈ען איבער דער אגודת ישראל, איז איינפאך, דאס ווען איך האב גערעדט איבער די ציוניסטען און די מזרחים, האב איך געפונען פאר נויטיג, יעצט, אויך צו באמערקען וועגען דיעזער אגודה וועלכע פאנגט אן, ווי עס ווייזט אויס צו שפיעלען א וויכטיגע ראלע אין העלפען אויפבילדען ארץ ישראל.

איך האב זיך אין ירושלים געטראפען מיט דר. הערמאן פון פראנקפארט אם מיין, וועלכער איז אהין געשיקט געווארען פון דער אגודת ישראל פון דייטשלאנד צו ברענגען פלענער פאר פראקטישע ארבייט.

און לויט, ווי איך פארשטעה, פון דיעזען דר. הערמאן, וועגען וועלכען ס'איז ווערטה דערמאהנט צו ווערען, דאס ער איז דער ערשטער איד וואס איך האב קענען געלערענט אלס אן אמת-עקסטרים רעליגיעזען, און דאך זעהר פראקטיש אין זיין רעדען און טהעטיגקייט, האב איך פון זיינע אויסגעארבייטע פלענער געלערענט, דאס די אגודת ישראל אין דייטשלאנד, האלט שוין פון א צייט אויס, אן אגריקולטור שוהלע מיט א גרויסען פארם אין דייטשלאנד, מיט'ן צוועק אויסצובילדען גוטע פארם ארבייטער פאר ארץ ישראל. און עס איז גאנץ נאטיר־ליך דאס זיי האלטען נור אויס רעליגיעזע לייטע, און ווילען נאר אזעלכע שיקען קיין ארץ ישראל.

זיי האבען אויך שוין געקויפט ביי יפו א גרויסע שטרעקע לאנד פאר אגריקולטורעלע צוועקען, און נאך א פלאץ פאר א שטעדטעל, וואס זאל אויך זיין בעזעצט פון נור רעליגיעזע אידען.

און ווען די פאלעסטינער אידען רעדען וועגען דעם, דער־מאהנען זיי דעם פאקט אלס זעהר לויבענסווערטה, אפילו די פרייערע לויבען די אגודה.

דער פאס־ווארט ביי ארץ ישראל אידען פון אלע קלאסען איז: „זאל קומען ווער עס וויל נאר פון די אידען, נאר זאלען

זיי אהער קומען, און ווער עס וועט האבען די מאיאריטעט דער וועט האבען די דעה".

און זאלען די פועלי ציון, דער ראדיקאלער פליגעל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציאן, זיך נים געפינען געקריוודעט וואס איך האב איבער זיי ביז יעצט נאך גאנץ ווייניג געשריבען, ווייל ערשטענס, קומט זייער פלאץ אין די ארץ ישראל באריכטען, און צווייטענס האבען זיי איבעראל געטהון זייער טהייל מיט צושטעלען חלוצים, און הלואי וואלטען די אנדערע פארטייען געקענט געבען זייער חלק פאר אויפלעבען ארץ ישראל, ווי די אידישע ארבייטער וואלטען צוגעשטעלט א גוטען, געזונדען מענשען־מאטעריאל פאר דער ענטוויקלונג פון לאנד!... און הלואי נים מען נור די מעגליכקייטען פאר א גרעסער איינוואנדערונג.

און יעצט ווען איך האב די לעזער אביסעל בעקאנט גע־מאכט, וואס ארץ ישראל קען ערווארטען פון די פערשיעדענע פארטייען, אין דעם יעצטיגען צושטאנד אין מזרח אייראפא פאנג איך אן מיינע בעאבאכטונגען און איינדריקע.

קאנגרעס און רייזע איינדריקע

מיר זיינען שוין געוואוינט ביי אלע קאנווענשאנס אדער קאנגרעסען, דאס די ערשטע עטליכע טעג געהען פאראיבער אביסעל וואכעדיג, ווי די פסוקי זמרה פון די יום כפור תפילות, אבער ווען עס קומט צו נעילת השערים ווערט עס לעבעדיג.

ביי דיעזען קאנגרעס איז עס געווען צו א געוויסען גראד מעהר בולט.

ווי איבעראל, זיינען דא אויך די ערשטע עטליכע טעג אוועק מיט וואכעדיגקייט, ווידער די בראנדייס־וויצמאן מחלוקת און ווייטער איבערגע'חזר'ט מר. סימאן און דע־לימא'ס קריטיק, ביז דעם עולם זיינען שוין וואכעדיג געווארען די אלע טענות און יעדער דעלעגאט האט שוין געפיהלט אינסטינקטיוו, אז ער טהוט ניט זיין פליכט צום אידישען פאלק, וועלכער קוקט מיט אויגען, פארלאפענע פון טרעהרען צום יעצטיגען קאנגרעס. די ענטפערס פון סאקאלאוו, וויצמאן, אוסישקין און אנדערע פיהרער האבען נאכהער אביסעל דערפרישט די התלהבות און דאס איז געווען די נעילה פון דעם ערשטען האלבען קאנגרעס.

גלייך נאכדעם זיינען אויסגעוועהלט געווארען די פארשיעדענע קאמיטעס און דיעזע האבען זיך גענומען צו דער ארבייט. און ווייל די ארבייט איז געווען א גרויסע און זעהר וויכטיגע, זיינען דאריבער קיין רעזאלוציעס ניט געבאקען געווארען, און עס האט געדויערט גאנצע צוויי טעג ביז מען האט געקענט ארויסקריגען עטליכע רעזאלוציעס, אום דעם קאנגרעס צו געבען אביסעל ארבייט.

און דאן ווען דער קאנגרעס האט אנגעפאנגען צו פארהאנדלען די רעזאלוציעס, אט דאמאלט האט עס געהייסען, אז די צווייטע העלפט קאנגרעס עפענט זיך און דער עולם האט אויפגעהערט גענעצען פון די לאנגע רעפעראטען, וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען דיעזע צוויי טעג פאר במעט לעדיגע טשערס, ווייל א גרויסער טייל פון די דעלעגאטען האבען זיך באטייליגט אין פארשיעדענע קאמיסיעס, און א טייל דעלעגאטען האבען ניט פארשטאנען די רעפעראטען צוליעב דעם פאקט וואס מען האט זיי געלעזען אין העברעאיש און אין אנדערע שפראכען וואס ניט אלע דעלעגאטען פארשטעהען עס.

און ווי געזאגט, דער קאנגרעס האט אנגעהויבען צו פיהלען זיין פולע פעאנטווארטליכקייט און זיך שטארק פעראינטעריסירט אין די דיסקוסיעס וועגען יעדען פונקט פון דער געענדערטער קאנסטיטוציע.

דאן די רעזאלוציעס, און זייער פערהאנדעלט ווערען;

דיעזע מהייל האט ארויסגערופען די נשמה אינ'ם קאנגרעס און די שליסונג איז געווען אזעלכע, וועלכע האט געפאסט פאר אזא גרויסען מאמענט.

אונזערע קענעדער דעלעגאטען, ניט אכטענדיג וואס זיי האבען זיך ניט געלאזט הערען פון דער טריבונע, האבען אבער געמהון פיעל ארבייט.

מר. א. לעווין איז געווען פארנומען אלס מיטגליד פון דעם פערמאנענץ אויסשוס, מר. גאלדמאן אין קרן היסוד, מר. קייזערמאן אין דער פינאנץ קאמיסיע און דער שרייבער פון דיעזע צייל֞ען אין דער פאליטישער קאמיסיע.

מעגליך, אז די לעזער האבען פיעל פארלוירען דורך מיין זיין אין דער וויכטיגער קאמיסיע, ווייל עס זיינען פאראן זאכען וועלכע איך קען ניט בעקאנטמאכען, ווייל איך בין געווען אן אינטערעסירטער.

דער סך הכל פון קאנגרעס איז פאלגענדער:

מיר האבען צוויי טויזענד יאהר גע'חלום'ט וועגען ארץ ישראל, און יעצט איז געקומען די צייט, ווען מיר רייבען זיך די אויגען און פרעגען זיך זעלבסט: חלום'ן מיר נאך יעצט אויך, אדער זעהען מיר שוין דעם מארגענשטערען אויפשיינען?

און וואס זעהען מיר באמת?

מיר דאכט זיך, ווי איך זעה א האנד אויסגעשטרעקט אין דער טונקעלהייט פון ערגעץ ווייט, דערלאנגט אונז שוין עפעס. עס איז טונקעל אום צו קענען עס דערזעהן, און זעהר ווייט, אז מען זאל קענען אנטאפען וואס מען דערלאנגט אונז דארט.

אבער איין זאך איז שוין ביי מיר זיכער — ווייטער וועט די האנד צו אונז ניט קומען; זי בלייבט שוין דארט ביז מיר וועלען צו א י ה ר קומען, און זי אנכאפען.

אט ווי מען זאל אונז למשל זאגען:

דו האלטסט אין איין שרייען, אז דו ווילסט א לאנד, אויב דו ווילסט עס מאקי באמת, קום אהער און נעהם עס דיר, אבער צוטראגען צום מויל, דאס ניט!

„ארץ ישראל איז א צו גוטער מאכל מען זאל עס דארפען

צוטראָגען ביז אונטער'ן מויל, עס איז ווערטה אָנצושטרענגען אַלע כוחות אום עס צו דערגרייכען. עס איז ווערטה מסירת הנפש, און אויב דיר לוינט זיך עס ניט, איז א סימן אַז דו האָסט עס ניט פאַרדיענט!"

אונגעפעהר אַזוי האָלט עס יעצט. אויב אידען מיינען באמת צו באַזעצען ארץ ישראל, מוזען זיי ווייזען מסירות הנפש; די ארץ ישראל אידען מיט זייער שוויים און בלוט, ווען נויטיג, די חלוצים מיט דאָס זעלבע און נאָך מיט ליידען הונגער, און דאָס גאַנצע פאָלק מיט געלט.

דער קרן היסוד מוז פאַרברייטערט ווערען און די גרעסטע אַנשטרענגונגען מוזען דאַפיר געמאַכט ווערען, אָבער דערביי קען עס ניט בלייבען שטעהן, ווייל אויך מיט'ן קרן היסוד וועט מען דאָס גאַנצע לאַנד ניט אויפבויען, מען מוז האָבען פריוואַטע קאַפּיטאַלען, וועלכע זאָלען שאַפען א ריעזיגען אגראר און א גרויסע אינדוסטריע אין ארץ ישראל. נאָר מיט דיזע מיטלען קען מען ערוואַרטען, אַז פּאַלעסטינאַ זאָל ווערען אַ ארץ ישראל.

און עס האָט מיך געפרעהט צו הערען פון מר. לעווין פון מאָנטרעאַל, אַז ער איז וויליג צו שאַפען א מיליאָן דאָלאר אין קענעדע פאַר א באַנק אין ארץ ישראל און דאָס וואָלט ווירקליך געווען די ערשטע און גרעסטע אַרבייט וואָס קענעדער אידען דאַרפען טהון צו העלפען אויפבויען ארץ ישראל.

זייענדיג אין קאַרלסבאַד ארום פופצעהן טעג בין איך אַזוי קלאָהר געוואָרען אין דער ארץ ישראל פראַגע, אַז איך האָב אַפּטמאָל שוין געדענקט, אַז איך דאַרף שוין גאַרניט פאָהרען אַהין, ווייל איך ווייס שוין גענוג. אָבער, איך בין דאָך געפאָהרען, און בין גליקליך צו לאָזען וויסען מיינע לעזער, אַז דיזער קאַפּיטעל איז שוין געשריבען געוואָרען אין אונזער הייליג לאַנד און אין דער שטאָדט ירושלים.

מײַן רײַזע קײן ארץ ישראל

פון קארלסבאד קיין ירושלים.

איך האב געזאלט אפפאהרען פון קארלסבאד נאך ירושלים מיט דער שיף וואס געהט אפ פון טריעסט דעם 23־טען סעפ־טעמבער, אבער איבער געוויסע אורזאכען בין איך ארויסגע־פאהרען פריהער אום צו קענען פאהרען מיט דער שיף וואס געהט אפ פון טריעסט דעם 16־טען.

די איינצעלהייטען פון מיין רייזע וועל איך איבערלאזען אויף שפעטער, איך וועל נאר דערמאהנען, אז מיט מיר האט זיך אויף דער שיף אויך געפונען בן יהודה מיט דער פרוי, הרב פישמאן און דזשענעראל סטארס, דער גאווערנאר פון ירושלים, אלע פאהרענדיג ערשטע קלאס.

און עס איז ווערטה צו בעמערקען, דאס פון מיינע גע־שפרעכען מיט דעם גאווערנאר, האב איך אויסגעפונען, אז ער איז, ווי מען וואלט ביי אונז רופען א „גוד באי".

ער האט מיר געוואלט איבערציינגען, אז „אונזער" פאל־עסטינא, וועט אין עטליכע יאהר צייט שטעהן העכער ווי קע־נעדע, און ווען ער האט דערמאהנט פאלעסטינא, האט ער מיט

א שמייכעל אויף די ליפען און מיט דער האגד געוויזען אויף אתז ביידען און געזאגט „אונזער פאלעסטינא".

ער האט דוקא געוואלט מיט מיר רעדען העברעאיש, אבער דאך א גוי, ווי ער אליין האט באמערקט, קומט עם איהם לייד־דער אן זעהר שווער, אבער ער פלאפעלט שוין צו ביסלאך.

ביי אונז אויפ'ן שיף האבען זיך אויך געפונען ארום 80 חלוצים און חלוצות, צווישען זיי דריי רבנים פון ליטא. זיי זיינען אלע געפאהרען פערטע קלאס, און אויב איהר ווילט ווי־סען, וואס אויף דער שיף הייסט פערטע קלאס, וועט עס מיר לאנג נים נעהמען אייך צו ערקלעהרען.

אויפ'ן דעק ווערט איבערגעצויגען א לייוועגט און דא פארשפארט מען בענקלאך אדער אנדערע אזעלכע אונוויכ־טיגע ארטיקלען, יעדער ווארפט אוועק זיין באגאזש אויפ'ן דעק און אט אזוי זיצט מען אויפ'ן באגאזש און אזוי שלאפט מען און מען עסט, אויב מ'האט נאר וואס, ווייל קיין עסען גיט מען נים די פאסאזשירען פון פערטען קלאס. אלעס וואס ווערט זיי געגעבען, איז די הארטע דעק אוועקצולעגען זייער געפעק, מיט אן ערלויבניש דאס זיי מעגען זיצען אויף די געפעק. און אט אזוי פלאגט מען זיך ארום פינף טעג.

וועהרענד די ערשטע און צווייטע קלאס פאסאזשי־רען געהען ארונטער פון שיף נאך דריי טאג רייזע, מוזען די אנדערע צוויי קלאסען בלייבען שטעהן אין האפען פאר קא־ראנטין נאך צוויי טעג. אויסער די דריי טעג וואס די פערטע קלאס פאסאזשירען מוזען זיך מעלדען בעפאר די שיף געהט אפ און זיין אונטער א דאקטאר'ס אויפזיכט.

ווען די שיף האט זיך געריהרט פון טריעסטער האפען האבען מיר פלוצלונג דערהערט א זים געזאנג פון די אונטער־שטע קלאסען. מיר זיינען ארונטער צום אונטערשטען דעק און געטראפען די חלוצים מיט די חלוצות זינגען הארציג העברע־אישע לידער און די שמחה האט געשיינט פון זייערע געזיכ־טער, וויסענדיג, אז ענדליך, נאך וואכען און מאנאטען מאטער־ניש, זיצען זיי שוין אויף דער שיף, וואס וועט זיי ברענגען

נאהענט צו דעם פערשפראכענעם אייגענעם לאנד. און ניט־ווילענדיג האט דאס ארויסגערופען ביי אונז טרעהרען פון פרייד אין די אויגען.

איך בין אזוי געשטאנען און געקוקט אויף די נודדים, מיינע אויגען האבען געקוקט אויף זיי און מיין מח איז שוין געלאפען פאראויס און געטראכט וועגען ארץ ישראל. איך בין אזוי געשטאנען א היבשע ווייל, און פלוצלונג האב איך דער־שפירט א האנד אויף מיינע אקסלען. דאס איז געווען בן יהודה, וועלכער האט מיר פארגעשטעלט פאר'ן גאווערנאר פון ירושלים, און די ערשטע פראגע איז געווען אין העברעאיש: „מה אתה אומר להים שלנו?" וואס זאגסטו עפעס צו אונזער ים?

און בן יהודה ערקלעהרט מיר, דאס דיעזער ים התיכון בעלאנגט צו אונז, און דא האב איך שוין דערפיהלט עטוואס וואס איז שווער איבערצוגעבען. מען מוז דאס דורכלעבען אום מען זאל עס פארשטעהן, ווי איך האב זיך אין יענער מינוט געפיהלט.

ס'איז וואונדערבאר! ווי איך האב נור דערהערט דאס ווארט „אונזער ים", האב איך עפעס דערזעהן אזא שעהנעם רונדען ים, אזא בריליאנטען וואסער. עס האט זיך מיר באלד געדאכט, אז אזא שעהנעם ים האב איך נאך ניט געזעהן, און אז מסתמא איז דאס דער שעהנסטער ים אויף דער וועלט. איך בין גע־שטאנען און געקוקט אויפ'ן ים גאנצע שעה'ן און האב זיך גאר ניט געקענט זאט אנקוקען. — אונזער ים! אונזער ים! האט עס געקלונגען אין מיינע אויערען. און אפטמאל האב איך מיינע געפיהלען איבערגעגעבען צו די אנדערע פאסאזשירען און כמעט אלע האבען דאס זעלבע געפיהלט. יא, ליעבע לעזער, אונזער ים. הלואי איז עס שוין טאקע אונזערס, ניט בלויז אויפ'ן פאפיר! און מערקווירדיג, פונקט ווי דער ים וואלט אויך געהאט די זעלבע געדאנקען!

שטיל און רוהיג איז דער ים, און פיהרט די שיף אזוי, אז מיר וויסען גאר ניט אויב מיר פאהרען. קיינער איז ניט קראנק, אלע פיהלען זיך גוט, דער ים באהאנדעלט אונז ווי א

געטרייע מוטער איהרע קינדער, נאָר וועלכע זי האָט שוין גע־בענקט פאַר פיעלע יאָהרען.

פאַרשטעהסט דאָס טאַטי דער ים? אָדער מיין פאַנטאַזיע איז אַזוי פאַר'שכור'ט, אַז מיר דאַכט זיך נור אוים אַזוי?...

צווישען עגיפטען און ארץ ישראל.

איך ווייס ניט, צו בין איך שרייבענדיג דיעזע קאפיטלאך יוצא חובת אזא ארבייט, ווייל אין דער צייט וואס איך שרייב דאס, פיהל איך כמעט ניט קיין פעראנטווארטליכקייט, ניט צו דער שרייבער־קונסט און ניט צו די לעזער.

איך פיהל זיך ווי א געפעסטשעט קינד, ווען די מאמע האט איהם נאכגעגעבען וואס ער האט געוואלט.

און טאקי דעריבער, שרייב איך אזוי ווייניג, און בעגנינגען זיך מיט קורצע נאטיצען, אנשטאט צו בעשרייבען אלעס מיט פינקטליכקייט, און מיט אלע פיטשעווקעס.

דער צופאל האט נאך אזוי געוואלט דאס איך בין אנגעקומען אין ירושלים י״ח אלול, אין דעם טאג פון מיין געבורט. מיינע פריינדע אין ירושלים האלטען דאס פאר זעהר א וויכטיגען אינצידענט, און האבען מיך דעריבער טאקי גלייך ביי מיין אנקומען, געכטען מיטוואך נאכמיטאג, געפיהרט צו דעם כותל המערבי, וואו מיר האבען דארט געדאווענט מנחה בצבור. ווי שוין געזאגט, בין איך בלויז מגלה טפח, איך גיב אייך נור

צו פארזוכען פון דעם מאכל וואס איך האב געגעסען. איך פארזיכער אייך, דאס אזוי ווי קיינער קען נים שפירען דעם טעם פון דעם וואס א צוויימער עסט, אזוי וועט איהר אויך ניט קענען שפירען דעם טעם וואס איך שפיר, סיידען איהר זאלט דאס זעלבע מיטמאכען.

אן אייגען לאנד, און דאצו ארץ ישראל, וואס איז דורכ־געדרונגען אין אונזער בלוט און לויפט ארום אין אונזערע אדע־רען פון זיים די מאמע האט אונז געלערענט צו זאגען די ער־שטע ברכה, און וואס שפעטער אין חדר, זיצענדיג טיילמאהל ביים שיין פון דעם נאפט־לאמפ, אדער חלב־ליכט, האבען מיר אין זיך אלץ מעהר און מעהר איינגעזאפט די הייליגע זכרונות פון אונזערע אבות און פון אונזער לאנד.

און נאך שפעטער זיינען מיר שוין געקומען צו דעם בע־שלוס אז אויסער וואס דאס לאנד איז אזוי הייליג פאר אונז צוליעב אונזער פערגאנגענהיים, איז עס נאך פאר אונז זעהר וויכטיג אויך פאר דער ערהאלטונג פון אונזער געגענווארט, און פאר דער ווייטערער עקזיסטענץ פונ׳ם גאנצען אידישען פאלק אין דער צוקונפט.

איך האב דורכגעמאכט יעצט א רייזע כמעט איבער גאנץ אייראפא, ארץ ישראל איז מיין צעהנטע מדינה וואו איך קום יעצט, און אין קיין פלאץ האב איך נישט געפיהלט וואס איך פיהל יעצט דא.

אך, ווי גוט עס איז צו טרעטען אויף אייגענעם באדען, און ווי ליעב איז דאס דא יעדער ווינקעל, עס דאכט זיך דאס איהר דערקענט נאך יעדען טריט וואו עס האבען געטראטען אונזערע אבות!

און נים אנדערש האב איך געפיהלט ווען איך האב זיך בעקענט מים דעם ערשטען היסטארישען פלאץ און דאס איז דער נילוס.

ווען מיר זיינען געפאהרען אויפ׳ן באהן פון אלעקסאנדריע קיין ירושלים, און הרב פישמאן האט מיר געזאגט אז מיר פאהרען אויפ׳ן בריק איבער׳ן טייך נילוס, האב איך מיין קאפ

ארויסגעשטעלט מיט גרויס נייגעריגקייט, און די אויגען האבען געזוכט אין וואסער. אפשר, אפשר, וועל איך נאך זעהן שווי־מען א קערפערעל פון א אידיש אינגעלע וואס די מצרים האָ־בען אהין אריינגעוואָרפען.

און אט מאהלט זיך מיר אוים דאס בילד ווי די בת פרעה דערזעהט דאס קעסטעלע מיט'ן קינד, דעם גרויסען משה, שווימט ארום אויפ'ן טייך נילוס, און איך זוך, אפשר געפינט זיך נאך אזא קעסטעלע מיט נאך אזא משה.

אך, ווי נויטיג דארפען מיר איהם יעצט האָבען! אבער הפנים אזעלכע משה'ס כאפט מען ניט אין וואסער זעהר אפט. און שנעל לויפט די באהן אריבער די בריק, ווען מיינע אויגען זוכען נאך אלץ צוריק, ווי זיי וואלטען בעטען דעם נילוס: „האב רחמנות, גיב אונז נאך אזא משה!"

קאנטארא! שרייט אוים דער קאנדוקטאָר.

און דא לאזט מען מיר וויסען, אז דאס איז די גרעניץ פון ארץ ישראל.

פון קאַנטאַראַ ביז ירושלים.

קאַנטאַראַ איז ווירקליך די ערשטע סטאַנציע פון פּאַלעס־טינאַ, ווייל דאַ קומט שוין אויפ'ן באַהן אַ צאָהל בעאַמטער מיט אַ מעשענער שילדעל אויפ'ן האַרץ מיט העברעאישע ווער־טער ,,בעל המכס'' (צאָהל בעאַמטער).

און דאַ איז ווירקליך זאָנדערבאַר דער געפיהל. דאַכט זיך, וואָס איז דאַ? די קאָנדוקטאָרען און צאָהל בעאַמטע טראָגען דריי בעדזשעס, איינעם אויף יעדען אַקסעל, אין אַראַביש און ענגליש, און איינע פון פאָרענט אויפ'ן האַרץ אין העברעאיש. עס איז דאָך גאָרנית, אָבער דאָס האַרץ ווערט דאַבּיי אָנגעפילט מיט פרייד ווען איהר זעהט עס און ערוועקט גוטע האָפנונגען פאַר דער צוקונפט. איהר פיהלט זאָגאַר אַ שטיקעל נקמה, זע־הענדיג ווי אַראַבער קאָנדוקטאָרען טראָגען העברעאישע בעד־זשעס, און ווי די שטייער־בעאַמטע רעדען אויף העברעאיש.

און אַ שעהנער אינצידענט איז געווען ווען דער צאָהל בעאַמטער האָט געדאַרפט אַליין עפענען די צעהן פעקלעך און וואַליסעס פון רבי פישמאַן, וואָס איז געפאָהרען מיט מיר צו־

זאמען אין איין באהן קאבין און איך האב איהם געפרעגט אויף העברעאיש, אפשר וואלט איהר געגלויבט דעם רב אויפ'ן ווארט „כדי שלא יאמרו רבן דקרו'', האט ער מיט א שמייכעל, א מאך געטהאן מיט'ן האנד, און געזאגט, אמת, א רב דארף מען גלויבען אויפ'ן ווארט, און באלד אלע פעקלעך געצייכענט אלס אונטערזוכט.

די גרענעץ אין קאנטארא, ווערט בעצייכענט מיט דעם סועץ קאנאל, וואס טהיילט אפ עגיפטען פון ארץ ישראל. דאן פאהרט מען שוין מיט דער ארץ ישראל וואד אל עריש־באהן, דאן פאהרט מען דורך גרר וואס האט בעלאנגט צו אבימלך מלך פלשתים אין אברהם'ס צייטען, פון דארט אין א פיערטעל שעה צייט קומט איהר אין דער ערשטער פאלעסטינער שטאדט פון דרום זייט, און דאס איז עזה.

עזה, איז איינע פון די ערשטע שטעדט וואס ווערט דער־מאהנט אין תנ"ך, העזים היושבים בעזה, דארט איז אויך שמשון געטויטעט געווארען צוזאמען מיט די פלשתים, אבער די אלטע עזה איז בעגראבען פון דעם זאמד פון ים התיכון, און די יעצטיגע עזה שטעהט ארום 30 מעטער העכער איבער'ן ים, מיט א בעפעלקערונג פון ארום 20,000 נפשות, פון זיי בלויז עטליכע אידישע פאמיליעס.

איך האב אין עזה ניט פערבראכט, און האב אפילו ניט געהאט די געלעגענהייט צו זעהן דאס פלאץ וואס די אראבער בעצייכענען אלס דעם טעמפעל וואו שמשון האט זיך דער־הרג'עט מיט די פלשתים, אויך זיין קבר וואס די אראבער רופען (אבו אל איזם) דער פאטער פון גבורה.

פון עזה גערט די באהן פערביי מגדל גד, אן אלטע פלשתים שטאדט, דאן קומט אשקלון וואו עס זעהען זיך נאך ארוים די שפיצען פון דער געוועזענער און יעצט בעגראבענער שטאדט און באלד קומט יבנה.

יבנה איז אמאל געווען א גרויסע שטאדט ביי די פלשתים, און איז איינגענומען געווארען ביי שמעון החשמונאי. פאר'ן צווייטען חורבן האט דארט רבי יוחנן בן זכאי געגרינדעט א

גרויסע ישיבה און נאכ'ן חורבן האבען זיך דארט בעזעצט די סנהדרין, און נאך יעצט קען מען זעהן אין יבנה די הייהל וואס צייגט סמנים פון דער פערשאמטענער אלטער ישיבה.

אבער ווען איהר פאהרט דורך דיעזע שטעדטעל, און די באהן בלייבט שטעהן פאר עטליכע מינוט, און איהר בעטראכט די עטליכע אראבישע קליינע הייזקעלעך, און עס קומט אייך אויפ'ן געדאנק אז דאס איז אמאל געווען דער צענטער פון אידישער תורה, דער צענטער פון א געוואלדיגער קולטור, גיט עס אייך א שטאך אין הארצען און איהר קענט בלויז געבען א זיפץ, ווייל קוים פערלאזט איהר גור יבנה, ווערט איהר באלד צוגעצויגען צו אנדערע זאכען, פון דער רעכטער זייט זעהט איהר פון ווייטענס די בליהענדע קאלאניע עקרון און פון דער לינקער זייט די קאלאניעס רחובות, נס ציונה, און אביסעל וויי־טער ראשון לציון, באר יעקב, רמלה (איבער דיעזע קאלאניעס וועל איך שרייבען בעזונדער, לויט מיין בעזוך אין די קאלא־ניעס) און פון דארט אין צעהן מינוט צייט קומט די באהן קיין לוד, וואס איז דער דזשאנקשאן פאר די פערשיעדענע וועגען, פון דארט זעצט איהר זיך איבער אויף אן אנדער באהן קיין ירושלים, און נאך אויף אן אנדערער קיין יפו, ווייל דיעזע באהן וואס קומט פון עגיפטען געהט ווייטער קיין חיפה.

לוד איז אויך אמאל געווען א גרויסע שטאדט אין די צייטען ווען אידען זענען צוריק געקומען פון בבל, און דארט האט געוואהנט דער שבט בנימין. אין די צייטען פון תלמוד האט זיך דארט געפונען די בארימטע ישיבה פון ר' אלעזר. יעצט געפינען זיך דארט ארום 7 טויזענד נפשות און אייניגע אידען וועלכע זענען אלע באהן בעאמטע, ווייל דארט איז יעצט דער מיטעלפונקט פאר באהנען, וועלכע פערצווייגען זיך פאר די פערשיעדענע טהיילען פון ארץ ישראל. פון לוד פאהרט מען דורך נאך עטליכע קליינע דערפער, דאן דערזעהט איהר ביתר און צווישען די הערליכע בערג וואס רופען זיך הרי יהודה דער־פיהלט איהר זיך, אז עפעס איז דא פאראנען וואס ציהט אייך צו, אבער לאנג קענט איהר נים טראכטען ווייל אט זעהט איהר

שוין פון דער ווייטענס אונזער אלטע ליעבע ניט פערגעסענע שטאדט ירושלים.

און אז איך האב דערזעהן דעם באהן־הויף מיט דעם אויפ־שריפט „ירושלים" האב איך מיט'ן גאנצען הארצען געמאכט די ברכה „שהחיינו וקיימנו!"

ביי דער באהן האט אונז ערווארטעט א גרויסער עולם. ווען איך זאג, עס האט אונז ערווארטעט, איז, ווייל באמת, האט יע־דער רייזענדער געהאט עמיצען וואס זאל איהם ערווארטען, און איך האב אויך צופעליגער ווייזע געהאט, אזעלכע וואס האבען מיך ערווארטעט, און מיר זיינען מיט א דראשקע צוגעפאהרען צום האטעל אמדורסקי.

דער האטעל געפינט זיך גראדע ביים שער יפו, און איז פון די ערשטע הייזער אינ'ם אלטען ירושלים אינעווייניג פון דער חומה און פונקט אנטקעגען דעם מגדל דוד. די אלטע פעס־טונג פון ירושלים, און עס נעהמט בלויז דורך צו געהן עטליכע שמאלע בארג־ארונטער־געסלעך און איהר זעהט שוין ביים כותל המערבי.



ירושלים

ירושלים היינט און איהר היסטאָריע.

ירושלים, דאָס הארץ פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, איז זעהר אַן אַלטע שטאָדט. אין תנ"ך ווערט זי דאָס ערשטע מאָהל דערמאָהנט, ווען יהושע האָט איינגענומען דאָס לאַנד. דאַמאָלס האָט ירושלים געהאָט דעם נאָמען יבוס, ווייל דער יבוסי האָט דאָרט געוואָהנט.

דער נאָמען ירושלים שטאַמט נאָך פון דעם, וואָס אברהם אבינו האָט איהר א נאָמען געגעבען „יראה" און מלכי צדק האָט זי גערופען „שלם", פון די ביידע איז געוואָרען דאָס וואָרט „ירושלים".

אין תנ"ך ווערט ירושלים גערופען מיט פאָלגענדע פערשיעדענע נעמען: אוריאל, עיר־דוד, בת ירושלים, ציון, בת ציון, עיר הצדק, עיר אלוקים, העיר, עיר הקודש.

אויף די מטבעות פון שמעון השמונאי איז אויסגעקריצט דער נאָמען ירושלים הקדושה.

דער הר המערבי (וואָס רופט זיך הר־ציון) ציהט זיך פון יפו'ר טויער ביז דער געביידע וואָס מ'זאָגט אַז דאָרט געפינען

ז־־ די קברי בית דוד און גערט זיך ביז׳ן הר הבית, דער שפיץ פון בארג איז דער אבן השתיה. אויף דער צפון מערב זייט פון בארג געפינט זיך דער קבר הנוצרי און דיעזער בארג ציהט זיך אלץ העכער און העכער ביז אויסוועניג פון דער חומה און געהט צו צפון זייט פון הר הבית און שטעהט איבער דער הייהל וואס רופט זיך ,,חדר המטרה׳׳. אונטער דיעזען בארג געפינען זיך נאך די צייכענס פון די אויסגעהאקטע שטיינער וואס מען האט פון דארט ארויסגענומען פאר בויען דעם בית המקדש און די וואנט ארום דער שטאדט.

און ווען איך האב בעזוכט דיעזע מערה האב איך זיך ניט געקענט אפוואונדערען פון דער ארט און ווייזע ווי די שטיינער זיינען פון דארט ארויסגעהאקט געווארען.

איהר זעהט למשל, דאס פון צווישען צוויי זייטען שטיי־נער וואנד איז ארויסגעהאקט געווארען א גרויסער שטיין פון ארום 6 ביז 8 יארד די לענג, און פון א יארד ביז 2 יארד די גרעב. און איהר פרעגט זיך, וואס פאר א מאשינעריע האבען זיי דעמאלט בענוצט דיעזע גרויסע שטיינער אזוי קינסטליך ארויסצונעהמען פון דאנען? איבערהויפט, ווען איהר ווייסט אז זיי האבען נאך דאמאלס גאר ניט געהאט קיין מאשינען.

אין פיעלע פלעצער, טרעפט איהר, ווי דער שטיין איז אויסגעהאקט פוןביידע זייטען פארטיג ארויסצונעהמען איהם, אבער צוליעב אונבעוואוסטע אורזאכען איז דער שטיין געבלי־בען אויפ׳ן פלאץ. און איהר זעהט די אויסהאקונג פון ביידע זייטען שטיין, און קענט פאר קיין פאל ניט דערגעהן ווי אזוי מענשען־הענד האבען דארט געקענט מאכען אזעלכע טיעפע שפאלטען אין ביידע זייטען, און אויב זיי האבען דאס געטהען מיט פראסטע אייזענס און האמערס (וואס לויט די מסורה האט מען קיין אייזען ניט בענוצט), איז ווי לאנג וואלט געדויערט אזא שטיין אויסצוהאקען? און זענען דאס מענשליכע הענט אומ־שטאנד געווען צו טהון און עס זעהט אוים עפעס ווי די ארבייט איז געטהון געווארען מיט ניט מענשליכע כחות.

עס איז אויך ווערטה צו בעמערקען דאס וואנדערענדיג אין

דיעזער הייהל, וואס לויט ווי מ'זאגט ציהט זי זיך ביז יריחו און געהט דורך צווישען חצר המטרה און מערת צדקיהו, זיינען מיר צוגעקומען צום פלאץ, וואו דער בית המקדש איז געשטאַ־נען פון אויבען, דאַרט קומט א קוואל פון ערגעץ פון אויבען וואו דער קדשי קדשים האט זיך געפונען און דאָס וואסער איז זעהר זיס און אנגענעהם צום טרינקען.

אויף דער ערד פון דער מערה, ליגען קליינע גלאַטינגע שטיינדלעך, אויף וועלכע דער קוואַל רינט כסדר און מאַכט זיי זעהר גלאַטיג, די שטיינדלעך ליגען אַנגעלעגט איינס אויפ'ם אנדערע, אָבער פאַר קיין פאַל קענט איהר קיין שטיינדעלע פון אָרט ניט ריהרען. דער אַראַבער וואָס היט דעם אַריינגאַנג פון דער מערה גיט אייך ליכט אין דער האַנד און געהט פאַראויס אייך צייגען אַלעס אין דער מערה, ווי לאַנג איהר האָט נור חשק דאַרט אַרומצואוואַנדלען. דער אַראַבער, ווייזט אייך דיעזע שטיינדלעך אַלס אייגעם פון די וואונער, און זאָגט אייך אַז מיט א האַמער איז אויך שווער צו ריהרען די שטיינדלעך פון אָרט, אָבער, זאָגט ער, עס איז א לעבענס געפאַהר צו בענוצען א האַמער, ווייל דאָס איז דער פלאַץ פון קדשי קדשים, און דער קוואַל איז נאָך פון יענע צייטען, און יעדער איינער וואָלט גע־שטאָרבען ווען ער זאָל בענוצען געוואַלד עפּעס צו ריהרען, כאָטש עס לאָזט זיך סיי ווי סיי ניט ריהרען.

איך האָב פערבראַכט מיט מיינע בעגלייטער אין דיעזער הייהל א שעה צייט, און דער אַראַבער האָט אונז צוריק אַרוים־געפיהרט אויף דער ליכט, ווען מיר האָבען ערקלעהרט, אַז מיר ווילען שוין ווייטער ניט געהן.

עס איז שווער צו זאָגען פּינקטליך דעם שטח פון דעם אַלטען ירושלים, ווייל דער מויער אַרום ירושלים איז שוין עט־ליכע מאָהל איבערגעבויעט געוואָרען, און עס ווייזט אויס דאָס אין די צייטען פון דוד און שלמה האָט עס פאַרנומען א גאַר גרויסען שטח, דאַן איז עס ווידער איבערגעבויעט געוואָרען אין די צייטען פון די שפּעטערע מלכי יהודה, אמציהו, חזקיהו און מנשה, און ווידער איבערגעבויעט ביי נחמיה.

נאך דעם אויפשטאנד פון בר כוכבא, ווען די שטאדט איז צוריק אויפגעבויעט געווארען דורך אדריגוס קיסר, איז ווייזט אויס דער דרום זייט פון שטאדט ניט אריין אין דער וואנד, און דער שטח פון דער שטאדט איז דעריבער פארקלענערט געווארען און מ'האט אנגערופען דעם טהייל פון מערב זייט פון בארג מיט'ן נאמען ציון; דארט האט זיך הייסט עס געפונען די אויבערשטע טהייל פון שטאדט.

יעדענפאלס איז דער פונדאמענט פון דער וואנד זיכער נאך פון פאר'ן חורבן הבית, און פיעלע זיינען מיט דער מיינונג אז דאס איז נאך אן איבערבלייבונג פון דער וואנד וואס מען האט געמויערט אין דער צייט פון מלכות יהודה.

אין דער יעצטיגער שטאדט, געפינען זיך 7 אפענע טויערען, און רופען זיך: שער חברון, שער יפו, שער שכם, שער הורדוס, שער האריות, שער האשפות און שער ציון, און אין מזרח זייט געפינט זיך נאך א טויער וואס איז פארמויערט מיט שטיינער, וואס האט זיך גערופען שער הרחמים אדער שער התשובה. דיעזען טהויער האבען די אראבער מורא צו לאזען עפענען, עס זאל זיך ניט ערוועקען דער רחמנות צו אידען.

די שטאדט צוטהיילט זיך אין פיער טהיילען, דער אידישער קווארטאל, דער ארמענישער קווארטאל, דער קריסטליכער און דער מוסולמאנישער, און דער פינפטער טהייל וואס איז כמעט דער גרעסטער טהייל פון מזרח זייט פון שטאדט איז דער הר הבית. די געסלעך זיינען דארט זעהר ענגע און געהען אזוי געדרעהט, מיט שטיגען, אייניגע געפלאסטערט מיט שטיינער און אייניגע ניט. יעדענפאלס איהר דערקענט קיין אונטערשיעד, איבער דער ענגשאפט און ווניג ליכט, און אין דיעזען קווארטאל, פון וואנען מ'זעהט דעם כותל המערבי, געפינען זיך נאך זעהר אלטע היסטארישע אנשטאלטען ווי די חורבת ר' יהודה החסיד און אנדערע אנשטאלטען פון וועלכע איך וועל ווייטער שרייבען.



בײם שער יפו אין ירושלים
(מיט דעם פּראָפעסאָר׳ס בילד)

דער וועטער אין ארץ ישראל.

דער וועטער אין ארץ ישראל איז א בעשטימטער, איהר פאהרט ערגעץ אין ארץ ישראל אין א שעהנעם טאג דארפט איהר זיך קיינמאהל ניט בעזארגען מיט א רעגען שירם אדער רײנקאוט צוליעב אז ערווארטעטער ענדערונג אינ׳ם וועטער. דער הערליכער הימעל אין ארץ ישראל נארט קיינמאל ניט די איינוואהנער, און ווען איך זאג דער הערליכער הימעל איז עס ווערטה צו בעמערקען, דאס אין מיין לעבען האב איך נאך אזא הערליכען אויסזעהען פון הימעל מיט די פילע שטערען ניט גע־זעהען, ווי מ׳זעהט עס יעדען טאג און אווענד אין ארץ ישראל. עפעס האט דער רבונו של עולם ווי געמאכט אן אויסנאהמע מיט זיין ליעב לאנד געבענדיג איהר א בעזונדערען רייץ פון זיין הימעל מיט די שטערען, און ווען איהר קוקט אן אבענד אויפ׳ן הימעל און דערזעהט דארט די שטערען, פארשטעהט איהר ערשט די ברכה וואס גאט האט געגעבען צו אברהם אבינו, „דיינע קינדער זאלען זיין אין צאהל ווי די שטערען אין הימעל״, ווייל נאר דארט אין ארץ ישראל זעהט איהר וואס הייסט שטע־רען וואס מ׳קאן זיי ניט צעהלען.

דער זומער איז אין גאַנצען א פּאַלשטענדיגער זומער, וועד־רענד דער ווינטער ווערט צוטהיילט אין פּעריאָדען פון קליינע און גרויסע רעגענס.

דער לענגסטער טאָג איז אַרום 14 שטונדען און דער קלענ־סטער ארום 9 שטונדען, און נאָך היינט זיינען די מעהרסטע זייגערס אַנגעשטעלט לויט דעם זונען אונטערגאַנג, וואָס פאַנגט זיך אָן 1 און געהט אַזוי 24 שעה כסדר ביז זונען אונטערגאַנג. די אַלע שוהלען און די מעהרסטע אַראַבער רעכענען זיך נאָך מיט דיעזען זייגער, אַזוי ווי עס איז געווען איינגעפיהרט אין דער צייט פון די חכמי המשנה.

ירושלים שטעהט אַרום 750 מעטער העכער פונ'ם ים, און די ליכט אין ירושלים איז זעהר שטאַרק, און ביינאַכט שיינען די שטערען און גיבען צו ליכטיגקייט, אַפילו ווען די לבנה ווייזט זיך נאָר אין א זעהר קליינעם פאָרמאַט ווי ענדע חודש.

עס ווערט געשאַצט דאָס ארץ ישראל האָט דורכשניטליך מעהר רעגען אַלס לאָנדאָן, אָבער, וועהרענד אין לאָנדאָן רעגענט אין פיעלע צייטען דורכ'ן יאָהר, רעגענט אין ארץ ישראל א גע־וויסע צייט, און דער זומער איז פּאַלשטענדיג זוניג, די גע־וויקסען לעבען און שפּראָצען נאָר פון דעם טהוי, וואָס האַלט פייכט דורך דער נאַכט, און גיט לעבען צו אַלע געוויקסען.

און אין די פעלצער, וואו עס געפינען זיך נאָך ניט די ברונעמער מיט די קוואַלען וואַסער, ווערט אין די רעגען צייטען אַנגעזאַמעלט וואַסער אין גריבער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָ־רען פאַר דיעזען צוועק אין יעדער נאַכבאַרשאַפט, און אָפטמאָל אין יעדען הויף פון הויז. די גריבער זיינען געמאַכט מיט צע־מענט וואָס האַלטען אויס דאָס וואַסער ביז'ן נעקסטען רעגען. און עס פאַרשטעהט זיך אַז דיעזע וואַסער איז ניט זעהר געזונד צום טרינקען, סיידען עס ווערט איבערגעקאָכט.

דאָס רעדט זיך וועגען דעם היסטאָרישען אַלטען ירושלים וואָס געפינט זיך אַרומגערינגעלט מיט דער מויער, אָבער באַלד אונטער דער מויער, און טאַקי צוזאַמען מיט'ן אַלטען ירושלים

געפינט זיך דאָס נייע ירושלים, וואו איהר געפינט שוין גאַנץ נישקשה'דיגע שעהנע געביידעס מיט גערטנער אַרום.

דאָס נייע ירושלים ווערט איינגעטהיילט אין 74 דיס־טריקטס וואָס ווערען דאָרט אַנגערופען שטעדלעך מיט בעזונ־דערע נעמען און אַלע צוזאַמען בילדען דאָס נייע ירושלים וואָס איז אויפגעבילדעט געוואָרען אין די לעצטע 60 יאָהר, אויף אַ מעהר מאָדערנעם אופן מיט ברייטע גאַסען, אָבער די הייזער זיינען אַזוי נאָהענט איינע פון דער צווייטער, אַז איהר קענט אויף די דעכער אַרום שפרינגען פון איין הויז צום אַנדערען, און צווישען פיעלע פון די איינוואָהנער און בילדער פון דיעזע היי־זער זיינען אויך שוין דאָ די אַמאָליגע חלוקה אידען, וואָס זייט די פּאַלעסטינער נייע רעגיערונג האָט זיך געגרינדעט, האָט עס דיעזע אידען געגעבען אַ מעגליכקייט צו שיקען זייערע קינדער אַרבייטען אין די רעגיערונגס־אָבטהיילונגען, און די קינדער פערדיענען שוין גענוג אויף אויסצוהאַלטען דאָס גאַנצע הויז.

אין דער נייער ירושלים געפינען זיך אַלע געשעפטען, בענק, דער ועד הצירים, די הדסה, און דער גן העיר, און אַלע גרויסע און קליינע אינסטיטוציעס. און דאָס ערשטע שטעדטעל, ווי שוין געזאָגט, האָט זיך אָנגעהויבען בילדען מיט 60 יאָהר צו־ריק דורך משה מאָנטעפיאָרע, און רופט זיך „משכנות שאננים", נאָכדעם איז געשאַפען געוואָרען די נחלת שבעה (צוליעב די 7 גרינדער). די גרויסע נאָכבאַרשאַפט מאה שערים. ביז יעצט געפינען זיך שוין אַרום 74 אַזעלכע דיסטריקטס, אָדער ווי עס ווערט גערופען שטעדטלאַך, די מעהרסטע אויף דעם נאָמען פון די גרינדער, ווי אבן ישראל, ימין משה, מזכרת משה, נחלת צבי, בתי ניסן, שערי שמחה, און ז. וו. אין אַלגעמיין געפינען זיך אידען אין און אַרום ירושלים אַרום 60 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג, און די הייזער בעלאַנגען אויך איבער אַכציג פּראָצענט צו אידען.

די צאָהל איינוואָהנער אין ירושלים גרייכט יעצט צו 55 טויזענד נפשות דערפון 32 טויזענד אידען, 10 טויזענד מוסול־מאַנער און 13 טויזענד קריסטען. בעפאָר דער מלחמה האָבען

זיך דארט געפונען ארום 80 טויזענד נפשות פון וועלכע עס זענען געווען 50 טויזענד אידען. אין אנפאנג מלחמה האבען פיעלע געמוזט פערלאזען דאס לאנד, פיעלע זיינען אויסגע־שטארבען פאר הונגער און פון קראנקהייטען, אבער יעצט ווערט די צאהל פארגרעסערט צוליעב די חלוצים און די צוריקקומענדע ארץ ישראל איינוואהנער, און מען רעכענט דאס דיעזען יאהר איז ירושלים פארגרעסערט געווארען מיט ארום 2000 אידען.

די ירושלים'ער אידען ווערען אויך איינגעטהיילט אין פער־שיעדענע געמיינדען, לויט די לענדער פון וואנען זיי קומען. די גרעסטע געמיינדע איז די אשכנז'ישע און צו די ספרדישע ווע־רען אויך צוגערעכענט די מאראקער, גרוזינער, תימן'ער, די בו־כארים און פערסיער.

אין ועד העיר פאר ירושלים'ער אידען זיינען אלע פער־טראטען, און א גרויסער טהייל פון די אשכנזים האבען זיך אבגעטהיילט און בעזונדער געגרינדעט א ועד העיר לאשכנזים. אבער די ספרדי'שע און אשכנזישע רבנים זיינען פעראייניגט אין דעם משרד הרבנים און איינער פון יעדע איז אנערקענט פאר דעם רב הכולל.

דער כותל מערבי

די הייליגע פלעצער אין ירושלים.

ווען א איד קומט צו פאהרען קיין ירושלים, ציהט עס איהם ערשטענס צו בעזוכען דעם כותל המערבי, אונזער לעצטע איבערבלייבונג פון אונזער בית המקדש. דיעזע וואנד איז א טהייל פון דער וואנד וואס האט ארומגערינגעלט דעם בית המקדש פון מערב זייט פון דער חומה.

ווען איך בין דאס ערשטע מאהל געגאנגען בעזוכען דיעזען הייליגען פלאץ, טאקי דעם ערשטען טאג ווען איך בין אנגע־קומען קיין ירושלים, איז נים אכטענדיג די ענגע און שמאלע פינסטערע געסלעך וואס פיהרען צום כותל המערבי, האב איך דאך געפיהלט א פרייד, איך געה צו דעם פלאץ פאר וועלכען מיר האבען אין די אמאליגע דורות טייכען בלוט פארגאסען און זיים שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, גאנצע ימים מים טרעה־רען אנגעפילט. און איך האב געפיהלט, און גלויב דאס יעדער פערנינפטיגער מענש, פיהלט מסתמא דאס זעלבע, אז איך געה זעהן עטוואס, וואס אויפ'ן בליק האט עס פאר קיינעם קיין ווערטה, אבער אין דער אמת'ן איז עס פון דעם גרעסטען

ווערטה. איהר מאכט צו די אויגען און עס לויפט אייך פערביי דאס הערליכע בילד פון אונזער שטאלץ, פון אונזער בית המקדש, דער כהן גדול מיט דעם אורים ותומים און די פרחי כהונה און דער גאנצער פראכט און גלאנץ איז וועלכען אונזער פאלק האט זיך דאמאלסט געפונען. ענדליך עפענט איהר די אויגען און זעהט א שטיק וואנד, איך זאג א שטיק וואנד, אבער באמת פעהלט מיר א ווארט דערפאר, עס כאפט אייך אן א מין יראת הכבוד, איהר זעהט ניט קיין וואנד, נור שטיינער וואס שטעלען פאר דאס עקשנות און הארטקייט פון א פאלק, וואס וויל ניט אויפגעבען דעם „איד", וואס איז שטארק ווי די גרויסע שטיינער וואס ליגען זיך רוהיג אין שורות פאר טויזענ־טער יאהרען, און נעהמען אין זיך אריין אלע אידישע קרעבצען פון דער גאנצער וועלט.

און איך זעה ווי מענער און פרויען זיינען מתפלל ביי דיע־זער וואנד, פארגיסען טרעהרען, און מיר דאכט זיך עטוואס, און אפשר איז עס ווירקליך טאקי אזוי. איך זעה דאס גלאט־קייט פון די שטיינער מיט זייערע שפאלטען און לעבער, און בין זיכער, אז אט דיעזע שפאלטען האבען אידישע טרעהרען געמאכט, און דאס גלאטיגקייט, האבען געמאכט די ליפען פון אונזערע ארץ ישראל'דיגע פאקעל האלטער פון אונזער רעלי־גיאן מיט זייער קושען די שטיינער טאג איין און טאג אוים. מיט זייער גלעטען די איינציגע אנדענקונג פון אונזער שטאלץ און רוהם.

דארט, ביים כותל המערבי קומען אידען דאווענען יעדען פריה־מארגען און אבענד, איבערהויפט צו קבלת שבת, און ביז שבת מוסף. אבער לעצטען יום כפור האט מען שוין דארט אויך בעזארגט דאס פלאץ מיט ספרי תורה און מען קען שוין דארט דאווענען פון אנפאנג ביז ענדע.

איהר געפינט יעדע עטליכע שריט א בעזונדער מנין מיט'ן פנים צום וואנד, דא דאווענט מען נוסח ספרדי, באלד נוסח אשכנז, אביסעל ווייטער ספרדים מיט זייערע רויטע טערקישע היטלען און זייערע ציצענע איבערציהערס, א נוסח ספרד מיט

דער הברה הספרדית, מיט ספּעציעלע בעזונדערע תפילות און א גאַנץ מאָדערנעם ניגון.

און איך גלויב דאָס יעדער איד, וואָס בעזיצט נור וועלכען נאַציאָנאַלען געפיהל, מוז דאָביי פערגיסען א טרעהר. אָדער וועניגסטענס וועט עס ביי איהם ארויסרופען אן אינערליכען זיפץ. מיט מיר צוזאַמען איז אויך געווען מר. קייזערמאַן פון מאָנטרעאַל, וועלכער האָט זיך נוט צואוויינט ווען ער האָט דאָס בילד דערזעהען.

איהר זעהט דאָן מיט אייערע אויגען דעם אָנדענקען וואָס איז אונז פערבליבען פון אונזערע אַמאָליגע אוצרות, די שטומע קאַלטע שטיקעל וואַנד וואָס האַלט אין זיך טויזענדער יאָהרען פון אונזער פאַרגאַנגענהייט, און גיט אייך די געלעגענהייט צו פאַרגיסען א טרעהר אויף דעם אַמאָליגען פאַרלוסט פון אונזער שטאָלץ, ווייל ווען איהר קוקט נור אַרויף אַביסעל העכער, דער־זעהט איהר דעם פרעכטיגען מקום המקדש, דאָס שעהנסטע פּלאַץ אין ארץ ישראל מיט א מוסולמאַנישער קירכע, אַלס זייער היילינגטהום, און פאַר א גוטען באַקשיש (כּאַבּאַר) פיהרען זיי אייך אַרום אין דיעזער קירכע, ציינען דאָס פּלאַץ פון מזבח, דעם שפּיץ פון אבן השתיה און אַלע אונזערע אַמאָליגע הייר־לינסטע פּלעצער.

די וואַנד „כותל המערבי" איז 28 מעטער די לענג, די הויך 18 מעטער, צוזאַמענגעשטעלט פון 24 שורות שטיינער.

די ערשטע 13 שורות שטיינער ליגען איינע אויף דער אַנ־דערער, אָהנע וועלכען לייהם אָדער צעמענט, נור האַלטען זיך אויף א וואונדערבאַרען אופן. צוויי פון די שטיינער זיינען צו אַרום פינף מעטער די לענג און מיין שכל האָט פאַר קיין פאַל נים געקענט בעגרייפען, ווי אַזוי מענשליכע הענד האָבען אַזעל־כע גרויסע שטיינער אַוועקגעלייגט אויפ'ן פּלאַץ. דיעזע 13 שורות שטיינער זיינען זיכער נאָך פון בית שני, ווערהרענד די אויבערשטע שורות שטיינער זיינען שוין קלענערע און מיט ליים, וועלכעס איז מסתמא צוגעבויעט געוואָרען אין די שפּע־טערע צייטען.

און ווי שוין געזאגט, דאס אויסזעהן פון דער וואנד, ער־וועקט אין יעדען אידען א געפיהל פון טרויער און שמחה צו־זאמען.

די אידען האבען א פריווילעגיע, דארט צו קומען בעטען צו יעדער צייט, און לעצטענס, זייט דער נציב העליון געפינט זיך אין ירושלים, שטעהען אויך ביים „כותל" אימער אייניגע פאליסלייט, דוקא אידישע, צו היטען די אידען פון וועלכער עס איז בעליידיגונג מצד די אראבער.

דער כותל המערבי, ווערט ערשט דערמאהנט, זייט 1520, ארום 400 יאהר צוריק, און דעריבער רעכענט מען פאר אמת די לעגענדע וואס ווערט דערצעהלט אז: די קריסטען פלעגעןווארפען מיסט אויף דיעזען פלאץ און אלע זארטען שמוץ, לויט אן אנזאג פון זייערע גלחים, און ערשט אין 1517 ווען סאלים דער ערשטער האט איינגענומען ירושלים, האט ער פארבאטען דאס מיסט ווארפען און שפעטער געלאזט אפרייניגען דאס פלאץ ווען דער טהייל פון דער וואנד האט זיך געוויזען.



דאָס פּלאַץ פון בית המקדש

דער הר הבית.

דעם צווייטען טאג פון מיין זיין אין ירושלים, האט גע־זאלט מיין וועג־ווייזער קומען צו א בעשטימטער צייט, און האט ווארשיינליך פארשפעטיגט. איך, נים קענענדיג זיך איינהאל־טען, בין איך דערווייל זעלבסט געגאנגען בעזוכען דעם הר הבית פון אינוועניג, נים וויסענדיג אז עס עקזיסטירט אן איסור פון די רבנים, נים צו בעטרעטען דאס פלאץ. איך האב עס ערשט אויסגעפונען ווען איך בין צוריקגעקומען פון דארט און דערוויסט מיין וועג ווייזער.

אויך דארט אריינצוקומען, דארף מען נאר פארבערייטען ביי זיך געגוג פיאסטערס (עגיפטישע מטבעות וואס געהען אין ארץ ישראל) און דאן ווייזט מען אלעס.

אריינגעהן אין דער געבײדע טאר מען נים אין די שיך, און די אראבישע שמשים טהוען אייך אן א פאר פארמעט־שיך אויף אייערע און זיי געהען מיט אייך צייגען דאס פלאץ.

אין מיטען פלאץ פון דעם געוועזענעם בית המקדש, שטעהט אויפגעמויערט א טויער פון זעהר טהייערע שעהנע

שטיינער ארום 4 מעטער הויך און איהר נעהם אין די זייטען ארויף מיט שטיגען. דא זעהט איהר דעם גאנצען הר הבית און דיעזער מהויער פיהרט אריין אינ׳ם הויף פון היכל פון ערשטען און צווייטען בית המקדש, אויך דער פלאץ פון עקדת יצחק, און אין מיטען געפינט זיך די פרעכטיגע מוסולמאנישע קירכע, (מסגד אממאר). אינוועניג געפינען זיך אונגעהייערע אונשעצ־באַרע ארטיקלען. די ווענט זיינען אלע געמאכט מאזאיש און מיט גאלד, אין מיטען שטעהט דער מזבח און דער אבן השתיה.

וויסענדיג יעצט, דעם איסור פון בעטרעטען דאס פלאץ, וויל איך ניט געבען אלע איינצעלהייטען. נור בקיצור, די אראַ־בער ווייזען אייך דאס פלאץ פון קודש הקדשים. דעם אבן השתיה, וואו ס׳איז געווען אויך די עקדה פון יצחק, און פון דער אנדער זייט, מדרש שלמה, וואס די אראבער רעכענען אז דארט האט שלמה המלך געוואהנט. און עס איז גאנץ נאָ־הענט צום אמת, ווייל באלד אונטער דיעזער געביידע געפינען זיך נאך ביז היום די ארות שלמה, די שטאלען פון שלמה המלך.

דאס פלאץ איז אנגעהויער גרויס, און עס ווייזט אויס, אז שלמה האט באמת געהאט צופיעל פערד. איהר געפינט ביי יעדען געמויערטען סלופ, די רינגען צו וועלכע די פערד זיינען געווען צוגעבונדען, פון דיעזע זענען דא עטליכע הונדערט, און געמויערט פון גרויסע שטיינער, און זעהר הויך און לופטיג, ווי עס פאסט פאר קעניגליכע פערד, מיט פארשיעדענע אריינגאַנ־גען פאר בעדיענטע און פאר די פערד. אלעס שטעהט נאך אזוי ווי פון דער צייט וואס ס׳איז אויפגעבויעט געווארען, גאר אונ־בעשעדיגט, ווייל דאס געפינט זיך איינגאנצען אונטער׳ן הר הבית, ארום 40 שטיגען ארונטער צו געהן.

וועגען אבן שתיה זענען פאראן פיעלע לעגענדעס.

ארץ ישראל געפינט זיך אין דעם מיטען פון דער וועלט, ירושלים אין מיטען פון ארץ ישראל, דער הר הבית אין מיטען פון ירושלים און דער אבן שתיה אין מיטען פון בית המקדש.

דער שטיין זאל דאס זיין דער וואס איז געווארען פון פיעלע שטיינער, וואס יעקב האט זיך אונטערגעלעגט ווען ער

איז אנטלאפען פון עשו'ן. דארט האט אויך גערוהט נח'ס תיבה, און די טויב האט איהם געבראכט א בלאט פון הר הזיתים וואס איז ניט ווייט פון הר הבית, און איז יעצט די וואהנונג פון דעם נציב העליון, סיר הערבערט סעמיועלס.

דעם שטיין האט אויך יונה געזעהן ווען ער איז געווען אין פיש, און נאך, און נאך פיעלע לעגענדעס ווערען בעשריבען אין אונזערע ספרים וועגען דיעזען אבן השתיה.

חורבת ר' יהודא החסיד.

דער אידישער צענטער אין דעם אלטען ירושלים וואס פיהרט דורך די שמאלע געסלעך צום כותל המערבי, איז אויך ניט פיעל בעסער אלס דער אראבישער צענטער. די געסלעך שמאל און פינסטער, פון ביידע זייטען געוועלבלעך, און פון אויבען וואהנונגען. דער אריינגאנג אין די אזוי גערופענע הייזער איז דורכ'ן הויף, מיט הויכע גלייכע שטיגען, פינסטער און פילייכט מעהר פאסיג פאר עופות אלס פאר מענשען, און דיעזע אלע געביידעס זענען נאך געבויעט צו 2 און 3 פלאט, ווי נח'ס תיבה מיט תחתים שניים ושלישים, איין קאמער אויף דער אנדערער, און דורך עטליכע פון די געסלעך קומט מען צו דעם הויף וואס ווערט אנגערופען חורבת ר' יהודא החסיד.

אט דיעזער הויף האט געהאט די זכיה צו האבען אין זיך די ערשטע אשכנזי'שע אידען אין דעם 16־טען יאהר־הונדערט, און ווען אין ענדע פון 16־טען יאהר־הונדערט האבען די מוסולמאנער פארשלאסען דעם רמב"ן'ס שוהל און גע־

מאכט פון איהר א קירכע, האבען די ביסעלע אשכנזי'שע אי־דען זיך געהאלטען אין דיעזען הויף און דארט אויפבויעט א שוהל.

די אידען פון אוקראינע, פוילען און רוסלאנד וואס האָ־בען זיך אוועק געלאזט קיין ירושלים נאך גזרת ת"ח און מלחמת כמיעלניצקי אין 1648 האבען זיך אויך בעזעצט אין דיעזען הויף. ווען אין 1681 איז געקומען קיין ירושלים ר' יהודא החסיד פון שידלוף אין בעגלייטונג פון אנדערע רבנים און געלעהרטע האבען זיי זיך אויך דארט בעזעצט.

די אידען איז דעמאלס דארט מאטעריעל זעהר שלעכט געווען, ביז זיי זענען געצוואונגען געווען צו בארגען זיך געוויסע סומען געלד פון די אראבער, און אזוי ווי דער פראצענט איז געווען זעהר א גרויסער, און די אידען זיינען ניט אומשטאנד געווען צו בעצאהלען ניט דעם קרן און ניט דעם פראצענט, זיינען אין א שבת ח' חשון (1720) די אראבער בעפאלען דעם קווארטאל און איהם אונטערגעצונדען, איינגעזעצט אין תפיסה די ראשי העדה, די איבערגעבליבענע אידען זיינען זיך צו־לאפען, און דער קווארטאל איז געווארען לעדיג.

ווען עגיפטען האט רעגירט איבער ירושלים האט ר' שלמה זלמן וויעדער בעקומען אן ערלויבניש צוריק אויפצובויען דיעזע חורבות. די אידען האבען באלד אויסגערייניגט די מיסט און שמוץ וואס די אראבער האבען דארט אנגעווארפען אונטער דער צייט, און זייט דאן דאס פלאץ געגעבען דעם נאמען חורבה, און איין הויז געמאכט פאר א מקום תפילה וואס זיי האבען אנגערופען „מנחם ציון", אלע אשכנזי'שע אידען האָ־בען זיך דארט בעזעצט און עס איז ווייטער געווארען א אי־דישער צענטער.

אין 1857 האט סיר משה מאנטעפיארע געקראגען אן ערלויבניש פון סולטאן דארט אויפצובויען א גרויסע שוהל און אין 1864 איז די שוהל פארטיג געווארען אין די חורבות ר' יהודא החסיד.

די שוהל קען מיט רעכט גערופען ווערען א בית המקדש



חורבת ר' יהודה החסיד

מעט, די הויך אינווייניג גרייכט ארום 34 מעטער, און ווען איהר ווילט ארויף קומען צו דער עזרת נשים, דארפט איהר זיך גוט אנשטרענגען עפעס דארט צו דערזעהן צוליעב דער הויכקייט.

דער גבאי פון דער שוהל איז היינט מר. אמדורסקי, דער אייגענטהימער פון האטעל אין וועלכען איך בין אויך געשטא־נען אין דער צייט וואס איך האב פארבראכט אין ירושלים.

דער נציב העליון ראש השנה אין שוהל.

אין דיעזער שוהל ווערט צווישען בעלעמער און ארון הקודש אויפגעשטעלט א חופה פאר דעם נציב העליון ווען ער קומט דארטען דאווענען אין א יום טוב אדער שבת, און דיעזען ראש השנה האב איך צופעליגער ווייזע געהאט מיין פלאץ אנטקע־גען דעם נציב העליון, און האב געהאט דאס גרעססטע פאר־גניגען צו זעהן ווי דער רעגיערער פון הייליגען לאנד, שטעהט איינגעהילט אין טלית מיט'ן מחזור אין האנד און דאווענט מיט אונז צוזאמען.

דעם ערשטען טאג ראש השנה, נאכ'ן דאווענען, איז דער נציב פערבעטען געווארען אויף קידוש אין האטעל אמדורסקי און מיט איהם זיינען אויך פערבעטען געווארען דער רב הכולל קוק, און אנדערע חשובי העיר, ווי אויך די וויכטיגע אוים־לענדישע געסט, צוזאמען ארום 40 פערזאנען.

ביים טיש האט הרב קוק גערעדט אין העברעאיש און ציטירט די הפטורה פון דיעזען טאג, וואו עס רעדט זיך וועגען חנה און שמואל הנביא און פערגליכען די פליכטען צום שטאאט פון יענעם שמואל מיט דעם יעצטיגען שמואל, דאביי בעמער־קענדיג דאס צווישען אלע פליכטען איז אויך די הויפט דאס עפענען די טויערען פון ארץ ישראל פאר אידען.

איך האב דאן געהאט די עהרע אויפגעפאדערט צו ווערען עפעס צו זאגען, און איך האב דערמאהנט דעם נציב פון זיין בעזוך אין מאנטרעאל אין 1913, ווען א מיידעלע האט איהם אדרעסירט אין העברעאיש, אין בעראן דע הירש בילדינג, און געוואונשען ער זאל נאך זיין א מיניסטער אין ארץ ישראל.

„און, האב איך דאביי בעמערקט, אזוי ווי די נבואה פון קענעדער אידען איז מקוים געווארען נאך אויף א גרעסערען מאסשטאב, ווייל ער איז יעצט ניט נור א מיניסטער, נור דער רעגיערער פון ארץ ישראל, וואלט ווינשענסווערטה געווען צו וויסען, אז דער וואונש פון די קענעדער אידען, איז יעצט, ניט נור מ'זאל עפענען די טהירען פאר ארץ ישראל, נאר דער היי קאמישיאנער זאל נאך ארויסלאזען אן אלגעמיינעם אויפרוף צו די אידען פון דער וועלט, זיי זאלען קומען העלפען אויפבויען ארץ ישראל.’’

דער היי קאמישאנער האט אין א זעהר דיפלאמאטישען טאן געענטפערט, און ערקלעהרט:

„מיין ארבייט זייט 20 יאהר אין פאליטישען פעלד אין ענגלאנד, האט מיר אימער פערשאפט כבוד און פערגעניגען, אבער עס האט קיין פערגלייך ניט צו מיין יעצטיגער ארבייט, וואס גיט מיר האפנונג אויסצופיהרען די באלפור דעקלאראציע’’.

„מיר האבען געהאט א שווערען יאהר’’, האט דער קאמישיאנער פארגעזעצט. „עס איז געווען א זעהר ביטער יאהר, און איך בין נאך ניט זיכער אויב מיר וועלען דיעזען יאהר דורכגעהן אהן וועלכע עגמת־נפש.

„מיין פראבלעם איז זעהר א שווערע, און וואלטען די אידען פון דער וועלט צוגעהאלפען, מיט העלפען ענטוויקלען דאס לאנד, וואלט עס נאטירליך געווען פיעל לייכטער, אבער איך האף דאס מיט גערולד, וועלען מיר עררייכען אונזער ציעל, ניט אכטענדיג וואס די אראבער זיינען אביסעל פער'עקשנ'ט.’’

און ווען איהר קומט אין דיעזער שוהל, ווען דער נציב העליון דאווענט דארט, און ווייסט אז אט איז מיט אונז אין

שוהל דער העכסטער אפיסער, ממש דער רעגיערער פון לאנד, פיהלט איהר דאן אז א גרויסע ענדערונג צום גוטען איז שוין ערגרייכט געווארען וועלכעס מאכט נעהענטער אונזער ציעל פון דעם 2000 יאהריגען גלות.

אין צפון זייט, פון דער חורבה געפינט זיך דער בית המדרש „מנחם ציון", א תלמוד תורה ישיבת עץ חיים, אין דרום זייט פון חורבת ר' יהודא החסיד איז געשטאנען דעם רמבן'ס שוהל וואס איז פערוואנדעלט געווארען אין א מוסול־מאנישער קירכע.

עטליכע טריט ווייטער, קומט מען אין חב"ד גאס, וואס ציהט זיך צו דער אידישער גאס ביז שער ציון, דארט געפינט זיך אויך די חב"ד קלויז, און ניט ווייט די פיער שוהלען צוזאמען וואס ווערען גערופען בית הכנסת ר' יוחנן בן זכאי און בעלאנגט צו די ספרדישע אידען.

אנטקעגען דיעזען בית המדרש געפינט זיך די קאראימער שוהל. דאס שוהל'כעל איז זעהר קליין ארויף צו געהן מיט שמאלע שטיגען, אבער זיי האבען קיינמאל ניט קיין מנין. עס איז אנגענומען אז א קללה הערשט איבער זיי דאס זיי זאלען קיינמאל ניט דערלעבען צו האבען א גאנצע עדה אידען פאר א מנין, און דערוויל ווערט די קללה אויף זיי מקוים.

זייער תורה האב איך געזעהען. זי איז פון פארמעט און זעהר אלט, אבער געשניטען אין בלעטער און איינגעבונדען ווי א בוך. די גאנצע געמיינדע בעשטעהט פון 15 פערזאן פון וועלכע עס זיינען 11 פרויען און 4 מאנסבילען, דערפאר האבען זיי גרויסע געמיינדעס אין עגיפטען.

ניט ווייט, געפינט זיך דער ווינקעל „ציון". אין שלמה'ס צייטען איז דאס געווען אריינגענומען אין שטאדט. מען האט דארט ענטדעקט א זכרון פון דער ערשטער מויער וואס איז געמאכט געווארען אין דוד און שלמה'ס צייטען. ארום 2 מי־נוט גאנג געפינט זיך א גרויסע געביידע וואס די אראבער רו־פען נבי־דואר, זי איז אויפגעבויעט געווארען פון די פראנציס־קאנער אין 1333, און לויט דער קריסטליכער טראדיציאן האט

דארט יעזוס געגעסען זיין לעצטען מאהלצייט די נאכט בעפאר ער איז געהאנגען געווארען. עס איז אויך בעוואוסט דאס אונטער דיעזער געביידע געפינט זיך דער קבר פון דוד המלך אדער די קברים פון מלכי בית דוד.

געוועהנליך ווערט דארט קיינער ניט אריינגעלאזען אבער די מוסולמאנער ווייזען דעם קבר פון דרויסען.

עס איז אבער מעהר ווי זיכער, אז דאס זענען ניט די קברי מלכות בית דוד.

אנטקעגען הר הבית געפינט זיך דער הר הזתים, און אין דעם פרעכטיגען פאלאץ וואס האט בעלאנגט צום דייטשען קייזער, געבויעט אויפ'ן הר הזיתים, וואהנט יעצט דער נציב העליון סיר הערבערט סעמיועל. דארט געפינען זיך אויך יעצט די קברים פון די לעצטע מלחמה געפאלענע ענגלישע און אידישע סאלדאטען צוזאמען מיט אן אויפשריפט „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו". אונטער'ן הר הזיתים מזרח זייט פון נחל קדרון זיינען די אידישע בית הקברות, וואס פאנגען זיך אן מיט יד אבשלום.

יד אבשלום.

די מצבה אדער מאנומענט וואס שטעהט אויף דער לינקער זייט פון וועג, רופט זיך יד אבשלום. די הויך פון דעם שטיין איז ארום 16 יארד פון דער ערד ביז'ן שפיץ און איז אויסגע־האקט פון איין שטיין מיט א חלל אינוועניג, וואס ציהט זיך אלע מאהל שמעלער ביז'ן שפיץ. דאס ערשטע מאהל ווערט דיעזע מצבה דערמאהנט אין יאהר 333 בעפאר קריסטליבער



הר הזיתים

צייט רעכענונג, נור אין 16־טען יאָהר־הונדערט האָט מען זי אנגעהויבען רעכענען פאַר דעם פּלאַץ וואָס אבשלום האָט זיך אויפגעשטעלט ביים לעבען אין עמק המלך. אינוועניג און פון פאָרענט געפינען זיך זעהר פיעל קליינע שטיינדלאך וואָס איי־דען וואַרפען אלס א מנהג אויף קברים פון גדולים, און די אראַ־בער וואַרפען דאָרט אויך שטיינער, אלס צייכען פון האַס צו אבשלום'ן, דערפאַר וואָס ער האָט מורד געווען אין זיין פאָטער דוד.

אונטער'ן יד אבשלום געפינען זיך זעהר אַלטע קברים, איי־נער רופט זיך קבר יהושפט, און די הייהלען קברים פון דער כהנים פאַמיליע. איין אריינגאַנג ציהט זיך צו דעם ספרדישען בית הקברות, און דער צווייטער וואָס געהט דורך א שמאַלען שפּאַלט, ציהט זיך צום קבר פון זכריה הנביא.

זכריהו (הכהן הנביא) איז פערשטיינט געוואָרען אין בית המקדש לויט דעם בעפעהל פון קעניג יואש. די מצבה און דער סטייל אויף וועלכען זי איז געמאַכט, צייגט, דאָס זי איז גע־מאַכט געוואָרן אין דער זעלבער פּעריאָדע וואָס דער יד אבשלום.

די קברים וואָס זיינען אַרום, זיינען מעהרסטענס לויט זייערע מצבות פון 18־טען יאָהר־הונדערט ביז אָנפאַנגס 19־טען יאָהר־הונדערט.

אביסעל דרום זייט געפינט זיך דער קבר פון הרע"ב מברטנורא, און נים ווייט א מצבה וואָס די אראַבער רופען דאָס „קבר בת פרעה". מען דערקענט נאָך דאָרט צייכענס פון העברעאישער שריפט.

אין דער רעכטער זייט פון נחל קדרון און ביים ענדע פון הר הבית, געפינט זיך א קוואַל און א שטיינערנע הייהל, דאָס איז דער גיחון, וואָס דאָרט איז שלמה געזאַלבט געוואָרען פאַר קעניג. אבער דער קוואַל צייגט נאָר וואַסער עטליכע מאָהל אין יאָהר, ווייטער איז ער פאַרלעגט מיט ערד. מען זאָגט אז דער קוואַל איז פערשטאָפּט געוואָרען פון חזקיהו מלך יהודה, ווען סנחרב מלך אשור האָט איינגענומען ירושלים.

מערת כלבא שבוע.

מערת כלבא שבוע, איז בעוואוסט פון דער צייט פונ'ם צווייטען חורבן בית המקדש, ווען כלבא שבוע, איינער פון די ירושלים'ער מיליאנערען, האט זיך אונטערגענומען אויסצוהאל־טען אלע ירושלים'ער איינוואהנער זיעבען יאהר מיט עסען. איהר געהט ארונטער צו דער הייהל מיט שטיינערנע שטיגען, און איהר געפינט נאך דאס פלאץ וואו דער רעסטאראנט איז געווען.

א גרויסע הייהל, אלעם אויסגעהאקט אין שטיין, אזוי דערקענט איהר נאך דאס פלאץ וואו די טישען זיינען געווען. א רונדער אויסהאק אין דעם גרונד ארום, צו זיצען אויף דעם און אין מיטען א רונדיגער אויסהאק פון שטיין וואס האט גע־דיענט אלס טיש.

אין דער רעכטער זייט ביים ארייננגאנג געפינען זיך צוויי מקואות פון וואסער, וואס דא האבען זיך די אורחים געזאלט האבען געוואשען הענד און פיס צום עסען. אין אלגעמיין מאכט אויף אייך דאס פלאץ דעם איינדרוק פון אן אריגינעלען הכנסת אורחים פון טויזענדער יאהרען צוריק.

אין די זייטען געפינען זיך הייהלען אויסגעהאקט ספע־ציעל פאר קברים, וואס דאס זאלען האבען געווען די קברים פון דער פאמיליע הילני המלכה, וואס האבען זיך מגייר געווען 27 יאהר פאר'ן חורבן בית שני. נאך אין 14־טען יאהר־הונדערט האט מען אנערקענט דיעזע הייל אויך פאר די קברי מלכות בית דוד, און עס רופט זיך ביז היינט קברי המלכות, און אום ל"ג בעומר קומען דארט אידען מתפלל זיין און צינדען ליכט. די פלעצער פון די קברים זיינען אבער ליידיג און זיינען אויסגעליידיגט געווארען פון די פראנצויזען. די ארונות געפי־נען זיך יעצט אין „לובר די פאריז".

ניט וויט פון מערת כלבא שבוע געפינען זיך אויך די קברי הסנהדרין און הייהלען פון אנדערע קברים וואס זיינען כמעט אין גאנצען פערשאטען און פערלייגט מיט שטיינער



ציון און די קברים פון מלכי בית דוד.

פון דער מערת כלבא שבוע פיהרט אייך דער וועג צום הר צופים און הר הזיתים, וואו עס וואהנט דער נציב, און וואו עס געפינט זיך אויך דער בית הקברות פון די לעצטע מלחמה געפאלענע. און אום תשעה באב מיט זעקס יאהר צוריק, איז דארט געלייגט געווארען דער גרונד שטיין פאר דער געפלאנ־טער אידישער אוניווערזיטעט.

ארום 3 אדער 4 מינוט גאנג ארונטער פון בארג קומט איהר צו קברי הנביאים. דאס איז א הייהל פון קברים אויס־געהאקט אין א שטיין און בעלאנגט היינט צו די רוסען. דער אריינגאנג אין דער הייהל איז פארמאכט, אבער מען קען דארט אריינקריכען דורך א לאך. די רוסען האבען דארט געמאכט פאר זיך א מקום קברות, און די אידען זיינען מיחס דיעזע הייהל צו די קברי הנביאים חגי, זכריה ומלאכי.

פון ירושלים קיין בית לחם און חברון.

אויפ'ן דריטען טאג פון מיין זיין אין ירושלים האב איך געמאכט די רייזע קיין חברון, וואו עס געפינט זיך די מערת המכפלה, און פון ירושלים קיין חברון פאהרט מען פארביי קבר רחל, און עס איז גאנץ נאטירליך דאס מיין ערשטער וויזיט איז געווען ביי אונזער ליעבער מוטער רחל'ס קבר.

אזוי ווי איך האב זיך געפונען אינ'ם האטעל ביים שער יפו, פאנגט מען נאטירליך אן דעם וועג וועלכער געהט צו דער באהן סטאנציאן, דרום זייט צו גיא בן הנם. מען פאהרט פאר־ביי די מאנטעפיארע הייזער, און פאהרענדיג ווערט איהר אבי־סעל מרה שחורה'דיג, צו זעהען די ווייסע שטויב וואס ליגט אויף די בוימער, און איהר קענט פאר קיינפאל נית דערקענען אויב דיעזע בוימער זיינען אמאהל געווען גרין, דאס איז צוליעב

דעם רעגען וואס פעהלט דארט דעם גאנצען זומער.

פאהרענדיג פארביי דעם ענגלישען אויגען האספיטאל, זעהט איהר פאר זיך ווידער א הערליך בילד, איהר זעהט די דרום זייט פונ'ם אלטען ירושלים, און פון הינטען דעם הר הזיתים, די הרי מדבר יהודה, פון אונטער'ן טהאל פון ים המלח זעהט איהר די הרי מואב. דער טהאל איז דער עמק רפאים, וואס איז געווען דער גרענעץ צווישען יהודה און בנימין. דאר־טען זיינען די פלשתים אנגעפאלען פיעלע מאהל און דוד האט זיי צושלאגען. דאן פאהרט איהר פארביי א דייטשער קאלאניע, נאכהער א גריכישע, און אייער הארץ בלוטעט אייך. איהר טראכט, זיי האבען דא דאס שעהנסטע, און מיר?...

איך האב זיך מעהרער ניט געוואלט פארקוקען אויף דעם געגענד און געצויגען אויף וועג פון בית לחם ביז אונזער מו־טער רחל'ס קבר, וואס געפינט זיך אויף דער רעכטער זייט פון וועג, ארום 40 מינוט פון ירושלים.

קבר רחל.

לויט די תורה דערצעהלט אונז, איז אונזער מוטער רחל געשטארבען אויפ'ן וועג אפרתה, דאס איז בית לחם. די לע־גענדע דערצעהלט אז אין פריהערדיגע צייטען איז אויפ'ן קבר געשטאנען א מצבה פון צוועלף שטיינער, לויט דער צאהל פון די אידישע שבטים.

אין 1623 האט מחמד פאשא, דער מושל החסדים פון ירושלים, געלאזט בויען א געביידע איבער'ן קבר, און די יעצ־טיגע געביידע האט אויפגעבויעט סיר משה מאנטעפיארע ווען ער האט בעזוכט ירושלים צום דריטען מאהל.

די געביידע איז איינגעטהיילט אין צוויי חדרים, דאס



רחל'ס קבר

ערשטע אלס פארהייזעל, און דינט אלס אריינגאנג צום צווייטען חדר וואו אין מיטען געפינט זיך א קיילעכיגער שטיין אזוי גרוים ווי א קבר, אין דעם זעלבען פארמאט אבער פיעל העכער פון דער ערד, און דאס איז דער קבר פון אונזער מוטער רחל.

און ווען איהר קומט אריין אין דיעזען היכל ווערט איהר אנגעפילט מיט אינסטינקטיווער אימת הכבוד, צוזאמען מיט אהבה.

אט דא פיהלט איהר זיך היימיש, ווייל דאס איז כמעט דאס איינציגע פון די אלטע הייליגע פלעצער וואס איז אונזערס און ווערט געהיט און בעזארגט פון אונזערע אידען.

ארום דעם צימער הענגען טהייערע פרוכת'ן און פערשיעדענע מאהלערייען, פון רייכע לייט נדבות. איהר געפינט דארט אויך צוויי ספרי תורות, איינע א ספרדישע, און איינע אן אשכנזי'שע, פאר דאווענען ראש חודש און גאנץ חודש אלול.

און אידען טרעפט איהר דארט גאנץ חודש אלול, דעם גאנצען טאג און די גאנצע נאכט.

ווען איך בין צוריק געפאהרען פון חברון האלבע נאכט, איז נאך אינוועניג נים געווען קיין אנפאנג פון אהיים געהן, עס האט נאך גערוישט און געקאכט ווי אין א שוהל צו כל נדרי.

דער שמש גיט אייך אנצינדען בוימעל, און מאכט אייך מי שברך, און פיעלע זאגען דארט תהלים און שירות ותשבחות, און איהר פיהלט זיך דארט זעהר היימיש.

איך האב זיך דארט געפיהלט אז דאס איז אונזערס און טאקי גאר איינגאנצען אונזערס, און האב זיך אפילו פאטאגראפירט אויסוועהניג פון הייהל מיט אלעמען וואס זיינען מיט מיר צוזאמען געפאהרען.

און נים נור ווערט דאס פלאץ פערהייליגט פון אידען, נור אראבער און מוסולמאנער האלטען עס אויך פאר הייליג, און פיהרען פערביי זייערע מתים פאר'ן קבר רחל אלס אזא מין זעגענען זיך בעפאר מען בעערדיגט זיי.

פון קבר רחל ציהט זיך איין וועג קיין חברון און דער אנ־

דער זייט וועג קיין בית לחם, און מיר זענען געפאהרען פון דאנען קיין חברון.

אוועקגעפאהרען פון דיעזען הייליגען פלאץ בין איך מיט א הארץ פול מיט נאציאנאלען שטאלץ און האפענונג פאר א נייער גוטער צוקונפט, אבער באלד בין איך ווידער אריינגע־פאלען אין א מרה שחורה ווען מיר האבען דערגרייכט חברון, דאס פלאץ פון דער מערת המכפלה.

חברון און די מערת המכפלה.

(אל ח׳ליל) איז דער אראבישער נאמען פאר חברון, און ווען מיר זיינען געקומען קיין חברון האבען מיר זיך גענומען א אינגעל וואס איז א דארטיגער א געבארענער, דער זוהן פון בעל אכסניה י. שניאורזאהן, אלס פיהרער. אט דיעזער פיהרער איז ערשט ארום 13 יאהר אלט, אבער ער קען זיך פארגלייכען מיט זיין חכמה צו אן עלטערען גלות איד. כ׳וועל איהם נאכאמאל דערמאהנען אין מיין ארטיקעל איבער די ארץ ישראל קינדער.

מיר האבען געלאזט שטעהן דעם אויטאמאביל ביי דער אכסניה און מיט אונזער יונגען בעגלייטער זיך געלאזט געהן צו דער מערת המכפלה.

חברון איז זעהר אן אלטע שטאדט, און האט זיך אמאהל גערופען קרית ארבע. די מרגלים האבען דארט געטראפען די ריעזען ילידי הענק, אברהם האט דארט כורת ברית געווען, און ווען זיין פרוי שרה איז דארט געשטארבען, האט ער פון עפרון החתי געקויפט דאס פלאץ פאר א בית הקברות, און דארט ליגט באמת אונזער אמאליגער יחוס, מיט וועלכען מיר שטאל־צירען, און פראקלאמירען פאר דער גאנצער וועלט, דאס מיר זענען איינציקלאר פון דיעזע ערפינדער פון אחדות הבורא.

אברהם מיט שרה, יצחק מיט רבקה און יעקב מיט לאה, מיט וועלכע מיר פעסטשען זיך אפילו פאר דעם רבונו של עולם, און דערמאהנען איהם אלעמאהל אין אונזערע תפילות, ער זאל אונז גערענקען זייער זכות.

חברון איז אויך אמאהל געווען איינע פון די ערי המקלט, און נאך דעם טויט פון שאול המלך איז דוד געזאלבט געווארען אין חברון פאר דעם קעניג איבער יהודה, און האט דארט גע־קעניגט ביז ער האט איינגענומען ירושלים, זיבען יאהר צייט.

אין חברון האט אויך אבשלום ארגאניזירט דעם אויפ־שטאנד געגען זיין פאטער דוד.

פאר'ן חורבן בית שני האט דאס רוימישע מיליטער פאר־נומען די שטאדט און זי פערברענט אין פייער און אויסגע־הרג'עט אלע איינוואהנער.

אין די אראבישע צייטען איז די שטאדט ווידער אויפ־געבויעט געווארען און די אראבער האבען פערהייליגט דאס פלאץ צוליעב דער מערת המכפלה און איהר געגעבען דעם נא־מען אל־חליל א־רחמן, וואס דריקט אוים דאס הייליגקייט פון אברהם. ווען דער מסע הצלב האט זיך אנגעהויבען, האבען דארט די קריסטען פארטריבען די אראבער און אויפגעבויעט א געביידע איבער די קברים פון דער הייהל, און ווען די מוסול־מאנער האבען פארטריבען די נוצרים פון דער הייליגער שטאדט, האבען זיי דאס פלאץ פארהייליגט פאר זיך.

די אידישע געמיינדע אין חברון האט מיט 25 יאהר צו־ריק געצעהלט 1,500 נפשות, אבער וואס ווייטער ווערט זי אלץ וויינינער, אזוי דאס היינט געפינט זיך דארט ניט מעהר ווי ארום 400 נפשות, צווישען צוואנציג טויזענד מוסולמאנער און איינינע קריסטען.

חברון איז דאס העכסטע פלאץ צווישען די מערב שטעדט פון עבר הירדן, איבער 900 מעטער העכער פון ים. דער אומ־געגענד איז רייך מיט וואסער קוואלען און דאס לאנד איז זעהר פעט און פרוכטבאר. פון דארט האבען דאס די מרגלים

געבראכט צו ווייזען די גרויסע טרויבען און פרוכטען פון חברון צו זייערע ברידער אין דער מדבר.

די חברון'ער ווינטרויבען זיינען בעוואוסט פאר זייער גרויסקייט און פאר די גרויסע מאס צוקער וואס זיי ענטהאלטען. עס געפינען זיך דארט אויך פיעלע מאנדעל בוימער, אויל-בערטען, און אנדערע פרוכטען און לעדיגע בוימער.

די איינוואהנער בעשעפטיגען זיך מעהרסטענס מיט פעלד ארבייט און מיט מאכען ערדענע כלים, לאגלען פאר וואסער און אויל פון שעפסענע אדער ציגענע פעל.

אין דער אלטער טהייל פון שטאדט געפינט זיך דער קבר פון ישי, דוד המלך'ס פאטער, און אונטען ביים בארג געפינט זיך א טיעפער ברונים וואס ווערט אנגערופען שרה'ס מקוה.

אין חברון זיינען פארהאנען צוויי אלטע ברונעמס, איינער פון זיי, דערצעהלט די לעגענדע, איז דאס פלאץ וואו מען האט אויפגעהאנגען די מערדער פון איש בשת, באלד דערביי געפינען זיך טאקע די קברים פון אבנר'ן און איש בשת. און אינ'ם געסעל וואס פיהרט צו דער מערת המכפלה געפינט זיך א הויף וואס רופט זיך (חרת אל־יהוד), דער אידישער הויף, א מין געטהא, וואוהין מ'געהט אריין דורך א קליין טיהרעל און דארט וואהנען טאקי יעצט די אידישע ארימע לייט, דארט געפינט זיך אויך די שוהל און בית המדרש. און עס איז מיר געווארען היבש מוטנע אויפ'ן הארץ ווען איך האב בעזוכט אייניגע הייזער פון דיעזען הויף, נאכ'ן בעזוך פון דער מערת המכפלה, ווייל איך האב טאקי דעם הויף בעזוכט ווען איך בין צוריק געגאנגען פון דער מערת המכפלה.

די געביידע וואס רינגעלט ארום די מערת המכפלה איז א זעהר הויכע, און פון אויבען, פון דער צפון מערב זייט זייגען אויסגעבויעט מוסולמאנישע קירכען, מיינסטענס פון דער זייט, וואו לויט די אראבער זאגען, געפינט זיך דאס פלאץ מיט די קברים פון אברהם מיט שרה און אויף דער אנדער זייט געפינען זיך די קברים פון יעקב מיט לאה.

אויף דעם פּלאַץ פון יצחק׳ס קבר, זאָגנ די אַראַבער, דאָס זיי האָבען פּרובירט אייניגע מאָל שטעלען אַ קירכע און ס׳איז זיי ניט געלונגען. אַ סימן, זאָגען זיי, אַז יצחק איז אויף זיי ברוגז און לאָזט נישט בויען אויף זיין פּלאַץ.

פון פאָרענט, בעפאָר מען קומט צו די שטיגען וואָס פיה־רען אַרויף צום אריינגאַנג פון דער הייהל, איז פאַרהאַנען אַ שפּאַלט, וואָס זאָל הייסען, אַז דיעזער שפּאַלט פיהרט דירעקט צו די קברי אבות, און אידען זיינען דאָרט מתפלל און וואַרפען אריין אנגעשריבענע בקשות.

אויף די שטיגען שטעהט אַ פּאָליסמאַן, אום די ניט־מו־סולמאַנער, זאָלען ניט קענען אַרויף געהן צו דעם וועג וואָס פיהרט אַרונטער צו דער הייהל, און מען ערלויבט אידען און קריסטען צו אַרויפשטייגען בלויז זעקס שטיגען און וויי‏טער ניט.

און אָט דאָ, האָט מיך באַהערשט אַ מעלאַנכאָלישער גע־דאַנק. איך האָב באין אופן מיך ניט געקענט בערוהיגען, ווען איך האָב געזעהען, דאָס די אָבגעריסענע שמוציגע אַראַבישע אינגלעך, לויפען אַרויף די שטיגען און געהען אַריין אין דער מערה און מיר אידען מוזען שטעהן פון דרויסען.

אונז איז ניט ערלויבט צו בעזוכען די הייהל פון אונזערע אבות. מיר, וואָס שטאַלצירען מיט אונזערע יחוס׳דיגע אבות, האָבען ניט קיין רעכט צו איבערשטייגען מעהר ווי 6 שטיגען, און אָט די שמוציגע אינגלעך האָבען דאָס גאַנצע רעכט איבער דעם הייליגען און טהייערען פּלאַץ.

און ווי שוין געזאָגט, האָב איך געפיהלט זעהר טרויעריג, און וועהרענד מיינע בעגלייטער האָבען זיך אָוועקגעשטעלט ביי דעם שפּאַלט און געזאָגט תהלים, האָב איך בלויז געקוקט און געפיהלט אַ האַרץ־ברעכעניש.

דער היטער פון פּלאַץ האָט דורך אַ טאָלמאַטש מיך גע־פרעגט אויב איך וויל אַביסעל ערד פון דער מערה, און איך האָב געזאָגט יאָ, איז ער מיט אַ שנעלקייט אַרויף די שטיגען, אַרונטער אין דער מערה און אין פאַרלויף פון פינף מינוט האָט

ער מיר ארויפגעבראכט א פולע האנד מיט ווייסע ערד, פאר וועלכע איך האב בעצאהלט און מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ, פארלאזט דאס פלאץ.

דורך ענגע און שמוציגע געסלעך, זיינען מיר אריינגעקור־מען אין דעם אידישען הויף, און מיר זיינען ארויפגעקראכען אויף א דאך אום פון דארט צו זעהן גאנץ חברון.

ארונטערגעהענדיג האבען מיר בעזוכט א אידען אין דעם הויף אויפ׳ן ערשטען שטאק.

איך קום אריין אין הויז און זעה דאס צימער איז גרויס, אבער איינגאנצען לעדיג. א פרוי זיצט אויפ׳ן פענסטער און אן עלטערע מיידעל פון ארום א יאהר 15 זיצט אויף דער ערד מיט צוויי קלענערע קינדער.

איך קוק זיך ארום און פרעג די פרוי, וואו האט איהר עפעס אלע הויז זאכען?

און זי ענטפערט מיר מיט א ליעבליכען שמייכעל. איהר זעהט דאך, און ציינט מיר אן אויף א ווינקעל וואו עס ליגען עטליכע קישעלעך מיט א מאטראץ, און דערביי שטעהט א קליין בענקעל. אט דאס איז אלעס וואס געפינט זיך אין דער וואהנונג.

אוואו קאכט איהר? פרעג איך זי, און וואו האט איהר אייער געפעס.. און זי צייגט מיר אויפ׳ן דעכעל אויסוועהניג, אן אויסגעבויגען אייזען אונטער וועלכען מען לעגט אונטער האלץ, און צוויי טעפ, איינעם א מילכיגען און איינעם א פליי־שיגען,און צוויי גרויסע שיסלען, אויך א מילכיגע מיט א פליי־שיגע און א האלבען טוצען לעפעל. אט דאס איז אלעס וואס זיי פארמאגען.

און איך פרעג דיעזע יונגע פרוי, אויב זי וואלט געוואלט פאהרען נאך אמעריקא, און זי ענטפערט מיר מיט א פעסטען טאן, קיין אמעריקא, אה ניין: דאס איז אונזער לאנד און דא וועלען מיר וואהנען.

—וואס טהוט אייער מאן? פרעג איך זי. „ער טרייבט אייזלען”. איך האב נים געוואלט ווייטער פרעגען קיין איינצעל־

הייטען, אָבער זי האָט מיר זעלבסט דערצעהלט, דאָס איהר פאָ־
טער איז א תימן׳ער איד און האָט חתונה געהאָט מיט א פּוי־
לישע גויע, וועלכע האָט זיך מגיר געווען. זיי זיינען שוין ביידע
געשטאָרבען, און זי ערקלעהרט מיר, דאָס ביי איהרע עלטערען
האָט זי קיין בעסערע וואָהנונג ניט געהאַט, און איז זעהר צו־
פריעדען מיט איהר לאַגע.

מיר האָט זיך אויף דער מינוט געדאַכט אז איך ווער אַן
אפּיקורס. אָט, וואָהנען עטליכע און צוואַנציג פאַמיליעס באַלד
ביי דער מערת המכפלה, ביים פּלאַץ וואָס מיר בעטען פאַר אלע
אידען צו לעבען אין זיין זכות, און עטליכע געפלאָגטע אי־
דען געפינען זיך דאָרט ביי דיעזע הייליגע קברים און לעבען
אין דחקות און נויטה. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אביסעל
מהרהר געווען און זיך געפיהלט זעהר שלעכט, פאַר א גאַנץ
לאַנגער צייט.

פון דאָרט זיינען מיר מיט׳ן אויטאָמאָביל געפאָהרען צום
אשל אברהם.

ניט ווייט פון דעם האָטעל וואָס רופט זיך אויך „אשל
אברהם" ציהט זיך א וועג צווישען אַנציהענדע וויין גערטנער
צום רוסישען גאָרטען. דאָרט שטעהט א בוים וואָס רופט זיך
אשל אברהם.

דיעזער בוים ווערט דערקענט לויט זיין אַלטקייט, און עס
איז לייכט צו גלויבען אז דאָס קען זיין א בוים נאָך פון אברהם
אבינו׳ס צייטען. ארום דריי פוס פון דער ערד איז א ברייטע
פּלאַטפאָרם געמאַכט פון צעמענט וואָס האַלט דעם בוים, און
אויף די פּלאַטפאָרם שטעהען אייזערנע און הילעצרנע אונטער־
לעהנערם פון די פערשיעדענע צווייגען פון דעם בוים, פון וועל־
כע די מעהרסטע צווייגען זיינען אָנגעבראָכען פון אַלטקייט און
האַלטען זיך אויף די אונטערלעהנערם.

ווען איך האָב געפרעגט אונזער יונגען בעגלייטער יצחק׳ל,
דעם האָטעל קיפּערס זוהנדעל, אויב ער איז זיכער אז דאָס
איז דער בוים וואָס אברהם אבינו האָט געפלאַנצט, האָבען ביי

איהם די אויגלעד אויפגעבליצט, און ער האט מיט א שמייכעל צו מיר געזאגט.

—הערט! פרעגט נים קיין קשיות, אז אלטער בוים איז דאס? וואס נאך ווילט איהר?

—סטייטש, זאג איך איהם, עס שטעהט דאך בפירוש ויטע אשל בבאר שבע. אז אברהם אבינו האט געפלאנצט א בוים אין באר שבע, וואו קומט ער גאר קיין חברון?

—איהר זייט א חכם, ענטפערט ער מיר. איהר האט גע־וואלט אז אברהם זאל אייך רעפארטען פון יעדען בוים וואס ער האט געפלאנצט? אויב איהר גלויבט נים אז דאס איז יענער „אשל" דאן גלויבט אז דיעזער בוים רופט זיך „אשל אברהם" און איך האב דעם נאמען נים געגעבען.

אזעלכע קלוגע אנטווארטען קענט איהר הערען פון יעדען קינד וואס איז אויפגעבראכט אין ארץ ישראל.

פון דארט, זיינען מיר צוריק געפאהרען צום וועג נאך ירושלים און אין מיטען וועג זיך אבגעקירעוועט א שטיקעל, אום צו זעהן באר שלמה, די רעזערוואארען דורך וועלכע שלמה האט אריינגעצויגען וואסער קיין ירושלים.

די בריכות שלמה

ווען איהר קוקט אן די רעזערוואארען וואס רופען זיך בריכות שלמה, ווערט איהר געפינען א שטיק ארכיטעקטור וואס האט זיך נים צו שעהמען מיט אלע היינטיגע וואסער לייטונג סיסטעמען אין דער וועלט.

דער רעזערוואאר איז איינגעטהיילט אין דרייען. די ער־שטע פון וואנען די וואסערען קומען אריין, דאן קומט דאס וואסער אינ'ם צווייטען רעזערוואאר, ווארשיינליך פאר דיס־

מילירונג, פון דאָרט קומט זי אין דריטען רעזערוואואר פון וואנען די רעהרען האבען עס צוגעפיהרט קיין ירושלים.

דיעזער רעזערוואואר איז צושטערט געוואָרען אין די צייטען פון יחזקיהו המלך, און זיים דאן נאך נים צוריק איינגעאָרדענט געוואָרען, דאך קומט נאך וואסער פון קוועלען אינ'ם ערשטען רעזערוואואר, און אינזשענערען בעטראַכטען דעם פּלאַן אַלס פּאַסיג פּאַר צוריק בענוצען עס פאר ירושלים'ער וואסער סופליי.

פון דאָרט זיינען מיר צוריק געפאַהרען נאך ירושלים און ווידער געמאַכט א בעזוך דעם נייעם ירושלים.

די נייע שטאָדט.

ביז מיט זעכציג יאָהר צוריק, זיינען די איינוואָהנער פון ירושלים בעשטאַנען נור פון דיעזע, וואָס האָבען געוואָהנט אינווענינ פון דער מויער פון דער אַלטער ירושלים, פון וועלכע די מויערען זיינען פערשלאָסען געוואָרען יעדען טאָג צוגלייך מיט דעם זונען אונטערגאַנג, און געבליבען געשלאָסען ביז פריהמאָרגען. ווער עס איז געקומען קיין ירושלים ביינאַכט, האָט געמוזט בלייבען נעכטיגען אויסוועהניג פון דער שטאָדט און געוועזען אונטערוואָרפען צו בע'גנב'עט ווערען. און פרייטאָג זיינען די מויערען געוועזען געשלאָסען ביז איינינע שטונדען אויפ'ן טאָג, ווייל די מוסולמאַנישע טויער וועכטער זיינען געוועזען אין די געבעט הייזער. מיט זעכציג יאָהר צוריק האָבען זיך אָנגעהויבען צו בויען הייזער אויסער דער שטאָדט, אויפ'ן וועג וואָס פיהרט קיין יפו, ווייל דאָרטען האָבען זיך געפונען גלייכע פּלעצער צום בויען.

דאָס בעזעצען זיך פון אידען אויסער דער שטאָדט, האָט

זיך אנגעפאנגען אין יאהר תר״ד, ווען סער משה מאנטעפיארע האט אויפגעבויעט דעם קווארטאל ,,משכנות שאננים״. אין יאהר תרכ״ט איז אויפגעבויעט געווארען דער קווארטאל וואס רופט זיך ,,נחלת שבעה״. אין תרל״ה דער גרויסער קווארטאל ,,מאה שערים״, און אזוי האט זיך בּיסלעכווייז אויסגעשפּרייט די נייע ירושלים מיט 74 קווארטאלען אדער ווי זיי רופען דאס דארט שטעדלאך, דורך פארשיעדענע אויסלענדישע ארגאניזא־ציעס. פיעלע אלס אומזיסטע דירות פאר ארימע לאנדסלייט און פיעלע דירות פאר צדקה אנשטאלטען.

די מעהרסטע פון דיעזע שכונות זיינען געבויעט פון שטיי־נער, און איין שכונה איז אבגעטהיילט פון דער אנדערער. די געסלעך זיינען קרומע, ענגע, און ניט זעהר ריינע, די פענסטער געהען מעהרסטענס אין הויף אריין, וועלכער איז א שותפות׳־דיגער און דארט געפינט זיך אויך דער גרוב וואסער, און ביז מיט צוואנציג יאהר צוריק זיינען די טויערען פון דיעזע הויפען געווען פארשלאסען איבער נאכט.

ווי שוין געזאגט, זיינען די ערשטע שכונות געווען ,,משכנות שאננים״ מיט ,,ימין משה״ וואס שטעהען אויף א הויך פלאץ אנטקעגען ,,הר ציון״. די הייזער זיינען געבויעט אין גלייכע שורות און צעהלען אין זיך ארום 1000 נפשות, און אויפגעבויעט געווארען פאר׳ן געלד פון משה מאנטעפיארע. נא־הענט פון דיעזען קווארטאל געפינען זיך די קברי בית הורדוס.

דרום זייט פון דעם קווארטאל, נאהענט פון דער באהן סטאנציע, געפינט זיך די דייטשע קאלאניע. הינטער דעם קוואר־טאל איז דער האספּיטאל פון מצורעים.

דיעזע קראנקהייט, איז שכיח אין יענע געגענדען, און נאך פארצייטען האבען זיך די כהנים אבגעגעבען צו היילען דיעזע מצורעים, וועלכע האבען זיך געפונען אויסער׳ן שטאדט. נאך היינט שטעהט די געביידע פון פארצייטיגען בית המצורעים, ניט ווייט פון ,,יד אבשלום״. היינט זיינען דא זעהר ווייניג קראנקע מצורעים, און די וועהניגע זיינען אויך קיינמאהל ניט קיין אידען.

אנטקעגנען דער באהן סטאנציע, צו דעם וועג וואס פיהרט קיין בית לחם, געפינען זיך שעהנע אראבישע הייזער, און פון הינטען א קליינע אידישע שכונה „בית יוסף״.

אויף דער יפו׳ר גאס, וואס הויבט זיך אן פון שער יפו צו מערב זייט, געפינען זיך די געשעפטען, וואס בעלאנגען מעהר־סטענס צו אידען: די באנקען, אנגלא־פאלעסטינא, אנגלא־עגיפ־טען, קרעדיט ליאנע, א. ז. וו. די גרויסע האטעלען.

אביסעל ווייטער פון שער יפו, איז דער פאסט אפיס, און פון דארט רעכטס ציהט זיך צו „שער שכם״ און „מאה שערים״.

אנטקעגען דעם גן העיר, געפינט זיך דער ועד הצירים אין א זעהר היבשען אפיס בילדינג.

נאכ׳ן גן העיר שטעהט דער רוסישער הויף, וואס איז ארומ־גערינגעלט מיט א מויער, יעצט געפינט זיך דארט דער לאקא־לער געריכטס זאאל, און אזוי געפינען זיך אין די 74 שטעדט־לאך וואס רופען זיך דאס נייע ירושלים, גאנץ פיינע אינסטי־טוציאנען, גרויסע און הערליכע געביידעס, וואס בעלאנגען גרא־דע ניט צו אידען.

אין אלגעמיין געפינען זיך אידען אין נייעם ירושלים ווי שוין געזאגט ארום 70 פראצענט, אבער פון די שעהנע געביי־דעס פון די פערשיעדענע פעלקער, האבען מיר אידען, ליידער **ניט, מיט וואס זיך צו באווייזען.** ווייל אפילו די „הדסה״ **וואס** איז די וויכטיגסטע און ניצליכסטע אינסטיטוציע אין ארץ־ישראל בעזיצט קיין איין געביידע וואס מען זאל זיך קענען דא־**מיט באריהמען.**

און נאכדעם ווי איך בין פערטיג געווארען מיט מיין בע־זוך אין אלטען און נייעם ירושלים אין די נאהענטסטע אומגע־גענד, האבען מיר אנגעהויבען די רייזע נאך דער נאהענטסטער קאלאניע וואס ליגט ניט ווייט פון ירושלים אויפ׳ן וועג צו יפו, די קאלאניע מוצא.

די אינסטיטוציאָנען אין נייעם ירושלים.

איך האָב בעזוכט פיעלע אינסטיטוציאָנען אין׳ם נייעם ירושלים, און אויסער די הדסה וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם בעסטען איינדרוק, האָב איך אויך געהאַט גרויס פערגע־ניגען פון די אַלטע אַנשטאַלטען ווי דר. וואַלאַק׳ס האָספּיטאַל, די בית מושב זקנים וזקנות, דישקין׳ס בית יתומים, און פיעלע אַנדערע.

איך קען מיט א ריינעם געוויסען זאָגען, דאָס אויב איך האָב ביז יעצט אַמאָל געמורמעלט געגען די פערשיעדענע פּושקעס וואָס ווערען אויפגעהאַנגען אין די הייזער פאַר ר׳ מאיר בעל הנס און אַנדערע, האָב איך, זייענדיג אין ארץ ישראל, געענדערט מיין מיינונג.

יעדער אַנשטאַלט אין ארץ ישראל טהוט גוטע אַרבייט. אַנדער טהוען גוטע אַרבייט, וועהרענד אַנדערע טהוען גלענ־צענדע גוטע אַרבייט.

איבער דער הדסה טהעטיגקייט, האָב איך גאַרנים אַזוי פיעל ווערטער אויסצודריקען פאַר דער גוטער און נוצליכער אַרבייט וואָס זי טהוט דאָרטען.

איך האָב געהאַט די עהרע זיך צו טרעפען מיט דער פיה־רערין פון „הדסה״, מיס הענריעטאַ סזאָלד, און פון איהרע סטייטמענטס, שווארץ אויף וויים, בין איך געקומען צום בע־שלוס, דאָס דיעזע אָרגאַניזאַציע טהוטווירקליך וואונדערבאַרע אַרבייט.

די הדסה, איז פערצווייגט איבער׳ן גאַנצען לאַנד, מיט אַבטהיילונגען אין יעדען שטעדטעל, און אפילו אין א קליינער „קבוצה״ וואו זיי זיינען ניט אימשטאַנדע אויפצומאַכען קיין האָספּיטאַל אָדער קליניק, האַלטען זיי דאָרט וועהנינגסטענס א נוירס מיט פּאָפּולאַר מעדיצין. אַזעלכע האָב איך געטראָפען אין דער קבוצה „דולב״ און אין אַנדערע.

די ארץ ישראל באַפעלקערונג שפּיגעלט זיך אין דער הדסה ווי מיט דעם גרעסטען אידישען אַנשטאַלט וואָס ארץ ישראל

פארמאגט. און עס האט מיך געפרעהט דארט צו בעגעגענען א קענעדער אידישען דאקטאר פרידמאן. וואס ווערט שטארק גע־לויבט פון דער „הדסה״ מענעדזשמענט, און בעזאנדערס פון די ירושלים׳ער אידען, וואס שטעלען איהם ארויס אלס מוסטער פון אן ענערגישען איבערגעבענעם טרייען אידען, צו זיינע קראנקע אין ארץ ישראל, און כמעט אלע אידען פון ירושלים קענען איהם אלס דער קענעדער דאקטאר פון דער „הדסה״.

דר. וואלאכ׳ס האספיטאל.

אין דר. וואלאכ׳ס האספיטאל זיינען מיר געווען צו בעזוך פרייטאג נאכמיטאג. דר. וואלאך, וועלכער איז א זעהר בער־ריהמטער סוירדזשען, איז געווען פערנומען מיט אן אפעראציע און זיין ארויסהעלפער האט אונז ארומגעוויזען דעם האספי־טאל. און ווען דר. וואלאך איז פערטיג געווארען מיט דער אפעראציע, האט ער אונז אויפגענומען און מיר האבען געמוזט מיט איהם צוזאמען נאכאמאל דורכגעהן די גאנצע געביידע.

דאס מערקווירדיגסטע אין דעם האספיטאל איז זיין פיה־רען זיך שטרענג רעליגיעז.

עס וועט פיעלע לעזער פיליכט וואונדערען וואס איך שטעל זיך אפ הופטזעכליך אויף דער שטרענגער רעליגיעזער פיהרונג פון דיעזען האספיטאל, אבער ניט וועלענדיג זיך פער־טהיידיגען, וועל איך נור זאגען, אז אפילו דער פרייעסטער איד וואלט פיליכט געפיהלט עטוואס עהנליכעס צו דעם וואס איך האב געפיהלט, בעמערקענדיג א האספיטאל אונטער אזא פרומען רעזשים.

אויף דער טהיר פון יעדען ווארד הענגט א גרויסע מזוזה. דער הויפט סוירדזשען, דר. וואלאך, געהט ארום אין א יאר־

מולקע, און אזוי די קלענערע אננעשמעלמע. איהר נעפינם א בעזונדערע קיך פאר פליישינם און א בעזונדערע קיך פאר מיל־כינם, און אזוי ווי מיר זיינען נעווען דארט פרייטאג נאכמיטאג, האט מען אונז שוין נעוויזען ווי אזוי דער טשאלענט ווערט געמאכט פאר שבת.

און דר. וואלאך האט דערביי מיט א שמייכעל בעמערקט, דאס ווען די קראנקע פערלאזען דעם האספיטאל, בענקען זיי מעהרסטענס נאך דעם שבת'דיגען טשאלענט, און פיעלע קו־מען אמאל אהין שבת ספעציעל עסען טשאלענט.

דאס ריינקייט און די סאניטארישע בעדינגונגען אין דיע־זען האספיטאל קען מען פערגלייכען צו די גרעסטע אייראפע־אישע האספיטעלער.

איבער דר. וואלאכ'ס פערזענליכקייט, וואלט נים נענוג געווען אפילו צוויי אדער דריי ספעציעלע קאפיטלען, אבער איך וויל נור בעמערקען, דאס ער איז בעריהמט אלס איינער פון די גרעסטע סוירדזשענס, און איז איינער פון די שטרענגסטע רעליגיעזע אידען.

ער ציינט מיר אן למשל, אויף איינעם פון די חולאים, אט זעהט איהר, — זאגט ער צו מיר, — דיעזע פרוי האט געהאט א געפעהרליכע קראנקהייט און השי"ת האט מיר איינגעגעבען א נעדאנק איך זאל איהר מאכען א געוויסע אפעראציע אויפ'ן מאגען, האב איך עס געטהון, און מיט זיין הילפע ווערט די פרוי שוין געזונד .און אזוי דערמאהנט ער די הילפע פון השי"ת ביי יעדער אפעראציע.

און ווען איך האב פערלאזט דאס פלאץ און מען האט מיר געגעבען א בוך איינצושרייבען מיין מיינונג ווענען דער אינ־סטיטוציע, האב איך דארט בלויז בעמערקט, דאס עס פרעהט מיך צו זעהן, דאס א העכסט מאדערנער איינגעריכטעטער האס־פיטאל קען געפיהרט ווערען פון אזא רעליגיעזען פערסאנאל, און ביידע, — די היגיענע מיט דער רעליגיאן — הארמאנירען אזוי גוט.

און ווען איך האב אויפגעבלעטערט א פיידזש צוריק, האב

איך דאָן געטראָפען די בעמערקונג פון סער אַלפרעד מאָנד, סער הערבערט סעמועל, דזשיימס ראָטשילד, כמעט געשריבען אין זעלבען זינען, נור מיט'ן אונטערשיעד וואָס זיי האָבען עס גע־שריבען אין ענגליש, און איך אין מיין שוואַכען העברעאיש.

פון דאָרט זיינען מיר געפאָהרען צום בית מושב זקנים וזקנות אין מאה שערים, און אזוי ווי די פרויען האָבען זיך שוין צוגעגרייט ליכט צו צינדען האָבען מיר דאָרט ניט געקענט לאַנג פערברענגען, אָבער עס איז מיר געווען אַנגענעהם דאָרט צו פערברענגען א צייט. איך האָב ווירקליך גענאָסען פערגע־ניגען פון די זקנות פון וועלכע ארום 10 זיינען שוין איבער די הונדערטער, איינע 108 און אייניגע צו 106 יאָהר.

די זקנים וזקנות קענען זיך גאָרניט אָבלויבען פון דער גוּ־טער בעהאַנדלונג וואָס זיי קריגען דאָרט, און עס איז ווירקליך איינע פון די גרעסטע וואָהלטהאַטען צו העלפען אויסהאַלטען יענע הייליגע אינסטיטוציאָן, און דאָס זעלבע קען געזאָגט ווע־רען וועגען אַלע אַנשטאַלטען אין ארץ ישראל.

און אפילו די ,,ישיבה אינדוסטרי'' אין ארץ ישראל איז ווערטה געלויבט צו ווערען.

ווייל איך רוף עס די ,,ישיבה אינדוסטרי'' בין איך דע־ריבער שולדיג די לעזער נאָך עטליכע ווערטער וועגען דיזער ,,אינדוסטריע''.

איך טרעף א יונגען מאַן און פרעג איהם וואָס זיין בע־שעפטיגונג איז, און ער ענטפערט מיר, דאָס ער איז א ישיבה מאַן.

וואָס איז דאָס אַזוינס ? פרעג איך.

און מען ערקלעהרט מיר, דאָס געוויסע לומדים האַלטען אוים ישיבות, צאָהלען די יונגע לייט צו עטליכע פונט א וואָך אויף צו קענען מפרנס זיין זיך מיט דער קליינער פאַמיליע, און דיזע יונגע לייט לערנען אום צו ווערען רבנים אָדער סתם לומדים. דער ראש ישיבה שיקט ארוים א משולח צו שאַפען געלד פאַר זייער אויסהאַלטונג. איך ווייס ניט ווי אַנדערע קוּ־

קען אויף אזא אינדוסטריע. איך אבער, גלויב אז עס איז א גוטער מיטעל אויפצוציהען לומדים, זאלאנג מיר האבען נאך נים אונזער נאציאנאלע ישיבה אין ארץ ישראל און סימפא־טיזירער מיט די ראשי הישיבה.

אז עהנליכען אנשטאלט האב איך אויך בעגעגענט אלס אן הכנסת אורחים און בית תבשיל אין מאה שערים.

א איד וואס האט זיין גאנץ לעבען געווידמעט פאר כלל זאכען, האט דאס גרעסטע פערגעניגען אין לעבען ווען אורחים זיצען ביי איהם און עסען. און ער זוכט צו דעקען די עקספען־סעס דורך נדבות פון אייראפא און אמעריקא.

אזוי ווי די צייטען זיינען היינט שלעכט, האט ער שוין באלד אויספארקויפט אלעס וואס ער האט פערמאגט אום דער בית תבשיל נים צו פערמאכען. און לייטע וואס קענען דעם מכנים אורח זאגען מיר, אז דער איד איז זיך פשוט מקריב פאר זיין פריוואט אינסטיטוציע, און איך האב ביי זיך אויך גע־טראכט דאס זעלבע.

די אינסטיטוציאן איז א נויטיגע, ווי לאנג די אידען האב־בען נאך נים קיין אלגעמיינעם גרויסען הכנסת אורחים איז דער פריוואטער אויך א נויטווענדיגקייט און איז ווערטה געשטיצט צו ווערען.

מיר האבען נאך בעזוכט די פערשידענע בתי יתומים, האס־פיטעלער, די ישיבות און תלמודי תורה׳ס, און גלויבט מיר, דאס איך בעצוועק נים צו מגזם זיין און פארגרעסערען וואס איך האב געזעהן, נור איך גיב אייך איבער דאס וואס איך האב באמת געפיהלט.

מיר האבען נים וואס צו בעקלאגען זיך אויף די חלוקה אידען, ווייל נים אכטענדיג וואס פיעלע פון זיי לעבען נאך פון שטיצע וואס זיי בעקומען פון אמעריקא, העלפען זיי אויפ־בילדען אינסטיטוציעס און אויסהאלטען די נויטבעדערפטיגע און קראנקע.

און איך ווידערהאָל, איהר האָט זיך גאָר ניט צו שעהמען מיט די ארץ ישראל חלוקה אידען. זיי זיינען געווען, און וועלען נאָך פאַר א צייט זיין, די אויפהאַלטער פון אונזער טראַדיציאָן און פון אונזער ישוב אין ארץ ישראל.

די קאָלאָניע מוצא.

דער וועג פון ירושלים קיין יפו מיט'ן אויטאָמאָביל דויערט בלויז פון 2 ביז 3 שעה. דער וועג איז זעהר גוט, אָבער מען פאָהרט באַרג ארויף און באַרג אַרונטער. דאָס בילד אויף די שפּיץ בערג איז ערהאַבען; די זון באַקט, אָבער איהר שוויצט ניט, ווייל די לופט איז זעהר א טרוקענע, די לאַנדשאַפט א הויכע און געזונדע.

און בעת איהר פאָהרט אויפ'ן וועג און איהר עראינערט זיך די ביבעל־בעשרייבונגען וועגען ארץ ישראל, דאַכט זיך אייך, ווי איהר זעהט ווירקליך ניט קיין ענדערונג פון זייט טויזענטער יאָהרען. איהר זעהט למשל, גענגען אָבענד, ווי די מיידלאַך קומען זיך אַלע צוזאַמען מיט די ליימענע קרוגען אויף די קעפּ אָדער אַקסלען, אַנצושעפּען וואַסער, פּונקט ווי די ביבעל דערצעהלט עס אין צוזאַמענהאַנג מיט אליעזר'ן. איהר טרעפט אויף'ן גאַנצען וועג קעמלען מיט עזלען, און פּאַסטוכער מיט שאָף. אַלעס אָהן וועלכער ענדערונג, און טאַקע צוליעב דעם איז דער וועג אינטערעסאַנט, ווייל ער שטעלט פאַר אייך פאַר די אַמאָליגע ארץ ישראל.

עס דויערט בלויז א האַלבע שטונדע פון יפו'ער טויער אין ירושלים ביז דער ערשטער קאָלאָניע מוצא.

מוצא איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1894, דורך דער ירושלים'ער בני ברית, און עס איז די נאָהענטסטע אידישע

קאלאניע פון ירושלים, מיט 52 נפשות. איהר שטרעקע לאנד איז 1050 דונאם, מיט וויינגערטנער און איילבירטען. דארט געפינט זיך א ציגעל פאבריק, ווייל די בערג צווישען מוצא און ירושלים ענטהאלטען פיעל ליים וואס ווערט בענוצט פאר ציע־געל. די הייזלעך געפינען זיך אין א טאהל פוןביידע זייטען בארג און אביסעל פון זיי אויפ'ן בארג. דארט האבען עס דר. הערצל ע"ה, וואלפסאן און בודענהיימער, זעלבסט געפלאנצט בוימער און דאס אלעס איז צושטערט געווארען אין אנפאנג פון דער מלחמה. דאס פלאץ רופט זיך „הרצליה".

מוצא ווערט דערמאהנט ביי די חכמי התלמוד, אלס דער פלאץ וואס האט צוגעשטעלט די ערבי נחל קיין ירושלים.

מיר האבען זיך אפגעשטעלט ביים ערשטען אידישען הויז, הארט ביים וועג און זיינען אריינגעקומען אין הויז.

דארט האבען מיר געטראפען אן עלטערע פרוי, וועלכע האט געהאלטען אין איבערקלייבען אליוועו.

איך האב איהר געפרעגט איינצעלהייטען וועגען די אלי־ווען און זי האט מיט זעהר אינטעליגענטע אנטווארטען, מיר אלעס בעלויכטען.

—ווי לעבט זיך עפעס דא? — פרעג איך זי.

—דאנקען גאט! ניט צו פארזינדיגען — ענטפערט זי מיר.

—ווי לאנג וואהנט איהר שוין אין דיעזער קאלאניע?

און דא האט זיך די פרוי געגעבען א צאפעל, ווייל זי האט זיך דערמאהנט אין איהר מאנ'ס טויט, און געענטפערט: „מיר, איך און מיין מאן ע"ה, זיינען אהער געקומען מיט 30 יאהר צוריק פון רוסלאנד. מיר האבען דאן געהאט בלויז צוויי קליינע קינדער. מיין מאן האט מיט מיר צוזאמען געארבייט אויף דעם שטיקעל לאנד און מיר זיינען שטענדיג געווען צו־פרידען צו וויסען, דאס מיר וואוינען אין ארץ ישראל און גע־ניסען פון אונזער ארבייט אויף אונזער אייגען לאנד, ניט אב־טענדיג וואס מיר האבען געהאט פרנסה בדוחק. און ווען אונ־זערע קינדער זיינען אויפגעוואקסען און אנגעהויבען העלפען אין דער ארבייט, האט מען מיר צוגענומען מיין מאן, ס'הייסט

דער רבונו של עולם האט איהם גערופען „אהין‟, און יעצט פיהרען מיינע זיהן דעם פארם, האנדלען צו מיט מילך, וואס זיי פיהרען קיין ירושלים, און דאנקען גאט מיר האבען פרנסה און זיינען צופרידען.

—וואלטען אייערע זיהן געוואלט פאהרען קיין אמעריקא? פרעג איך זי.

—ניין, ענטפערט זי, חלילה! וואס פעהלט אונז דען דא, אבי געזונד.

און די ארץ ישראל פרוי באקלאגט זיך פאר אונז, דאס זי איז גאר ניט צופרידען וואס פון דער צווייטער קאלאניע, די קבוצה „דולב‟, פאהרט מען פארביי שבת מיט די **פערד קיין** ירושלים. דאס פארדריסט איהר זעהר.

—האט איהר וועגען דעם געלאזט וויסען דער ציוניסטי־שער ארגאניזאציע? — פרעג איך זי.

יא, איז איהר ענטפער, און זי זעצט פאר: „עפעס פון זייט עטליכע וואכען זעהט מען זיי טאקע שוין ניט פאהרען אום שבת.

—אבער איך בעט אייך, זאגט די פרוי ווייטער, איהר מוזט זיין אנשים חשובים, זעהט מ׳זאל לערנען אביסעל רעלי־גיאן אין דער היגער ציוניסטישער שולע.

מיר האבען דארט געטרונקען צו גלעזער ציגען מילך, אבער די פרוי האט פאר קיין פאל ניט געוואלט נעהמען קיין געלד. און פון דארט בלויז עטליכע מינוט רייזע מיט׳ן אויטאמאביל, האבען מיר זיך אריינגעקירעוועט אין א זייטיגען וועג, וואס האט אונז אין עטליכע מינוט געבראכט צו דער אחוזה „דולב‟.

די אחוזה „דולב‟.

די אחוזה „דולב‟ בעשטעהט פון אן אוקראינער קבוצה און ווערט אויך אנגערופען „קרית ענבים‟.

אין דער קבוצה געפינען זיך 43 פערזאָן, מערהסטענס יונגע לייט און יונגע פרויען, בלויז איינינע פערהייראַט.

די אחוזה באַזיצט 1,800 דונאַם לאַנד, און אַלע קאָלאָ־ניסטען לעבען אויפ׳ן קאָמוניסטישען אופן. זיי פיהרען צוזאַמען אַן אַלגעמיינע קיך, און יעדען מאָנאַט פיהרען אַנדערע פרויען די קיך און טהוען די אַרבייט פאַר דער גאַנצער קבוצה. יעדער קאָלאָניסט בעקומט פון דער קבוצה 2 פונט אַ חודש, און ער קען דערמיט מהון וואָס ער וויל. די אַרבייט אויפ׳ן פעלד ווערט געטהון פון אַלעמען גלייך.

די קבוצה האָט געגוג אייגענע מילך און גרינס, אייער און עהנליכע פּראָדוקטען, אויסצוהאַלטען אַלעמען.

איך האָב זיך דורכגערעדט מיט די יונגעלייט און האָב גע־האַט אַ פערגעניגען מיט זיי צו פאַרברענגען עטליכע שעה.

—וואָס גיבען אייך די ציוניסטען ? — האָב איך געפרעגט. און זייער ענטפער איז געווען :

„דער „ועד הצירים״ האָט אונז געגעבען די 1,800 דונאַם לאַנד און 10,000 פונט אין קעש. די געלד ווערט אונז געגע־בען 5,000 פונט דאָס ערשטע יאָהר, 3,000 פונט באַקומען מיר דיעזען יאָהר און 2,000 פונט נעקסטען יאָהר״.

דער „ועד הצירים״ האָט זיי אויך אויפגעבויעט 2 גרויסע געביידעס. געוועהנליך איינפאַכע גרויסע שעדס, איינע פאַר פרויען און איינע פאַר מענער, און מיט דער געלד־שטיצע קויפט די אחוזה אַלע נויטיגע אימפּלימענטען, זריעה און אויסהאַלטונג פאַר די מיטגלידער פון דער קבוצה. די יונגע לייט זיינען אַלע זיכער, דאָס נאָך דריי יאָהר וועלען זיי מעהר קיין שטיצע נים דאַרפען און וועלען מיט דער צייט אימשטאַנד זיין ביסלעכווייז אומצוקעהרען די הלואה צום ועד הצירים.

עס איז בלויז איין יאָהר זייט די קבוצה האָט זיך געגרינ־דעט, און זיי האָבען שוין געמאַכט פרוכטבאַר 75 דונאַם לאַנד, און עס קען מיט רעכט געזאָגט ווערען, אַז מיט זייער שוויים האָבען זיי באַפייכטעט די טרוקענע ערד פון „דולב״.

איך בין איבעראַשט געוואָרען צו זעהן איין זייט באַרג,

כמעט א שטיין־בארג וואו טעראסעס זיינען אויסגעהאקט געװארען. דאס זיינען אזעלכע שטעגען, געמאכט אויפ׳ן בארג, און אויף יעדען שטעג פערפלאנצט וויינטרויבען. און איהר זעהט ווי פון שטיינערנעם בארג בליהען די שעהנסטע וויינטרויבען.

ווען איך בין דארט געווען, האב איך זיי געטראפען ארבייטען ביים אויפשטעלען א היבשע שטיינערנע געביידע און איך האב זיכער געדענקט, אז דא בויען זיי דאס ערשטע קאמונים־טישע הויז צום וואוינען, אבער זיי האבען צו מיין ערשטוינען מיר ערקלעהרט, אז דאס בויען זיי א שטאהל פאר די בהמות.

—צו וואס בויען אזא פראכטפאלע געביידע אלס שטאהל, ווערהענד איהר אליין וואוינט נאך אין באראקען, האב איך זיי געפרעגט. —

און זיי האבען מיר ערקלעהרט: „מיר האבען דערווייל א פלאץ צו וואוינען, און דאס ערשטע וואס אונז פעהלט יעצט איז א שטאהל פאר די בהמות. און ווען מיר געהען שוין עפעס בויען אויף אונזער אייגענעם באדען, זאל עס שוין זיין דאס בעסטע און שעהנסטע.

איך האב געמוזט צוגעבען, אז זיי האבען רעכט.

נאכדעם ווי איך האב מיט זיי פערבראכט א שטיקעל צייט, אויספרעגענדיג אלע איינצעלהייטען וועגען דער ארבייט, האב איך געוואלט וויסען נאך צוויי זאכען: ערשטענס, אויב זיי זיינען ווירקליך צוגעבונדען צו דעם לאנד, און צווייטענס, צו פארוואָרפען זיי פאר דער נימ־רעליגיעזער אויפפיהרונג. און איך האב ביידע פראגען געשטעלט, נאטירליך, ניט דירעקט.

—וואלט עמיצער פון אייך געוואלט פארלאזען דאס לאנד און פאהרען נאך אמעריקא? — האב איך זיי געפרעגט.

און כמעט אלע האבען מיך אנגעקוקט ווי א משוגע׳נעם. ווער? וואס? אוועקפאהרען פון אונזער לאנד? זיך וואלגערען אין גלות? דאס איז זיי גאר קיינעם אויפ׳ן געדאנק ניט ארויף.

—זאגט מיר, למשל, האב איך געפרעגט די פיהרער, אז

איינער אדער איינע פון אייך, זאל צוליב וועלכער סיבה מוזען פארלאזען די אחוזה, נאטירליך, זאג איך, איבער אזעלכע סיבות, וואס די פערזאן מוז אונבאדינגט פארלאזען דאס לאנד, וואס ווערט דאן פון זיינע אדער איהרע פיעלע יאהרען שווערע ארבייט? און זיי האבען מיר געענטפערט:

„מיר זיינען אזוי צוגעבונדען צום לאנד, אז עס איז נאך קיינעם ניט איינגעפאלען צו שטעלען אזא פראגע פון מוזען פארלאזען, ווי למשל מען זאל פרעגען א מוטער, וואס וועסטו טאן ווען דיין ליעב קינד, וואס איז געזונד און פריש, וועט אמאל שטארבען? אבער, האבען זיי מיר ערקלעהרט: מיר האבען אמאל יא גערענקט וועגען דעם פארצוברעננגען דאס אויף איינער פון אונזערע זיצונגען, און יעדעס מאל שטעלט זיך פאר דאס בילד פון דער מוטער, ווי מיר האבען אייך פריהער געזאגט. יעדענפאלס, נאכדעם ווי מיר וועלען נאך אריינלעגען עטליכע יאהר ארבייט אין דער קבוצה, און דער פאל זאל ברענגען, אז עמיצער זאל טאקע מוזען פארלאזען די קבוצה, וועלען מיר דאן מסתמא באשליסען וואס צו טאן אין אזעלכע פעלע.

דאס איז פאר מיר געווען גענוג סימן, אז דיעזע חלוצים זיינען צוגעבונדען צום לאנד מיט זייער גאנצען לעבען. און טאקע נאר מיט אזא מסירת נפש קען א פאלק אויפבילדען א לאנד וואס וויסטעט שוין 2000 יאהר. און אזא מסירת נפש דארף ניט קיין דעקלאראציע, קיין נציב העליון, האט ניט מורא פאר קיין אראבער און קען, און מאכט ווירקליך, א גן עדן פון א מדבר.

איך האב זיי דאן געפרעגט: דענקט איהר, אז דער קרן היסוד וועט קענען שאפען נאר אזעלכע קבוצות, און צי זאלען די ציוניסטען אויסגעבען דאס גאנצע געלד נאר פאר קבוצות און ניט צולאזען קיינע פריוואטע קאפיטאלען?

דער הויפט פון דער קבוצה, א יונגערמאן מיט א פאר ברענענדע אויגען פון א היימישען משכיל, האט א מאך געטהון מיט דער האנד: גענוג שוין, גענוג!" מיר זיינען שוין

קליגער געווארען. איהר קענט מאכען קבוצות, איהר קענט אבער אויך ערמוטהיגען פריוואטע אונטערנעהמונגען. אונז מאכט ניט מעהר אויס, ווי אזוי דאס לאנד זאל אויפגעלעבט ווערען, אבי קומט אהער און העלפט בויען.

„ווען מיר ארבייטען אויף די קבוצות — האט ער וויי־מער פארטגעזעצט.— מאכט איהר באנק־געשעפטען, בויעט היי־זער, און מיט אייער קאפיטאל און אונזער ארבייט וועט דאס לאנד אויפגעבויעט ווערען, אבי קומט נאר אהער און העלפט בויען.

און איך מוז מודה על האמת זיין, אז אין דער ארבייטס זייט פון אויפבילדען ארץ ישראל, האבען מיך די יונגעלייט זעהר צופריעדענגעשטעלט; איך האב פשוט געקוואלען פון נחת צו זעהן די מסירת נפש פון די יונגע חלוצים, און ווי די צופריעדענהייט ווערט געלעזען פון זייערע געזיכטער. און דא האב איך געפונען די ערשטע גוטע ארבייט פון ועד הצירים, און מוטה ווייטער צו ארבייטען פאר'ן קרן היסוד, וואס האט אין זיין פראגראם ארויסצונעהמען די געפלאגטע הלוצים פון זייערע פינסטערע גלות־לענדער און זיי איינפלאנצען אויף אונ־זער באדען אלס די פיאנערען וואס וועלען צוריק אויפבויען ארץ ישראל פאר'ן פאלק ישראל.

דא האב איך מיך דערמאהנט, וואס די פרוי פון „מוצא" האט זיך פאר אונז באקלאגט וועגען דעם פאהרען מיט די ווע־גען אום שבת קיין ירושלים, און די מעשה מיט די 18 עופות, וועלכע מען האט ארונטערגעדרעהט די קעפ און געמאכט א סעודה. (אלע צייטונגען האבען געשריבען איבער דיעזעביידע אינצידענטען). איך האב מיך שוין געפיהלט אזוי היימיש און פריינדליך מיט די „באיעס", אז איך האב זיי געשטעלט פאל־גענדע פראגע:

—הערט, האב איך צו זיי געזאגט, איך זעה דאך אז איך ־עד מיט גוטע אידעאליסטישע יונגעלייט, וועלכע האבען אויך אמאל געלערענט אין א חדר, ווייסען וואס אידישקייט איז, איבערהויפט די מידה פון רעספעקטירען יענעמס געפיהלען, —

ווי קומט עס צו אייך, איהר זאָלט דוקא פאָהרען מיט די וועגען שבת פאר א שפּאציער קיין ירושלים, אדער בפּהרסיה קויפען עופות ניט נאָכ'ן אידישען דין? און איך ערקלעהר זיי ווייטער: איהר זייט ביי מיר יעדענפאלס גוטע אידען, ווייל איך רעכען דאָס אַלעס צו צו יונגע נארישקייטען, וועלכע ווערען אויף דער עלטער פערשוואונדען, אבער איהר זענט דאָך אויסען צו העלפען בויען ארץ ישראל. ווייסט איהר דען ניט אַז מיט דעם שאַדעט איהר אייערע אייגענע אינטערעסען און די אינטערעסען פון לאַנד?

יעדערער איז געווען פארטיג מיט אַן ענטפער, אָבער איהר האָט געקענט זעהן אין זייערע באוועגונגען, אַז דער ענטפער וועט ניט זיין קיין להכעיס ענטפער, נאָר פשוט אַן ערקלעהרונג, זיי אַלע זיינען געשטאַנען ווי קינדער, ווען דער רבי כאַפּט זיי ביי אַן עבירה. און דער ערשטער האָט זיך אָנגענומען מיט מוטה און מיר אָנגעהויבען צו ערקלעהרען. ער האָט געוואָלט מיט זיין ערקלעהרונג מיר באַווייזען, דאָס ניט אַכטענדיג וואָס די אַלע זאַכען האָבען שוין אויפגעהערט, איז עס ניט, ווייל זיי האָבען איינגעזעהן, אַז מען טאָהר דאָס ניט טהון, חלילה! ניט דאָס זיינען זיי אויסען, דעם רבונו של עולם האָבען זיי ניט געוואָלט צוליעב טהון, אָבער אויפגעגעבען דיעזען חלול שבת מיט די שחיטות עופות האָבען זיי שוין זייט איינינגע וואָכען צייט צוליעב אַנדערע אורזאַכען.

און אום איך זאָל חלילה ניט אוועקגעהן פון זיי מיט דעם געדאַנק, אַז זיי האָבען דאָס געטהון פאַר מורא, האָט מיר דער פיהרער פון דער קבוצה דערצעהלט די איינצעלהייטען:

„עס האָבען זיך ביי אונז געטראָפען, דערצעהלט ער, יונגע חברה, וואָס האָבען געדענקט, אַזוי ווי שבת איז „חופשה", פריי, פאַרוואָס זאָל מען ניט געניסען אַביסעל פערגעניגען דעם טאָג. האָבען זיי ווירקליך איינגעשפּאַנט די פערד און וועגען, ניט חלילה קיינעם צו להכעיס, נור סתם פאַר פאַרגעניגען אַריינגעפאָהרען קיין ירושלים אָדער יפו.

„אונזערע עלטערע פון דער קבוצה, האָבען אָנגעהויבען

פראַטעסטירען, אָבער די מאַיאָריטעט האָט ניט געהאַט קיין אור־זאַכע זיך צו מישען אין דער רעליגיעזער פריהייט פון אונזערע מיטגליעדער, ביז איינמאָל ביי אונזער אסיפה, האָט איינער ערקלעהרט, דאָס אזוי ווי די פערד און וועגען בעלאַנגען צו דער קבוצה, און אזוי ווי יעדער האָט דאָך דאָס רעכט צוגלייך מיט אַלע, צו בענוצען דיעזע פערד מיט וועגען, און אזוי ווי ביי אונז געפינען זיך אַזעלכע חברים וואָס קענען זיך ניט בע־נוצען מיט די פערד צוליעב שבת, ווייל זיי זיינען רעליגיעז געזאָנען, זיי עס דעריבער בעשלאָסען:

,,אַז אזוי, ווי מיר קענען ניט מישען זיך אין די רעלי־גיעזע פרייהייטען פון אונזערע חברים, און אזוי ווי אייניגע חברים קענען ניט בענוצען די קבוצה חפצים אום שבת, ווייל דאָס איז געגען די רעליגיעזע געפיהלען ביי זיי, זאָלען דעריבער די פערד און וועגען רוהען אום שבת גלייך מיט אונז, און וועל־כער חבר עס וויל האָבען דאָס פערגעניגען צו פאָהרען שבת אין שטאָדט אריין, זאָל זיך מוחל זיין און דינגען א פערד און וואָגען פון ערגעץ אנדערש און ניט פערלעצען די געפיהלען פון די רעליגיעזע חברים. און די מאַיאָריטעט האָט דאַפיר גע־שטימט. זייט דאַן רוהען די פערד גלייך מיט דער קבוצה.

,,דאָס זעלבע האָט אויך פאַסירט מיט די עופות. אייניגע פון אונזערע חברים האָבען ניט געגעסען פון דעם פלייש, וואָס מיר האָבען זעלבסט גע'שחט'ען, און דעריבער איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז קיינע עופות פון דער קבוצה טאָהרען ניט בענוצט ווערען פאַר דער קבוצה בעדערפעניש, און ווען די קבוצה וויל האָבען פלייש, זאָל עס געבראַכט ווערען פון ירושלים, און דאַ־מיט האָט זיך עס געענדיגט.

ווען איך האָב אויסגעהערט זייערע ערקלעהרונגען, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאַנק, וואָס איך האָב שוין געשריבען אין מיינע ערשטע אַרטיקלען איבער די פוילישע אידען. און איך האָב איינגעזעהן אַז מיינע אָבשאַצונגען זיינען געווען זעהר ריכטיג, און דאָס איז:

דאָס יודענטהום אין דעם פינסטערען פוילען און אוקריינע

אדער רוסלאנד, איז קראנק קערפערליך און גייסטיג. די שווערע און ביטערע רדיפות, שחיטות און מלחמה האט זיי אלע נער־ווען קראנק געמאכט, און זייערע רעליגיעזע געפיהלען זיינען אויך קראנק, נאר מיט יאהרען גוטער ערהאלונג אויף א פרייעם לאנד, וועלען זיי אומשטאנד זיין זיך אויסצוהיילען פון דער גייסטיגער קראנקהייט צוזאמען מיט זייער קערפערליכער קראנק־הייט.

און אט דאס האב איך בעמערקט אין דיעזער קאלאניע, אז צוביסלאך פאנגען זיי שוין אן זיך אויסצוקורירען און צוריק ווערען נארמאל.

איך האב מיט דיזער קבוצה חברים פארבראכט גוטע עט־ליכע שטונדען, איך האב זיך מיט זיי צוזאמען פאטאגראפירט. פיעלע האבען מיך געבעטען צו אדרעסירען פאר פריינד וואס, לוית זיי דענקען, געפינען זיי זיך ערגעץ אין קענעדע.

איך בין מיט מיינע בעגלייטער אוועקגעפאהרען פון „דולב" מיט א גוטער האפנונג פאר דער צוקונפט פון אונזער לאנד. פון דאנען זיינען מיר ווייטער געפאהרען צום וועג קיין יפו, און זיך אבגעשטעלט אין גזר, רמלה, דאן געפאהען קיין יפו און תל אביב.

יפו.

אריינקומענדיג קיין יפו, נאכדעם ווי איהר האט בעזוכט עגיפטען, דערזעהט איהר אויף'ן ערשטען בליק א גאנץ נשקשה'־דיגע ענטוויקעלטע שטאדט, עהנליך צו אלעקסאנדריא, עגיפ־טען.

ביים ברעג ים פון יפו זעהט איהר די קליינע שיפלעך, וואס ברענגען צו די סחורות אין קאסטאם־הויז פון דער גרוי־

מער שיף וואס קען נים צוקומען צום ברעג צוליעב דער וואסער פלאכקייט נאהענט ביים ברעג, און אזוי מוזען אויך די פאר־סאזשירען ארונטער גענומען ווערען פון שיף מיט קליינע שיפ־לעך, וואס בעלאנגען מעהרסטענס צו אראבער.

אין קאסטאם הויז ווערט אלעס אונטערזוכט און בעשטימט דער אבצאהל; אזוי ווערען דארט אויך אונטערזוכט די פאס־פארטען, אבער די מעהרסטע אנגעשטעלטע זיינען אידען, און די שפראך, העברעאיש.

יפו האט א בעפעלקערונג פון ארום 45 טויזענד נפשות, פון וועלכע עס זייגען ארום 11 טויזענד אידען, ארום 10 טוי־זענד קריסטען, און די איבעריגע, מוסולמאנער. איהר געפינט אין יפו גאנץ היבשע געשעפטען. אויך אלע בענק וואס געפינען זיך אין ירושלים האבען אבטהיילונגען אין יפו, ווי אויך די פאר־שיעדענע קאנסולאטען א. אז. וו.

אין תנ"ך ווערט די שטאדט יפו דערמאהנט אין צוזאַ־מענהאנג מיט יונה, ווען ער האט זיך אויפגעזעצט אויף א שיף אין יפו קיין תרשיש, און דער פיש האט איהם פאר־שלונגען.

ביים בויען דעם בית המקדש ווערט אויך דערמאהנט דאס חירם מלך צור האט געשיקט האלץ פאר'ן בית המקדש אויפ'ן וואסער קיין יפו און שלמה המלך האט דאס געלאזט ברענגען פון יפו נאך ירושלים.

די חשמונאים האבען דארט געהאלטען מלחמה אייניגע מאהל, און יונתן האט די שטאדט איינגענומען און זי געמאכט פאר א אידישען האנדעלס צענטער.

דער נייער אידישער ישוב האט זיך אנגעהויבען אין 1820 ווען די איינוואנדערונג קיין ארץ ישראל האט זיך אנגעהויבען דורך יפו, און אידישע קאלאניעס האבען זיך געגרינדעט ארום דער שטאדט, און דאן האט יפו ווידער אנגעהויבען אויפבלי־הען אלס א האנדעלס צענטער, און פריהער איז כמעט די גאנצע ציוניסטישע טהעטיגקייט אויך געווען אין יפו ביז דער ועד הצירים האט זיך איבערגעצויגען קיין ירושלים. אבער יפו איז

רייך מיט פערשיעדענע אידישע אינסטיטוציאָנען און בילדונגס אנשטאַלטען ווי דער תחכמוני, גימנזיה „הרצליה״, טעכניקאַל שוהלע, האַנדעלס שוהלע, מוזיקאַלישע שוהלע, א בית המדרש למורות ולגננות, פאַרשידענע בתי צדקה, און אזוי ווייטער.

איהר דערקענט אז איהר געפינט זיך אין א שטאָדט אין ארץ ישראל, דאָס איז אַלעס געזאָגט וועגען יפו, איהר זעהט אבער עפּעס גאָר שעהנעס און אַן אויסנאַהם, ווען איהר קומט אַריין אין דעם פאַרשטעדטעל תל אביב.

תל אביב.

תל אביב איז די ערשטע אידישע שטעדטעל וואָס דער נייער אידישער ישוב האָט אויפגעבויעט אין ארץ ישראל. און ווען איהר קוקט זיך גוט אַרום אויף דיעזער שטעדטעל, פאַלט ביי אייך אוועק יעדע ספיקות אויב אידען קענען שנעל אויפ־בויען א לאַנד מיט א גוטען געשמאַק.

אין 1909 האָבען אייניגע יפו׳ער בעלי בתים דאָרט אָנ־געהויבען צו בילדען הייזער און היינט באַזיצט תל אביב אי־בער 3000 איינוואָהנער צוזאַמען מיט נחלת בנימין וואָס איז האַרט ביי תל אביב, און איז אויך פאַררעכענט פאַר איין שטאָדט, ווייל תל אביב גיט איהר אַלע קהל׳שע בעדערפניסע, און נחלת בנימין צאָהלט דערפאַר איהרע טעקסעס צו תל אביב. די שטאָדט פערוואַלטונג איז אייגע, מיט איין סיטי מעיאָר.

עס פערשטעהט זיך, אזוי ווי תל אביב איז גענצליך אי־דיש, ווערען די גאַסען אויך גערופען מיט עכט אידישע נעמען, ווי למשל, רחוב הרצל, וועלכע ציהט זיך ביז דער גימנאַזיע, דאַן געהט פון איין זייט רחוב ר׳ יהודה הלוי, און די אַנדערע

זיים, רחוב לילענבלום, רחוב אַלענבי, רויטשילד אַלעי. דער משרד העיר, (סיטי האָל) געפינט זיך אין הרצל גאַס, און יע־דער איד וואָס איז נור עטוואָס נאַציאָנאַליסטיש געזאָנען, פיהלט זיך שטאָלץ בעטראַכטענדיג תל אביב.

אין תל אביב, געפינט איהר הייזער געבויעט מיט אַלע לעצטע בעקוועמליכקייטען, ווי וואַסער לייטונג, באַטה, בע־לייכטונג, און אפילו גרויסע אַפּאַרטמענט הייזער, אַלאַ ניו־יאָרק, זעהט איהר דאָרט אויך שוין. און ווען איהר ווייסט וועלכע שוועריגקייטען די בוי אינדוסטריע האָט נאָך דאָרט דורכצומאַכען, אום צו בעקומען אַלעס וואָס איז נויטיג פאַר בויען מאָדערנע הייזער, און די הויפּט שוועריגקייטען פון ניט קענען בעקומען קיין מאָרטגיידזש, אָדער סיי וועלכע באַנק־הילפע פאַר בויען הייזער, וועט איהר ערשט דאַן וויסען ווי אָבצושאַצען דאָס וואונדערבאַרע מאָדערנע שטעדטעל תל אביב.

און טאַקי אין דיעזען שטעדטעל וואָס איז אויפגעבויעט געוואָרען אינגאַנצען פון אידען פאַר אידען, פיהלט איהר זיך באמת אידיש, ווייל די שפּראַך וואָס בעהערשט די איינוואָה־נער איז העברעאיש, מיט קליינע אויסנאַהמען פון אביסעל רו־סיש, וואָס איהר הערט דאָרט פון צייט צו צייט, פון די נאָר וואָס אריבערגעקומענע חלוצים.

אין תל אביב האָב איך פאַרבראַכט עטליכע טעג, און ווען איך בין צוריק געקומען קיין ירושלים און פון דאָרט געמאַכט מיין ווייטערע רייזע אין גליל התחתון, בין איך צוריק וועגן נאָכאַמאָהל געפאָהרען דורך יפו אום נאָך צו בלייבען עטליכע טעג אין תל אביב, און טאַקי דאָרט געקויפט ניט וויים פון ים ביי תל אביב, 100 דונאַם לאַנד פאַר א שטעדטעל וואָס זאָל זיין אויפגעבויעט פון און פאַר מאָנטרעאַלער אידען, א פּלאַן וועלכען איך האָב קירצליך דורצופיהרען.

זייענדיג אין תל אביב האָב איך זיך בעקענט מיט איי־ניגע קענעדער אידען, און מיט יעדען פאַרבראַכט, און אין דיעזען אַרטיקעל וויל איך די לעזער בעקענען מיט איינינע פון דיעזע פאַמיליעס, נים אַזוי ווייל זיי זיינען קענעדער, נור

ווייל פון דיעזע געשפּרעכען וועלען די לעזער מעהר בעקאַנט ווערען מיט דער ארץ ישראל פּראַגע, און די מיטלען וואָס דאַרפען אַנגעווענדעט ווערען אום צו העלפען אויפבויען דאָס לאַנד.

דעם ערשטען קענעדער אידען וואָס איך האָב געטראָפען אין תל אביב איז מר. מ. ל. מ., פון וויניפּעג. ער האָט גע־פיהרט אין וויניפּעג אַ גאַנץ היבשען געשעפט פון „דייאינג" (פאַרבען). זייט דריי חדשים געפינט ער זיך שוין מיט זיין פאַמיליע אין תל אביב. נאָך דעם ווי ס'האָט איהם געקאָסט אַ היבשע סומע געלד די רייזע פאַר דער פאַמיליע, איז גע־ווען זיין ערשטע שוועריגקייט צו בעקומען אַ הויז, וואָס דאָס איז דער גרעסטער איבעל אין ארץ ישראל. הייזער איז דאַר־מען זעהר שווער צו בעקומען,די איינוואַנדערונג איז גרעסער ווי די הייזער בוי־אינדוסטריע, און דעריבער ווערט נאָך דאַרטען אַנגעהאַלטען דער אַלטער מנהג פון באַצאָהלען פאַר אַ גאַנץ יאָהר רענט אין פאַראויס פאַר אַ דירה. און ניט אַכ־טענדיג, וואָס רענט איז דאַרטען זעהר טהייער צוליעב דעם מאַנגעל אין הייזער, מוז מען דאָס באַצאָהלען פאַר אַ יאָהר פאַראויס, אויב מען האָט נאָר די זכיה צו באַקומען אַ הויז, און אָט דיעזער מאַנגעל אין הייזער איז די ערשטע שטערונג צום ענטוויקלען דאָס לאַנד.

מר. ל. מ. האָט אויך געליטען פון דיעזען איבעל, און נאַטירליך איז דערווייל אוועק נאָך אַביסעל פון זיין קליינעם מיטגעבראַכטען קאַפּיטאַל. און נאָך אַ זאַך איז ווערטה צו באַמערקען: לעבענס מיטעל קאָסטען אין ארץ ישראל פיי־לייכט אַביסעל טהייערער ווי אין אמעריקע, און ווען אַ פאַ־מיליע פון אמעריקע קומט אַריבער מיט דאָלערס און דאַרף זיי וועקסלען אויף ענגלישע פונטען, און קריגען בלויז אַ פונט פאַר ארום פיער מיט אַ האַלבען דאָלער, ווערט דער קאַפּיטאַל פאַרקלענערט נאָך בעפאָר מען פאַנגט אָן עפּעס צו טהון, ווייל אַזוי ווי אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער ליידען יעצט פון זייער צו קליינער וואַליוטע, ליידעט ארץ ישראל

גראדע פון דער גרויסער וואליוטע, וועלכע איז כמעט די גרעסטע אין דער וועלט, ווייל דער עגיפטישער פונט שטעהט נאך איצטער מיט א שילינג ביז 2 שילינג העכער פון דעם ענגלישען פונט.

„ביז איך האב געקראגען א הויז — דערצעהלט מיר מר. ל. מ. — און האב געמוזט שטעהן אין האטעל, האט זיך מיין קליינער קאפיטאל זעהר רעדוצירט, אזוי דאס איך האב שוין ניט געהאט גענוג געלד עפעס אנצופאנגען און זעהענדיג דאס מיין קאפיטאל ווערט מיט יעדען טאג קלענער, האב איך צופעליגער־ווייזע אויסגעפונען אז א איד פון ענגלאנד האט אהער געבראכט א סעט מאשינען פאר א סטיעם לאנדרי, און איך האב ביי איהם אנגענומען א דזשאב צו אויפשטעלען די מאשינען און העלפען פיהרען די לאונדרי.

עס פארשטעהט זיך, אז וויסענדיג פאראויס וואס דארטען טהוט זיך, וואלט מר. ל. מ. ניט פארקויפט א גוט געהענדעלן געשעפט אין וויניפעג, און געקומען מיט דער פאמיליע, אבער אונטער די אומשטענדען איז די פאמיליע צופריעדען און האפט אז קירצליך וועט זיך אנפאנגען א לעבעדיגע אינדוסטריע אין לאנד און די בענק און הייזער שוועריגקייטען וועלען בעזייטיגט ווערען.

מען האט מיר דארטען אויך דערצעהלט פון מר. וו. וועלכער איז געשיקט געווארען פון דער וויניפעגער אחוזה פאר זיי צו קויפען לאנד, איז ער אהין געקומען מיט זיין פאמיליע, זיך דארטען ארומגעוואלגערט פאר 8 מאנאטען און צוליעב די זעלבע שוועריגקייטען פון באנק און הייזער, איז ער נאך אכט מאנא־טען צוריקגעפאהרען ניט קויפענדיג קיין אחוזה. אבער די מיי־נונג פון די תל אביב׳ער אידען איז דאס מר. וו. האט ניט גע־האט גענוג געדולד, און די וויניפעגער אידען דארפען דעריבער ניט אויפגעבען די גלענצענדע געלעגענהייט פון קויפען אן אחוזה זאפארט, ווייל אלע סמנים צייגען אז לאנד וועט דארטען טהייע־רער ווערען.

איך האב אויך געהערט א שטארקע קריטיק, אין קארלסבאד ביים קאנגרעס פון דר. וויצמאן און אין ירושלים פון דעם חיי

קאמישאנער, נעגען אן אנדער וויניפעגער אידען, ק., וואס האט באקומען א קאנצעסיע פאר לאנד ביים קאמישיאנער, פאר א פארטיגען סעט פארמערס וואס ער האט געזאלט ברענגען פון וועסט קענעדע, און זייט ער האט די קאנצעסיע בעקומען האט מען פון איהם ניט געהערט.

עהנליכעס האב איך אויך געהערט פון א שיקאגער פאמיליע וואס האט דארטען פארקויפט א גרויסע פארניטשור סטאר און די גאנצע פאמיליע איז געקומען קיין תל אביב. זיי האבען גע־קויפט א נאך ניט אויסגעארבייטע פארם, אבער דערווייל זיצט שוין די גאנצע פאמיליע איבער פיער מאנאטען אין א האטעל, ווייל זיי קענען ניט קריגען קיין הויז, און בויען א הויז, ניט קענענדיג אפילו קריגען א מארטגעדזש, איז נאטירליך שווער, איבערהויפט ווען מען קומט מיט ניט פיעל געלד און מען וויל אנפאנגען א נייע לעבען, און נאך אין אן אונענטוויקעלט לאנד און, ווי שוין געזאגט, ווען עס ווערט פון יעדען טויזענט דאלער ניט מעהר ווי ארום 200 פונט.

פון דער אנדערער זייט איז געקומען מר. ר. פון מאנטרעאל מיט אביסעל געלד, האט ער געקויפט א קאטעדזש, עס פאר־דונגען און גענומען פאר א יאהר רענט פאראויס. געבארגט איי־ניגע אויף אן ערשטען מארטגעדזש אביסעל געלד, אפגענומען ארום 15 פראצענט פאר'ן יאהר אינטערעסט אין פאראויס, האט ער שוין געגוג צום לעבען פאר איבער א יאהר, און דאס צייגט ווייטער, ווי די אידען ליידען דארט פון ניט האבען קיין באנק און קיין הייזער.

איך קען נאך געבען פיעלע אזעלכע ביישפיעלען, אבער איך **וועל דאס פיליכט טהון אין מיינע שפעטערדיגע ארטיקלען**, וואו איך וועל מאכען דעם סך הכל און ציהען דעם שלום פון מיינע **בעאבאכטונגען אין ארץ ישראל.** איך וועל זיך דערווייל אפגע־בען ווייטער מיט בלויז טרוקענע באריכטען אהן קאמענטארען.

מיט איין ווארט קען אבער געזאגט ווערען, תל אביב איז א הערליך שטעדטעל און ווייזט גוטע אויסזיכטען פאר א אידיש געבויעט לאנד, אויב די אידען פון אמעריקא און קענעדע וועלען



דער מקב אין ראשון לציון

דאָרטען העלפען שאַפען באַנק געשעפטען און בויען הייזער איבער'ן גאַנצען לאַנד. דאָס וועט זיין אַ ברכה פאַר'ן לאַנד און אַ זיכערער, פּיליגער דער זיכערסטער און בעסט־צאָהלענדער אינוועסטמענט.

מקוה ישראל.

פון תל אביב זיינען מיר ווייטער געפאָהרען מיט'ן אויטאָמאָביל קיין מקוה ישראל. דאָס דויערט בלויז אַרום 25 מינוט.

מקוה ישראל איז געגרינדעט געוואָרען אין 1870 פון דער כל ישראל חברים דורך דעם כלל טהוער קאַרל נעטער, וועלכער האָט געקראָגען דאָס לאַנד פון דער רעגיערונג פאַר 99 יאָהר, אַלס אַ פאַרם שוהלע, מיט דעם צוועק אויפצושטעלען גוטע אידישע אַגראָנאָמען אָדער פעהיגע קאָלאָניסטען, און זייענדיג אין מקוה ישראל האָב איך בעזוכט דעם קבר פון דעם זעלבען קאַרל נעטער וואָס האָט זיך אוועקגעבראַכט פאַר'ן לאַנד און געהאַט די זכיה טאַקי מקובר צו ווערען אויפ'ן זעלבען לאַנד.

אין דער לעצטער צייט האָט באַראָן ראָטשילד איבערגענומען די גאַנצע אויסגאַבען פון דער שוהלע אויף זיין רעכנונג.

מקוה ישראל צייכענט זיך אוים מיט דעם וואָס זי שטעלט צו זאַמען פאַר'ן גאַנצען לאַנד, זי בעזיצט 2617 דונאַם לאַנד, פאַרשיעדענע געביידעס פאַר דער שוהלע, און 120 וואָהנונגען פאַר לעהרער, בעאַמטע, אַרבייטער, אויך פאַרגעניגענס פּלעצער, און אַ גרויסען וויין קעלער.

ווען איך האָב נאָר אַרונטערגעשטיגען פון אויטאָמאָביל און געזעהן די גרופּע יונגע לייט וואָס קומען דאָרט נעהמען

זייער קורס פאר לאנד ארבייט, האט מיר א יונגערמאן מיט'ן נאמען שווארץ דערקענט, ווייל ער האט בעזוכט דעם „סענע־דער אדלער'' זייענדיג א לעגיאנער פון באסטאן, און איך האב ביי איהם אויסגעפרעגט איינצעלהייטען בעפאר איך האב נאך בעזוכט דעם דירעקטאר פון דער שוהלע.

עס געפינען זיך אימער אין דער שוהלע ארום הונדערט און פופציג תלמידים און תלמידות, צווישען וועלכע עס געפי־נען זיך פיעלע חלוצים פון דיעזע וואס האבען שוין געוואוסט עפעס וועגען פארמינג.

די תלמידים קריגען אין צייט פון זייער קורס עסען און דירה, און צו צוויי פונט א חודש טאשען געלד.

דארט ווערט געלערענט אלעם וועגען אלע זארטען פלאנ־צונגען און בכלל אגריקולטור, און אין דיעזע פאאר טויזענד דונאם לאנד, געפינען זיך אלע פלאנצונגען וואס ארץ ישראל בעזיצט און פיעלעס וואס איז נאך ניטא און וואס דארף גע־פלאנצט ווערען דורך געניטע הענד.

איך בין אריין צום דירעקטאר אין אפיס, וועלכער האט אונז זעהר פיין אויפגענומען, געגעבען צו פערזוכען פון די אייר־גענע פרוכטען און אייגענעם וויין, וועלכער, ביים וועג, איז ווירקליך דאס בעסטע וואס איך האב ווען געטרונקען. דאן האט ער אונז ארומגעפיהרט איבער דאס גאנצע לאנד, געוויזען די פערשיעדענע פלאנצונגען אין דער שוהלע און עקספערי־מענט פלעצער, און איך האב זיך געוואונשען צו זעהען פיעלע אזעלכע שוהלעס אין אמעריקא און אייראפא פאר די חלוצים וואס ווארטען אויף זייער נעקסט צו פאהרען קיין ארץ ישראל, אז זיי זאלען דערוויילע נעהמען אזא קורס אין פארמינג און נאכ־הער זאלען זיי קענען צוגעלאזען ווערען אין מקוה ישראל צו ענדיגען דעם פאלשטענדיגען קורס.

פון דארט זיינען מיר געפאהרען קיין ראשון לציון.



דער יקב אין מקוה ישראל

ראשון לציון.

פון מקוה ישראל ציהט זיך דער וועג קיין ראשון לציון דורך פעלדער און וויינגערטנער.

ראשון לציון איז פון די ערשטע אידישע קאלאניעס וואס זיינען געגרינדעט געווארען אין ארץ ישראל און פארנעהמט כמעט 15,000 דונאם לאנד, פון וועלכען א דריטעל איז פער־פלאנצט מיט מאנדלען און די איבעריגע מעהרסטענס מיט וויינגערטנער.

דער וויין־קעלער אין ראשון לציון איז איינער פון די גרעסטע וויין־קעלערען אין דער וועלט, און איז געגרינדעט גע־ווארען פון באראן ראטשילד. אלע טרויבען וואס וואקסען ארום ראשון ווערען געבראכט אין דיעזע קעלערען, אויסער די פון פתח תקוה, וואס געהען מעהרסטענס צו דער באוואוסטער פירמע פון פרידמאן און זיהן. דער עלטסטער וויין־קעלער אין ארץ ישראל מיט'ן הויפט קעלער אין חיפה ביים הר „הכרמל".

ראשון לציון באזיצט ארום 1,400 נפשות פעלד־ארבייטער, סתם ארבייטער און בעאמטע. צווישען די ארבייטער געפינען זיך פיעלע תימנ'ער אידען, וואס וואוינען אין א באזונדערען געגענד אויסער דער קאלאניע.

זייענדיג אין ראשון לציון האבען מיר צווישען אנדערעס אויך בעזוכט די בעריהמטע וויין־קעלערס און פון דארט צוריק געפאהרען קיין תל אביב, אפצופאהרען נאך פתח תקוה.

פתח תקוה.

פתח תקוה איז די ערשטע קאלאניע וואס איז געגרינדעט געווארען אין ארץ ישראל און האט די גרעסטע באפעלקערונג.

אין 1879 האבען ירושלים'ער אידען אנגעפאנגען גרינדען

די קאלאניע, און נאכדעם ווי זיי האבען א גאנץ יאהר געליטען די געוועהנליכע צרות פון זיך באזעצען אויף נים בעארבייט לאנד, האבען זיי פארלאזט די קאלאניע. ערשט מיט 3 יאהר שפעטער איז די קאלאניע ווידער באזעצט געווארען און זיך אנגעהויבען בויען אזוי, אז היינט געפינט זיך דארט ארום 3,000 נפשות, און פארנעהמט א שטח פון 24,000 דונאם לאנד.

דאס שטעדטעל האט כמעט אלע שטאדטישע בעקוועמ־ליכקייטען און לעהר־אנשטאלטען, וואס ווערען אויסגעהאלטען פון ועד החנוך.

דיעזע קאלאניע מאכט א זעלטען גוטען איינדרוק מיט איהרע פראכטפאלע גערטנער פון פאמעראנצען און אתרוגים און פיעלע וויין־גערטנער. דארט האבען אויך די פרידמאן און זיהן זייער גרויסען וויין־קעלער.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען, דאס דעם גאנצען וועג פון תל אביב ביז נאהענט צו פתח תקוה פאהרט זיך גאנץ נישקאשעדיג מיט'ן אויטאמאביל, בלויז אנקומענדיג אין פתח תקוה איז כמעט אונמעגליך צו פאהרען דורכ'ן שטעדטעל צו־ליעב די טיעפע זאמדען, און ווען איהר פרעגט די פתח תקוה'ער בעלי בתים ווארום זיי מאכען נים קיין וועגען, ענטפערען זיי אייך: „גיט אונז א באנק אדער א מארטגיידזש אויף אונזער שטעדטעל, וועלען מיר צאהלען א גוטען פראצענט און מאכען די וועגען.

אונטער פתח תקוה געפינט זיך יעצט די „באסטאן פרוכט גראווערס'', א קאמפאני פון פרוכט־הענדלער, וואס האט זיך געגרינדעט אין באסטאן מיט דעם צוועק צו אימפארטירען ארץ ישראל אראנזשעס. זיי האבען פערקויפט שערם און מיט'ן געלד אויפגעשטעלט א גרויסע פעקינג הויז אונטער פתח תקוה. זיי האבען אויך געבראכט אן עקספערט פון קאליפארניע, אויפצו־שטעלען די מאשינערי, און ווען איך האב באזוכט דאס פעקינג הויז, זיינען די מאשינען שוין געווען אין א צושטאנד, דאס דער אויפזעהער האט מיר געצייגט ווי אזוי זיי ארבייטען.



די פעקינג־הויז פאר פרוכט אין פתח תקוה.
פון דער אמעריקען פרוט־גראָווערס אססאָסיאיישאָן.

ווי אזוי די אראנזשעס ווערען אסארטירט, געוואשען, געטרי־
קענט און געפּאקט, אבער עס איז נאך ניט געווען פארטיג צו
דער ארבייט. די פערוואלטונג האט אויסגעשפּראכען איהר האפ־
נונג, דאס די פאבריק וועט זיין אין פולען גאנג אין דער צייט
ווען די אראנזשען ווערען פארטיג — ארום ענדע תשרי.

די קאלאניסטען לעגען אויך גרויסע האפנונג אויף דיעזער
פּעקינג הויז, און דאס איז דערוויילּ אין ארץ ישראל אנערקענט
אלס די ערשטע פראקטישע ארבייט געטהון אין ארץ ישראל
אום צו העלפען די קאלאניסטען.

אין פתח תקוה זיינען מיר געשטאנען אין מר. גיסינ'ס
האטעל און ווען איהר געהט פון גאס מיט דער אלעע צום הא־
טעל האט זיך דער ארייגאנג ניט צו שעהמען מיט אירגענד
וועלכען שעהנסטען האטעל ערגעץ אין דער שווייץ אדער אין
קארלסבאד.

ביידע זייטען זיינען פארפלאנצט מיט הויכע פאלמען־
בוימער און אָרליאנדעס. ביים פראנט פון האטעל, א גרויסער
פאנטאן מיט פיש, וועלכע שווימען ארום איגוועניג, און היג־
טער דעם האטעל א פראכטפאלער גארטען פון אראנזשעס און
אתרוגים. און טאקי אין דיעזען כרם האב איך דאס ערשטע
מאהל אין מיין לעבען מיט מיינע אייגענע הענד אפגעשניטען
אתרוגים אויף סוכות, ווייל עס איז געווען צווישען ראש השנה
און יום כפור.

און טאקע דארט האב איך אויך באמערקט, ווי דער חורבן
אייראפא האט געשאדעט ארץ ישראל, ווייל עס זיינען בלויז
עטליכע טעג צו סוכות און נאך שטעהען הונדערטער בוימער
פול מיט אתרוגים אין די כרמים און עס איז קיין קונה אויף
זיי נימא. פריהער פלעגט רוסלאנד פוילען און אוקראינע צו־
נעהמען טויזענטער און טויזענטער פון דיעזע אתרוגים און די
ארץ ישראל אידען פלעגען פאר דעם באקומען גוט באצאהלט.

מר. גיסין, דער אייגענטהימער פון דעם האטעל האט גע־
האט דאס אומגליק, וואס זיינער א זוהן איז דער'הרג'עט גע־
ווארען אין 1־טען מאי פאגראם.

איך האָב דאָרט אויך געטראָפען דעם העלד שאַפּירא מיט זיין זוהן, וועלכע האָבען אזוי העלדיש פאַרטיידיגט די קאָלאָניע פּתח תקוה אין מאַי, און כאָטש די צייטונגען האָבען צו יענער צייט כמעט אַלעם געגוי בעריכטעט, קען איך מיך ניט צוריק האַלטען פון ווידמען איין קאַפּיטעל פון דעם „בלוטיגען טאָג", וועגען וועלכען די העלדען אַליין האָבען מיר דערצעהלט.

ווען איהר גיט א קוק אויף דיעזען שאַפּירא, אָדער אויף זיין זוהן, נאָכדעם ווי איהר הערט דערצעהלען וועגען זיי די וואונדער, אַז אַט דער פּאַטער מיט'ן זוהן אַלס פיהרער, און נאָך עטליכע און פערציג פון דער קאָלאָניע, האָבען אָבגע־האַלטען א מאָב פון איבער 6,000 אראַבער פאַר שטונדען לאַנג און וועהרענד עס זיינען דאָרט געפאַלען 4 אידען, זיינען אָבער פאַר דעם געפאַלען 65 אראַבער, און ווען, ווי געזאָגט, איך האָב דערזעהן דיעזע צוויי העלדען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זעה א לעבעדיגע קאָפּיע פון די אַמאָליגע חשמונאים.

און ווירקליך, איהר זעהט פאַר זיך העלדען, אידישע גבורים,, טאַקע אמת'ע גבורים מיט אמת'ע אידישע הערצער, וואָס זיינען בערייט זיך מקריב צו זיין אויף קדוש השם. איהר זעהט דאָס פון זייערע געזיכטער, איהר לעזט דאָס פון זייערע אויגען און א געפיהל פון טרייסט און האָפנונג נעהמט אייך אַרום. איך האָב קוקענדיג אויף זיי פערשטאַנען אַז דער העל־דישער גייסט פון מתתיהו בן יוחנן קען נאָר געשאַפען ווערען אין דעם לאַנד וואו ער האָט זיך געפונען אַמאָל.

און דאָס, ליעבע לעזער, קענט איהר נאָר פיהלען ווי איך, ווען איהר זעהט די לייטע מיט אייערע אייגענע אויגען אויף דעם פּלאַץ וואו די העלדישקייט איז באַוויזען געוואָרען. נאָר דאַן קענט איהר פיהלען וואָס איך האָב געפיהלט בעת איך האָב גערעדט מיט די גבורי ישראל.

48 אראַבער זיינען געשאָסען געוואָרען פון די עטליכע און פערציג פּתח תקוה'ער העלדען מיט די שאַפּירא'ס בראשם, און די אראַבער האָבען געמוזט אָפּטרעטען.

אָבער זיי, די אראַבער, האָבען זיך אָפּגים מישב געווען,

גיסינ׳ס האָטעל „ירקון״ אין פּתח תקוה

אז א מחנה פון 6,000 דאַרף זיך שעהמען אפצוטרעטען פאַר עטליכע און פערציג אידען, און מיט אמאָל האט זיך די חברה אומגעקעהרט נאכאמאל צו באַפאַלען פתח תקוה. דאַ זענען אבער אנגעקומען די עראָפּלײנס פון ירושלים און אנגעהויבען וואַרפען באָמבעס פון אויבען. דאָס האט אנגעמאַכט אַזאַ חורבן צווי־שען די אַראַבער באַנדיטען, אַז זיי זיינען זיך צולאָפען אין אַלע זייטען, און וויפיעל פון זיי עס זיינען געפאַלען ווייסען אפילו די אַראַבער אויך נים, ווייל זייער גאַנצע ארבייט איז דאָן בעשטאַנען נאָר אין כאַפען די טויטע און זיי בעהאַלטען. אַז קיינער זאָל פון זייער שאַנדע נים וויסען. און אפשר ווייסען זיי די צאָהל, אבער זיכער איז עס א גרויסע, א פיעל גרעסערע צאהל ווי די ציימונגען זיינען ערלויבט געוואָרען צו באריכטען; מען ווייסט נאָר אויף אזוי פיעל, אַז מען פרעגט אויף א געוויסען אַראַבער, וואו ער איז, קומט אַן ענטפער, אז ער איז ערגעץ אוועקגעפאָהרען, אבער דער וואָס ענטפערט דאָס, לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און קען גלייך נים קוקען אין פנים. און די אידען ווייסען שוין וואו ער איז געפאָהרען...

די פיער אידישע קדושים זיינען אבשלום גיסין, ה. צ. גרונשטיין, אַרלאָזו און ראַפּאַפּאָרט.

שאַפּירא האָט דערשאָסען דעם אַראַבער, וואָס האט געטראָגען זייער פאָהן, ער האט געליטען א גרויסען שאָדען, מען האט דערשאָסען זיין אַראַביש פערד, וואָס איז געשאַצט געוואָרען אין גרויסע געלד, נאָר ער האט זיין פאָסטען נים פאַרלאָזען ביז ער איז געוועזן זיכער, אַז די אַראַבער וועלען שוין צוריק נים קומען.

מילך איז יעצט שווער צו בעקומען אין פתח תקוה, ווייל אויסער שטאָדט האָבען די אַראַבער פערכאַפּט 800 בהמות, פון וועלכע מען האט בלויז 100 צוריק באַקומען און ביז יעצט זיינען נאָך נימאַ קיינע מעגליכקייטען די אנדערע 700 בהמות צוריק צו באַקומען.

ווען איך האב גערעדט מיט עטליכע פויערים פון פתח תקוה, האָבען זיי פון זייער שטאַנדפּונקט ערקלעהרט אַז דער־

מאי פאגראם האט אויך געבראכט א געווינס, און דאס איז, אז דיעזע אומרוהעו האבען ערוועקט די אידישע הערצער אין פתח תקוה, און וועהרענד פריהער האבען די אידען געהאלטען ארום 10 פראצענט אידישע פועלים און 90 פראצענט אראבער, באשעפטיגען זיי איצט בלויז אידען.

אן אינטערעסאנטען טיפ האב איך אויך געטראפען אין פתח תקוה אין דער פערזאן פון יעקב יוסף גרינבערג, אן אל־טער איד, פון די ערשטע פועלים אין דער קאלאניע, און ער ציינט מיר מיט'ן פינגער אויף יעדער געביידע, וואס ער האט געהאלפען אויסבויען, אבער, זאגט ער, ניטא די אמאליגע צייטען, וואס פועלים האבען נאר געוואלט אויפבויען דאס לאנד, ניט אכטענדיג צי מען האט געהאט גענוג צו עסען אדער נים. אנדערש, זאגט ער, זיינען די היינטיגע חלוצים, מיט יוניאנס, שמוניאנס, און מיטינגען. ווייס איך וואס? צו וואס טויגען די מיטינגען?

—וואס טהוט איהר יעצט? פון וואנען לעבט איהר? — פרעג איך איהם.

—אט אזוי, — ענטפערט ער מיר. מ'קרינט דא א פאר פיאסטער, דארט א פאר פיאסטער און מען קומט אדורך די פאר אלטע יאהרען.

נאטירליך, האט מיך שוין ניט שטארק אינטערעסירט זיין נעגנערשאפט צו די היינטיגע חלוצים...

פון פתח תקוה בין איך צוריקגעפאהרען קיין תל אביב און פון דארט נאך ירושלים, וואו איך בין פארבליבען ביז איבער ראש השנה און דאן וויימער אנגעפאנגען מיין רייזע צו שומרון און גליל התחתון און דער וויכטיגסטער ערשטער בעזוך איז געווען אין „זכרון יעקב".

שכם און זכרון יעקב.

איינגעטליך האבען מיר פון יפו געקענט פאהרען דירעקט מיט׳ן אויטאמאביל קיין חיפה דורך זכרון יעקב. אבער ווען־דיג צוריק קומען אויף ראש השנה קיין ירושלים, זיינען מיר פון תל אביב, יפו צוריקגעפאהרען קיין ירושלים, און דעם ערשטען טאג נאך ראש השנה ווייטער אנגעפאנגען אונזער רייזע מיט׳ן אויטאמאביל און נאכדעם ווי מיר זיינען פארביי־געפאהרען עטליכע קליינע אונוויכטיגע שטעדלאך, זיינען מיר אנגעקומען קיין שכם.

דער שאופער פון אויטאמאביל האט אונז געבעטען זיך ניט אבצושטעלען לאנג אין שכם, ווייל דארט געפינען זיך די פערביסענסטע אראבער און דער צארן קאכט נאך אין זיי פאר זייערע מפלות אינ׳ם מאי אויפשטאנד, ווייל דארט אין שכם זיינען די אויפשטאנדען ארגאניזירט געווארען. און טאקי די שכם׳ער אראבער האבען געליטען די גרעסטע מפלות.

עס איז ווערטה צו בעמערקען, וואס איך האב ערפאהרען פון זיכערע קוועלען וועגען די שכם׳ער פאגראמטשיקעס און זייער מפלה.

נאכדעם ווי זיי זיינען געווען אזוי אונערפאלגרייך אם 2־טען מאי, האבען זיי מיט עטליכע טעג שפעטער ארגאניזירט א דעמאנסטראציע פון עטליכע טויזענד חברה לייט, און פאר־לאנגט פון גאווערנאר פון ירושלים אן ערלויבניס, פאר א דע־מאנסטראציע צו געהן נאך ירושלים. זיי האבען געדענקט דאס מיט דעם גאווערנארס הכשר פון שכם וועט זיי זיין לייכטער דער וועג.

דער גאווערנאר האט זיי די ערלויבניש ניט געוואלט גע־בען, סיידען ער זאל ביי טעלעפאן אנפרעגען בעפאר דעם היי קאמישאנער פון ירושלים. און ווען די חברה האבען ערקלעהרט אז אהן ערלויבניש וועלען זיי סיי ווי געהן נאך ירושלים, האט דער גאווערנאר טעלעגראפירט צום היי־קאמישיאנער די גאנצע

לאגע, און דער קאמישאנער האט געענטפערט, אויב זיי ווילן דווקא גערן זאלן זיי גערן.

און זיי האבן אנגעהויבן זייער „מארש", ביי עטליכע מייל אונטער שכם איז זיי אנטקעגן געקומען א קליינע קאמ־פאני ענגלישע סאלדאטן וואס לאגערן ערגעץ אין דער נאכ־בארשאפט, און פון זיי פערלאנגט אז זיי זאלן זיך צוריק־ציהען. די הוליגאנעס האבן ניט נור ענטזאגט זיך צוריק צו ציהען, נאר האבן אנגעהויבן שיסען אויף דער קאמפאני פון וועלכער אן ענגלישער אפיציער איז דער'הרג'עט געווארען. און עפעס ווי דורך א נס, איז אין עטליכע מינוט ארום אנגעקומען א סקאדראן מיט „לופט־פליהענדע" און אנגעהויבן ארונטער־שליידערן באמבעס אין דער מחנה. די באנדיטען זיינען זיך זאפארט צולאפען, אבער כמעט יעדער איינער האט מיטגע־טראגען אויף זיך א הרוג, און וויפיעל עס איז פון זיי דער'־הרג'עט געווארען ווייסען זיי פיליכט זעלבסט ניט, די אידען אדער די ענגלישע סאלדאטן ווייסען געוויס ניט, עס איז גע־נוג אז די אראבער פון שכם האלטען עס פאר א סוד, און אט אזוי ארום איז זייער „מארש" נאך ירושלים „געבעך" גע־שטערט געווארען און זיך פערוואנדעלט אין אן אייגענעם טוי־טען מארש צוריק נאך שכם.

און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס די שכם'ער אראבער זיינען עפעס „אביסעל" ברוגז אויף אידען, און דער שאופער האט געראטהען זיך דארט נישט אבצושטעלען. איך האב אבער זיך געפיהלט אזוי זיכער אין ארץ ישראל, דאס איך האב דורכאויס פארלאנגט זיך אבצושטעלען פאר א וויילע, און מיר האבן זיך אבגעשטעלט, און דאן אין דעם אויטאמאביל דורכגעפאהרען גאנץ שכם און בעטראכט אלע היסטארישע פלע־צער אין דער שומרונים געגענד.

שכם.

אין שכם (נאבלוס) וואהנען ניט קיין אידען, אויסער א קהלה פון שומרונים, וואס אין צייט פון פאגראם האבען זיי גע'טענה'ט צו די אראבער אז זיי זיינען ניט קיין אידען, און האבען טאקי פון די פאגראמען ניט געליטען. זיי האלטען פון תורה שבכתב, און האבען א ספר תורה וואס זיי יחסנ'ען זיך דאמיט אלס געשריבען נאך פון פנחס בן אלעזר הכהן. לויט ווי די שומרונים און די דארטיגע אראבער זאגען, געפינען זיך דארט די קברים פון אלעזר בן אהרן הכהן און פון זיין זוהן פנחס.

באלד דארט געפינט זיך אויף דער הר גריזים, און לויט די טראדיציאנען, געפינט זיך דארט דאס שטיקעל לאנד וואס יעקב האט געקויפט פון חמור אבי שכם, אביסעל ווייטער זע־ הען זיך די קברים פון הר עיבל, דער קבר פון יוסף הצדיק, און לויט די אראבער זאגען, געפינען זיך דארט אויך די קברים פון 40 אידישע נביאים.

די שטאדט איז זעהר א שעהנע מיט גאנץ שעהנע געביי־ דעס, אבער, מיר האט זיך געדאכט אז אין גאנץ ארץ ישראל האט ניט דאס פלאץ וואו קיין אידען וואהנען ניט, דעם חן פון ארץ ישראל. איך האב אגב געהאט א געוויסע נקמה אין די שכם'ער אראבער, ווייל ניט אכטענדיג וואס קיין איד געפינט זיך דארט ניט, און זיי די דארטיגע אראבער זיינען די גרעסטע פאגראם העצער געגען אידען, מוזען זיי דולדען די העברעאישע אויפשריפט ביים באהן מיט גרויסע אותיות „שכם" און אלע אנדערע רעגיערונגס אויפשריפטען און דאקומענטען אין העברעאיש פונקט ווי אראביש. דאס הפנים געפעהלט זיי זעהר ניט, אבער זיי קענען זיך ניט העלפען. ניט קענענדיג לאנג פארברענגען אין שכם, זיינען מיר אריין צו אן אראבער אין סטאר, ביי איהם געקויפט (גאזות) זאדא וואסער, און אביסעל פרוכטען, און דער אראבער האט זיך פאר אונז פיעלע מאהל געניינגט, ווען מיר האבען עפעס פערלאנגט, און ווען מיר

האבען איהם בעצאהלט, אבוואהל ער האט געוואוסט אז מיר זיינען אידען. און פון דארט זיינען מיר צוגעפאהרען צו דער וואונדערבארער קאלאניע „זכרון יעקב".

אויפ'ן וועג האט אונזער שאופער, וועלענדיג מאכען א קורצען וועג, זיך פארבלאנדזשעט און אנשטאט אנצוקומען קיין זכרון יעקב ארום 6 אוהר אבענד, זיינען מיר אנגעקומען ארום 9 ווען עס איז שוין געווען גוט פינסטער, אבער אריינקומענדיג אין דער קאלאניע, האבען מיר באלד דערפיהלט אז דא זיינען מיר אין דעם וויכטיגסטען פלאץ פון די אידישע קאלאניעס, און מיר האבען זיך מאקי נים גענארט.

זכרון יעקב.

די נאסען אין זכרון יעקב זיינען בייגאכט פינסטער, אבער די ארץ ישראל פינסטערקייט איז גאנץ אנגענעהם, ווייל די שטערען וועלכע איך האב שוין אין מיינע פריהערינע ארטיקלען בעשריבען, גיבען דא צו א געוויסע שיין פון ליכט, נור זכרון יעקב איז גראדע אזוי בעוואקסען מיט בוימער אז איהר זעהט גאנץ שוועך דעם הימעל ביינאכט.

מיר זיינען צוגעפאהרען צום האטעל וואס רופט זיך „גראף האטעל" נאכ'ן נאמען פון בעזיצער, וועלכער איז אויך פאר־א צייט געווען אין אמעריקא, און איז שוין דא צוריק זייט 14 יאהר.

אויף דיעזער רייזע איז מיט מיר געפאהרען מר. אללען, א ניו־יארקער לאיער; הרב מרגליות, וועלכער איז פאר א צייט געווען ראש הישיבה אין מאנטרעאל, און מר. קאדישעוויטש, וואס איז געווען אנגעשטעלט ביי דער קענעדער ציוניסטישער פעדעראציע פאר א צייט.

די לעזער וועלען מיר ענטשולדיגען וואס זכרון יעקב וועט ביי מיר פערנעהמען מעהר פלאץ ווי סיי וועלכע שטאדט אדער קאלאניע אין ארץ ישראל. איך פערזיכער אבער די לעזער דאס אלעס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט וויל דא שטעהען מיר פנים אל פנים מיט פאזיטיווע פאקטען פון דער אמת'ער אי־דישער טהעטיגקייט אין ארץ ישראל סיי עקאנאמיש און סיי קולטורעל.

אין זכרון יעקב שפיגעלט זיך אב גאנץ ארץ ישראל. און מיט גוטער סיסטעמאטישער ארבייט מיט קאפיטאל, קען גאנץ ארץ ישראל פארוואנדעלט ווערען צו עהנליכעס וואס זכרון יעקב איז.

זכרון יעקב איז 170 מעטער העכער פון דעם ים. און ווען איהר שטעלט זיך אוועק אויף דעם הויכען פלאץ אויסער שטאדט, זעהט איהר פאר זיך א הערליך בילד וואס איז אונ־מעגליך מיט דער פעדער צו בעשרייבען.

צו מזרח זייט זעהט איהר די הרי אפרים און צו מערבית דרומית דעם בעריהמטען הר הכרמל., און אין דער פראנט פון אייך, דעם שעהנעם און וואונדערבארען ים התיכון, און כאטשי עס איז א שטרעקע פון ארום 3 מייל, דאכט זיך אייך אז דער ים איז גלייך עטליכע שריט פון אייך, אזוי ריין איז די לופט דארט.

איהר קוקט זיך ארום און זעהט די שעהנע בליהענדע גערטנער און דאס ארטיסטישע געשמאקפולע פערפלאנצונג פון פערשיעדענע פלאנצונגען אין גלייכע ריכטונגען און עס צייגט זיך פאר אייך א הערליכע פאנאראמא פון נאטורס קונסט אויס־געארבייט פון מענשליכע הענד און ווען איהר טראכט נאך דאן אז דאס איז די ארבייט פון אידישע הענד אויפ'ן אידישען באדען, קענט איהר נור בעשליסען אז דא ליגט אן אדער פון גן עדן. די פאנאראמא איז יעדענפאלס אן אפשפיגלונג פון דעם לעגענדארישען גן עדן.

באלד אין אווענד האט אונז אין האטעל בעזוכט מר. אראנזאן מיט זיין פרוי, א ברודער פון דעם בעוואוסטען אג־

ראנאם וואס איז נאך דער מלחמה ארונטער געפאלען פון אן ענגלישער לופט־שיף און דער׳הרג׳עט געווארען. און בעפאר איך וועל נאך אנפאנגען צו רעדען וועגען זכרון יעקב, וועל איך מוזען אבגעבען א קאפיטעל דער בעריהמטער פאמיליע אראנזאן, די יחסנ׳ישע פאמיליע פון ארץ ישראל.

זכרון יעקב און פאמיליע אראנזאן.

די פאמיליע אראנזאן איז פון די פראמינענטסטע פאמי־ליעס אין ארץ ישראל, און יעדער מיטגליעד פון דער פאמיליע האט עפעס א היסטארישע שייכות אין צוזאמענהאנג מיט ארץ ישראל.

איך האב געהאט די עהרע צו בעזוכען דאס הויז פון די אלטע אראנזאנ׳ס און געזעהן די צימערען פון דעם פערשטאר־בענעם אגראנאם אראנזאן, וועמעס טויט איז צו א געוויסען גראד א שטיקעל געהיימניס, כאטש אלע ווייסען אז ער איז ארונטערגעפאלען פון אן ענגלישען אייראפלאן.

עס איז א סברא אז ארץ ישראל איז איבערגעגעבען גע־ווארען אין די הענד פון ענגלאנד דורך אידען פון ארץ ישראל, א טהייל פון זיי פון זכרון יעקב׳ער אידישע יונגע לייט, וועלכע האבען זיך מוסר נפש געווען, דאס ענגלאנד זאל פארנעהמען פאלעסטינא מיט דעם צוועק אז זי זאל עס שפעטער אוועק געבען צו די אידען. און ווען איך זאג אז עס איז א סברא, ווייסען אבער אנדערע אידען אין ארץ ישראל דאס פאר א זיכערען פאקט.

אגראנאם אראנזאן, איז געווען דער יעניגער וואס האט אויסגעפונען דעם אורשפרונג פונ׳ם ערשטען טרוקענעם ווייץ. און געזאלט אנפאנגען א גרויסע ווייץ אגריקולטור. זיין ער־

פינדונג האט אויפגעקאכט די גאנצע אגריקולטורעלע וועלט, און פיעלע לענדער האבען געוואלט ביי איהם אבקויפען די ער־פינדונג. אין דער מיטען האט זיך אונטערגערוקט די מלחמה, און פיעלע אידען פון זכרון יעקב צוזאמען מיט דער פאמיליע אראנזאן זיינען געווען טערקישע אפיצירען. און ווי די מעשה איז דארט געווען, ענגלאנד האט איינגענומען ארץ ישראל אהן בלוט פארגיסונג, דורך דער הילפע פון אידען וואס האבען זיך מוסר נפש געווען פאר ענגלאנד. און פיעלע ארץ ישראל אידען וואס ווייסען פון דיעזע געהיימניסע, זיינען דעריבער זיכער אז ענגלאנד וועט נים ברעכען איהר ווארט צו די אידען, ווייל זי וואלט דאן בעצאהלט מיט שלעכטס פאר גוטעס, און דאס קאן ניט געזאגט ווערען אין בעצוג צו ענגלאנד.

אגראנאם אראנזאן איז נאכהער געשיקט געווארען מיט אן ענגלישער עקספעדיציע אויף אן אייראפלאן, ער איז ארונ־טערגעפאלען און גע׳הרג׳עט געווארען.

זיינע א שוועסטער האבען די טערקען ארעסטירט. מען האט זי געמאטערט מיט די גרעסטע יסורים זי זאל ארויסגעבען די פארשווערער, און זי האט אלע מאטערנישען פאר ליעב גענומען און נים געזאגט א ווארט. ברענענדע אייזענס האט מען איהר געלייגט אויף איהר נאקעטען קערפער צווישען די ארעמס. זי האט געביטען די ליפען פאר יסורים און נים גע־זאגט א ווארט, און ווען מען האט איהר געזאגט דאס מען וועט ברענגען איהר אלטען פאטער און פייניגען אין איהר געגענ־ווארט, האט זי געענטפערט, „איך האב ליעב מיין פאטער, אבער נאך ליעבער האב איך מיין פאלק״.

ווען זי איז פער׳חלש׳ט געווארען פון יסורים, און מען האט געבראכט א טערקישען דאקטאר ער זאל זי דערמונטערען, אום זי ווייטער צו פייניגען, האט דער דאקטאר פאר רחמנות זיך ענטזאגט זי צום לעבען צו ברענגען. דעם דאקטאר האט מען פאר דעם, אויפ׳ן ארט געשאסען, און א צווייטער דאקטאר האט זי צום לעבען געבראכט, און זי האט בלויז ארויסגע־זיפצט, אפשר איז שוין גענוג? לאזט מיך שוין שטארבען.

אין איינעגע מינוט שפּעטער איז איהר ווי דורך א נס אריינ־דערלאַנגט געוואָרען אין געפענגניש א רעוואָלווער, און זי האָט זיך דערשאָסען, און דער סוד איז מיטגעשטאָרבען מיט איהר.

אָט דאָס הייסט אַ מסירת הנפש פון אַ אידישער העלדין, אַ מאָדערנע יהודית, און אַזעלכע טעכטער ווערען פילייכט אויך ערצויגען אַ קליינע צאָהל אין די גלות לענדער, אָבער זייער העלדענטאָט ווערט פאַרווענדעט פאַר אַנדערע אידעאַלען, פאַר אַנדערע פעלקער...

און ווען איך בין געווען אין הויז פון דעם אַלטען אראַנ־זאָן און געזעהן די צימערען פון דעם קרבן דעם אַגראָנאָם, די צימערען פון דער טאָכטער די מאַרטירערין און האָב נאָך דערביי געזעהן נאָך אַ טאָכטער וואָס זיצט אַבגעזונדערט אין אַ צימער און קלאָגט אויף איהר געליעבטען חתן וואָס איז אויך געווען אַ קרבן פון דער זעלביגער מלחמה, אויף אַן עהנליכען שטייגער, און וואָס זי האָט געגעבען אַ נדר ניט מעהר חתונה צו האָבען, האָבען מיך די טרעהרען געשטיקט, אָבער איך האָב דעם פאָטער ניט געוואָלט אַרויסזאָגען קיין טרייסט־וואָרט, אום ניט צו דערוועקען זיינע שמערצען, איך האָב איהם מקנא געווען, און געטראַכט אַז וואויל איז דעם אַלטען טאַטען וואָס האָט די זכיה געהאַט צו ברענגען אַזוי פיעל קרבנות פאַר זיין פאָלק.

דאָרט ביים אַלטען אין גאָרטען, האָבען מיר פאַרזוכט די פרוכט אַנאַנאַס, וואָס רופט זיך דער „קריעם" פון גן עדן, און עס האָט ווירקליך געהאַט דעם טעם פון אַ ניט געוועהנליכער פרי, און מען דעריבער מיט רעכט גערופען ווערען „די סמע־טענע פון גן עדן". איך האָב פון דאָרט אויך מיטגענומען אַ פלאַנצונג וואָס איך האָב געבראַכט קיין מאָנטרעאָל.

באַלד אין אָבענד, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אינ'ם האָ־טעל, האָב איך די עהרע געהאַט בעזוכט צו ווערען פון אַ ברו־דער פון דער בעריהמטער פאַמיליע, און מיט איהם זיין פרוי און קינד, מיר האָבען אַלע פאַרבראַכט ביי אונז אין האָטעל ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט דעם פאַרשפּרעכען מאָרגען פריה

ביי זיי אין הויז אבצושטאטען א וויזיט. איך האב צוגעזאגט אויפצושטעהן 5 אזייגער פריה אום צו קענען זעהן ווען זכרון יעקב שטעהט אויף פון׳ם שלאף.

און ווייל זכרון יעקב איז אזוי וויכטיג, וועל איך אייך געבען אביסעל היסטארישע פאקטען פון דעם וואונדער שטעדטעל.

באראן ראטשילד האט אנגעהויבען בויען דיעזע קאלאניע מיט 40 יאהר צוריק. היינט געפינען זיך דארט ארום 1500 נפשות, בלויז אידען, און אלע מאכען א לעבען בכבוד.

פאר זייערע קאלאניעס האבען זיי ערשט אנגעהויבען צו צאהלען מיט 28 יאהר צוריק, און צאהלען גאנץ קליינע ראטעס צו דער איק״א וועלכע פארוואלטעט יעצט אלע קאלאניעס פון באראן ראטשילד, אבער מען האט מיר דארט ערקלעהרט אז אין זכרון יעקב געפינען זיך יעצט אזעלכע וואהלהאבענדע פאמיליעס וואס זיינען אימשטאנד צו בעצאהלען זייער חוב אין קעש ממש.

אויף די פעלדער און גערטנער ארבייטען 65 פראצענט די איינגעהימער קאלאניסטען און 35 פראצענט חלוצים, וואס קריגען פון 1½ פונט ביז 2 פונט א חודש, מיט עסען, דירה און וועש. און עס איז דא א האפנונג דאס קירצליך וועט דיעזע קאלאניע געברויכען נאך 100 חלוצים, ווייל דער באראן האט דארט אבגעקויפט די ארומיגע זומפען און לאזט זיי אויסטריקענען אום זיי צו פערוואנדלען אין א פרוכטבאר שטיק לאנד און דאצו וועלען נויטיג זיין פיעלע ארבייטער.

די קאלאניסטען באקלאגען זיך אפילו אויף די חלוצים אז זיי האבען ניט קיין זיץ-פלייש, און אין דיעזער הינזיכט האבען זיי פיעלעס אויסצוזעצען אויף די ציוניסטען. ערשטענס וועגען די ארט און ווייזע ווי זיי זארגען, אדער ווי זיי זארגען נים פאר די חלוצים, און צווייטענס, דענקען זיי, די זכרונ׳ער אידען אז ווען דער ועד הצירים וואלט געהאט עטליכע אזעלכע ווי די אידען פון זכרון יעקב אין זייער לייטונג, וואלטען זיי נים געהאט קיין אראבער פראגע, ווייל די דאר־

טיגע אידען וועלכע האבען געוואוסט איבערצונעבען ארץ ישראל צו ענגלאנד, וואלטען געוואוסט בעסער צו האנדלען מיט די אראבער און זיך מיט זיי איינפארשטעהן ווי אייראפעאישע אידען וואס קענען ניט דעם אראבער און פארשטעהען איהם ניט.

און זייענדיג דארט אויפ'ן פלאץ, האב איך געפיהלט אז זיי האבען ביז א געוויסען גראד רעכט מיט זייערע טענות.

יעדער איד פון זכרון יעקב, וועט זיך בעסער ווינשען נאך איין באראן ראטשילד פאר ארץ ישראל אלס 10 ועד הצירים'ס, און באמת האבען די ארץ ישראל אידען ליעב דעם באראן אהבת הנפש, און דער נאמען פון באראן ווערט ניט דערמאהנט אהן א ברכה, ווי למשל, דער באראן לאנג לעבען זאל ער, „השר לאורך ימים יחיה" און מיט א מויל פול מיט זאפט רעדען זיי פון דיעזען „באראן לאנג לעבען זאל ער".

ביז יעצט האבען די קאלאניסטען מעהרסטענס זיך אבגעגעבען מיט וויין, אליוועו, געטריידע און יעצט נעהמען זיי זיך אויך פלאנצען מאנדלען.

זכרון יעקב איז די גובערניע און האט אונטער זיך 45 קליינע אראבישע קאלאניעס.

דער גאווערנאר פון זכרון יעקב איז א זכרון'ער געבוירענער יונגערמאן קופערמאן, און ווען ער האט חתונה געהאט, גראדע מיט צוויי וואכען בעפאר איך ביז דארט געווען, האבען אלע 45 אראבישע קאלאניעס געשיקט קאמיטעס מיט פרעזענטען קיין זכרון יעקב, און האבען דארט געהוליעט פאר דריי טעג ציים.

דאס האבען די זכרון'ער אידען מיר אויך געגעבען אלס בעווייז, ווי זיי וואלטען בעסער דורכגעקומען מיט די אראבער אלס אוסישקין אדער סיי וועלכער אייראפעער. איך האב געהאט די עהרע מיט דיעזען גאווערנאר צו עסען מיטאג צוזאמען ביי אונז אין האטעל און האבווירקליך געהאט פארגעניגען מיט איהם צו פארברענגען עטליכע שעה.

זכרון יעקב האט אלע איינריכטונגען פון א מאדערנער

שטאָדט, אין די הייזער וואַסער לייטונג, באַטה, בעלייכטונג, אַן אייגענעם פּאָכט אָפּיס, טעלעגראַף, טעלעפאָן, און די שטאָדט ווערט געפיהרט פון א ועד המושבה, וואָס ווערט ער־וועהלט יעדען יאָהר.

דער ועד האָט א פיינע געביידע וואו איך בין אויך געווען און בייגעוואָהנט א מיטינג פון ועד העיר, (סיטי האָל). א שטאָדט גאָרטען, א האָספּיטאָל, א טשיעף אָוו פּאָליס, 17 פּאָ־ליסלייט פאָר דער גאַנצער גובערניע, און א רב. (און דאָ דאַרף מען אפילו קיין להבדיל נים זאָגען, ווייל אָלע זיינען גאַנץ גוטע אידען.) אַן אייגענעם קלאָב, א שעהנע שוהל און פיינע סקוהלס, א באַטה, א. אז. וו.

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז ביי מיר געווען, מיר האָבען בעזוכט דעם פּאָליס סטיישאָן און דעם דזשייל, און איך האָב געפרעגט א מיידעל, דעפּיוטי טשיעף אָף פּאָליס, אויב עס גע־פינען זיך עפּעס פאַרברעכער אין תפיסה, האָט זי מיר גע־ענטפערט מיט א שמייכעל, אין א זעהר שעהנעם העברעאיש, כן, אבל לא משלנו. יאָ, אָבער נים פון אונזערע.

און דאָרט זיינען טאַקי געזעסען פערשפּאַרט עטליכע אראַ־בער פאָר פערשיעדענע פאַרברעכענס, און דער פּאָליסמאַן האָט מיך געבעטען אין העברעאיש, אַז ווען איך וועל צוריק פאָה־רען, זאָל איך אויפמונטערען אַמעריקאַנער אידען זיי זאָלען וואָס מעהר קומען זיך באַזעצען אינ׳ם הייליגען לאַנד, און עס העלפען אויפבויען.

צו מאָרגענס גאַנץ פריה, ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען, האָט מר. אראָנזאָן שוין אויף אונז געוואַרט, און ווען מיר זיי־נען שוין פאַרטיג געווען ארויסצולאָזען זיך איבער׳ן שטעדטעל, האָבען אונז די דאָרטיגע אידען געבראַכט פאַר יעדען אַן איי־זעלע צום רייטען, און מיר האָבען זיך אויפגעזעצט אויף די קליינע בהמה׳לעך און זיך געלאָזט איבער׳ן שטאָדט.

דאָס שטעדטעל זכרון יעקב.

וואו נעהמט מען אזא קונסטמאהלער וואָס זאָל קענען שילדערען דעם פריהמאָרגען אין זכרון יעקב! אַרויסקומענדיג אין פראָנט פון האָטעל, דערזעהט איהר פאַר זיך א בילד וואָס פילט אָן אייער הארץ מיט פרייד. איהר זעהט ווי די קאָלאָ־ניסטען פיהרען די בהמות אויף די פעלדער, איינער טראָגט מילך פון די מעלק, דער צווייטער פיהרט די עזלען אויפ'ן פעלד, מסתמא פאר פעלד אַרבייט. דאָס גאַנצע שטעדטעל זעהט אויס ווי אין די אַלטע ביבלישע צייטען, א שטעדטעל פון פאַסטוכער און פעלד אַרבייטער. און עס איז א פערגע־ניגען צו זעהן ווי נעט געקליידעט זיי אַלע געהען זיך ארום ביי דער אַרבייט, אין די ווייסע מלבושים. עס איז אַזש א מחיה נפש, און אזוי האָבען אונז די בעגלייטער אויסגעוויזען דאָס גאַנצע שטעדטעל, די תימונ'ער שכונה, די וויינגערטנער און פעלדער. מיר האָבען דאָן בעזוכט דאָס הויז פון די אַלטע אַראַנזאָנ'ס און דאָן אוועק צום יונגען אַראַנזאָן.

ווען איך האָב געפרעגט, צי די פרויען אַרבייטען פיעל אויף די פעלדער, האָבען זיי מיר געענטפערט, דאָס די מייד־לער העלפען בלויז ביים אַרונטער נעהמען די וויינטרויבען און אוילבירטען, ווייטער פערברענגען די פרויען דעם גאַנצען טאָג אין הויז פאר ווירטשאַפט.

און לאָמיר אייך זאָגען, דאָס אַלע אין ארץ ישראָל, אָהן אויסנאַהם, וואָהנען אונגעוועהנליך ריין און זויבער, עס איז א מחיה נפש אַריינצוקומען צו די קאָלאָניסטען אין הויז אריין.

ביי מר. אַראַנזאָן האָט אונז די פרוי געציינט א טאָג אַר־בייט, ווי זי איז פאַרנומען מיט פאַרבעריטען פאַר'ן הויז, פון אַלערהאַנד איינגעמאַכץ, אַנפאַנגענדיג פון אַליוועס און טרויבען ביז רויזען איינגעמאַכץ, פון וועלכע מיר האָבען טאַקי באַלד טועם געווען, און עס האָט די ווערטה געהאָט צו פאַרזוכען.

דאָן זיינען די צימערען אויפגעפוצט זעהר נעט און מיט

א זעהר שעהנעם נעשמאַק. עטליכע שעה שפּיעלט מען מיט די קינדער פּיאַנאָ, צוגרייטען וועש און עסען און האַלטען דאָס הויז אין אָרדנונג, ווי קען מען נאָך געהן אויפ'ן פעלד? האָט מיך די פרוי געפרעגט.

מיר האָבען דאַן בעזוכט דעם רב'ס הויז, וואָס איז טאַקי אין שכינות ביי מר. אַראַנזאָן. זיך אַרומגעקוקט אין יאַרד וואָס איז פאַרפלאַנצט מיט אַלעם גוטען, דאַן האָט ער אונז געוויזען די שטאַהלען און בעמערקט: עס איז ניט קיין לעגענדע, דאָס די בהמות עסען דאָ באַקסערען. ער האָט מיר געצייגט עטליכע גרויסע קאַסטענס מיט באַקסערען אין שטאַהל פאַרבערייט פאַר די בהמות.

דאַן האָט ער אונז אַרויסגעפיהרט אויפ'ן העכסטען פּלאַץ אין הויף און געוויזען א שטיקעל טאַהל אין הויף פאַרפלאַנצט מיט אייגענע הענד און דאָרט האָבען זיך געפונען פאָלגענדע פלאַנצונגען:

באַקסערן בוימער, אַליווען, מאַנדלען, ליילאַק, מילגרוי־מען, פייגען, עפּעל, באַרנעס, פערשיעדענע בלומען, און דאָס לאַנדשאַפט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז איך זעה עס ער־גענץ אין א פּאַנאָראַמאַ.

דאָס גראָז בלישצעט פון דעם אָבשלאַג פון דער זון, און די שעהנע גערטנער וואָס זעהען זיך פון אויבען מאַכען דאָס בילד זעהר ערהאַבען.

פון דער ווייטען זעהט זיך דער עמק וואו אברהם האָט זיך געשלאָגען מיט די פיער קעניגע. מען זעהט אויך פון דער אַנדער זייט עמק יזרעאל וואו בעדואינער האַלטען זיך אויף, און די קאָלאָניע וואָרט אימער פאַר אַן איבערפאַל פון די בע־דואינער פון דעם אויבערשטען טהייל.

אין עמק יזרעאל האָבען יעצט די ציוניסטען אָבגעקויפט א גרויסע שטרעקע לאַנד, די שעהנסטע לאַנד פאַר אַגריקול־טורעלע צוועקען.

די זכרון'ער אידען צייגען אויך מיט שטאָלץ פונ'ם באַרג אויף די דערבייאיגע קליינע יונגע קאָלאָניעס וואָס זיינען בע־

זעצט מיט די קינדער פון די קאלאניסטען פון זכרון יעקב, און מיט שמאלץ רופען זיי די קליינע ארומיגע נייע קאלאניעס, די קינדער קאלאניעס.

פון דער ווייטענס זעהט איהר אויך א שעהנע געביידע נים ווייט פונ'ם ים ברעג, דאס איז פון באראן אויפגעבויעט געווארען מיט יאהרען צוריק אלס א גלאז פאבריק. עס האט אבער דאן די ארבייט נים געלונגען און דער באראן האט עס אויפגעגעבען. יעצט רעדט זיך שוין ווייטער דאס דער באראן געהט ווידער אנפאנגען די גלאז פאבריק אויף וועלכען די קא־לאניסטען ווארטען מיט גרויס אונגעדולד.

מר. אראנזאן האט מיר אויך ערקלעהרט אז דאס פלאץ וואלט געווען דאס בעסטע אויפצובילדען א סאניטאריום מיט א האטעל וועלכעס וואלט געבראכט פאציענטען פון דער גאנ־צער וועלט און וואלט געקענט טאהן די גרעסטע ביזנעס, און העלפען דעם לאנד, מען דארף אבער דערצו האבען ארום 20 טויזענד פונט, עס הייסט ארום 100 טויזענט דאלאר. און דערוויל איז נאך דאפיר נימא דער אונטערנעהמער מיט'ן קאפיטאל. איך האב איהם פארשפראכען דעריבער צו שריי־בען. און דא האט איהר לעזער מיט געלד, א גוטע געלעגענ־היים צו טהון גרויסע ביזנעס און מאכען פיעל געלד, ביי אינ־וועסטען פריוואט אדער אין קאמפאני די סומע פון 100,000 דאלאר.

איך האב אויך בעזוכט דעם האספיטאל און בלויז איין גוי'אישער פאליסמאן איז דארט געווען א קראנקער, די נויר־סעס און דאקטוירים זיינען אלע אידישע קאלאניסטען פריי־ווילינ.

וואונדערבאר! וועהרענד אין דער לייבערערי האב איך געטראפען בלויז אידען, האב איך אין תפיסה און אין בית חולים געטראפען בלויז אראבער. איהר דענקט מסתמא אז איך טרייב דא עפעס איבער, איך פארזיכער אייך אבער אז איך שרייב נאר דאס וואס איך האב געזעהען.

אין זכרון יעקב געפינען זיך ארום 150 חלוצים, וועלכע

האבען זיך דארט אויפגעשטעלט ביידלעך צום וואהנען, אויף די ערד וואס בעלאנגט צום שטאדט, ניט ווייט פון שטאדט־גארטען.

און ווען איך האב זיך אביסעל אוועקגעזעצט אין וער העיר (סיטי האל), האב איך די קאלאניסטען געשטעלט איי־ניגע וויכטיגע פראגען:

זאגט מיר, למשל, איך וועל אהיים קומען, האב איך גע־פרעגט, און לייטע וועלען מיך פרעגען, ווי למשל, איינער וועט פרעגען, איך האב ארום 10,000 דאלאר, וואס קען איך דערמיט טהון אין ארץ ישראל אום צו קענען מאכען א לעבען, און אלע האבען מיר געענטפערט, אז מיט 10,000 דאלאר קען מען קו־מען אין זכרון יעקב, קויפען לאנד און האבען שעהן פרנסה.

און ווי אברהם האט איינגעטענה'עט ניט ווייט פון דעם זעלבען פלאץ, האב איך ווייטער געפרעגט:

וואס טהוט אזעלכער וואס האט בלויז 5,000 דאלאר?

און מען האט מיר ערקלעהרט:

אז אויב ניט צו זיין קיין קאלאניסט, קען מען זיך בויען א הייזקע, קויפען א קוה און בארגען צו ביסלאך געלד די קרע־מערלעך און קאלאניסטען, קען מען אויך מאכען א פיין לעבען, אדער מען קען מאכען א מילך דייערי בלויז קויפען קיה, הא־דעווען עופות, קען מען אויך מיט אזא סומע מאכען א פיין לעבען.

אדער מען קען אויפבויען א הייזקע, עס פארקויפען און ווידער בויען א הייזקע, און ווייטער פערקויפען, און אזוי ארום האבען פרנסה מיט א קליינע סומע ווי 5,000 דאלאר.

אבער אלע זיינען זיכער, אז מיט א סך געלד קען מען עס דארט שנעל פערדאבלען, און אהנע געלד קען מען אויך מא־כען א לעבען, אבער מען מוז שווער ארבייטען, ווי די חלוצים טהוען עס היינט.

איך האב געשטעלט פערשיעדענע אנדערע פראגען און בעקומען זעהר נוצליכע אנטווארטען, וועלכע איך וועל בע־האנדלען נאכדעם ווי איך וועל פארטיג ווערען מיט מיינע

רייזע ארטיקלען און נעהמען ציהען די בעשליסע פון מיין רייזע וואס מיר דארפען איצט טהון אום אונזער פלאן פאר ארץ ישראל זאל שנעל פערווירקליכט ווערען.

פון זכרון יעקב האט זיך מיר ניט געגלוסט אוועק צו פאהרען, מיר האט זיך גערדאכט אז דאס איז דאס פלאץ וואו איך וואלט געוואלט בלייבען און ווייטער ניט פאהרען.

אבער מיין אויפגאבע איז דערוויל ניט געווען צו געפינען א בעקוועם פלאץ פאר מיר צו וויילען און מיר האבען זיך אבגעזעגענט מיט'ן שטעדטעל און ארויסגעפאהרען קיין חיפה, דער גאנצער וועג קיין חיפה, און אפילו דארט אין חיפה, און היינט שטעהט מיר דאס שטעדטעל זכרון יעקב פאר די אויגען, און פאר קיין לוין אין דער וועלט וואלט איך דעם אנדענקען פון זכרון יעקב נים געוואלט פערגעסען, ווייל נאך יעצט האב איך פערגעניגען ווען איך פערמאך די אויגען און שטעל זיך פאר דאס ליעבע שטילע פרוכטבארע שטעדטעל אלס א טהייל פון אונזער לאנד וואס איז אונז אזוי הייליג און טהייער.

מר. ארנזאן האט אונז בעגלייט א שטיקעל וועג ארויס פון שטאדט אום אונז צו צייגען זיין אליוועז גארטען. מיר האבען דארט אבגעריסען אליוועז און ווייטער געפאהרען קיין חיפה און מיט'ן פנים אלץ צוריק געקוקט אויף דעם ליעבען שטעדטעל מיט די ליעבע גאסטפריינדליכע אידען.

חיפה און דער הר הכרמל.

אויפ'ן וועג פון זכרון יעקב קיין חיפה פאהרט מען שוין עטליכע מייל ווענס הארט ביים ברעג ים, און איהר זעהט ערשט דאן דאס שעהנקייט פון דעם ים התיכון, וואס איז אמאהל גערופען געווארען דער ים הגדול.

אויפ'ן וועג האָבען מיר געטראָפען פיעלע חלוצים אַרבײ־טענדיג אויפ'ן שאָסע האַקענדיג שטיינער, צווישען זיי אויך פרויען חלוצים, און טאַקי קליינע מיידעלעך. נאָר וועהרענד די מענער חלוצים האַקען די שטיינער מיט גרויסע האַמערס, טהוען עס די קליינע מיידלאַך מיט קלענערע האַמערלעך. און גלויבט מיר, אַז דאָס איז נים פון די גרעסטע פערגעניגענס צו שטעהן אויף דער ארץ ישראל היץ און האַקען שטיינער אין מיטען וועג.

איך האָב מיך עטליכע מאָהל אָבגעשטעלט און געוואָלט פערפיהרען א שמועס מיט די חלוצים, אָבער עס איז שווער געוועזן פון זיי עפּעס ארויסצוקריגען. ערשטענס זיינען די מעהרסטע זעהר שטאָלץ און זיי ווילען זיך נים באַקלאָגען, און אַנדערע זיינען טאַקי פערביטערט, איבערהויפּט אויף די אַמע־ריקאַנער טוריסטען, וואָס קומען בלויז אָנקוקען דאָס לאַנד און מעהר זעהט מען זיי נים.

צווישען זכרון יעקב און חיפה האָט אונזער אויטאָמאָביל געקראָגען א „פּאַנקטשור" און מיר האָבען זיך געמוזט אָב־שטעלען ביז ער וועט פאַריכט ווערען. דאָ האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו האָבען א שטיקעל אונטערעדונג מיט איי־ניגע פון די חלוצים.

מיר האָבען ארונטערגענומען א פלאַש וויין וואָס מיר האָ־בען מיט זיך מיטגעפיהרט און קוים ביי זיי געפועלט דאָס צו נעהמען. דאַן האָב איך געפרעגט דעם ערשטען וואָס זיין בע־שעפטיגונג איז געווען אין אוקראַינא און ער האָט מיר מיט א שמייכעל געענטפערט, דאָס ער איז אַן אויסגעשטודירטער עלעקטריק אינזשיניער.

איך בין געבליבען שטעהן אַביסעל פאַרצווייפעלט און אויף איהם נעקוקט מיט א רחמנות פנים און ער האָט מיט דעם זעלבען שמייכעל מיך געטרייסט. נישט קשה, זאָגט ער: אייערע אַמעריקאַנער אידען וועלען זיך דאך אַמאָהל דערמאָה־נען אַז ארץ ישראל דאַרף זיי דאָ מיט זייער קאַפּיטאַל און

אויב זיי וועלען אנהויבען אהער צו קומען וועט זיך מאכען נענוג ארבייט פאר מיין טרייד".

און דאן האט ער מיר אנגעצייגט אנטקעגען איבער דעם וועג, צוויי יונגע לייט וואס טהוען אויך די זעלבע ארבייט און איינער פון זיי, איז אן אויסגעשטודירטער דאקטאר מעדיצין פון רוסלאנד, דער צווייטער איז געווען א באנק דירעקטאר און קאסירער, און א מיידעל וואס האט אויך דורכגעמאכט די רוסישע אוניווערזיטעט.

אט דאס זיינען די קלאסען יונגעלייט און מיידלעך וואס מאכען וועגען פאר די צוקונפטינע ארץ ישראל איינוואהנער.

און איך האב דאן א טראכט געטהון, וועלען כאטש מיר אידען געברויכען דיזע וועגען וואס ווערען פארגעבייט מיט אזא מסירת הנפש פון אונזערע בעסטע עלעמענטען?

איך האב דאן נאכגעפרעגט וועגען זייערע פערדינסטען און עס ווייזט אוים דאס זיי האבען קוים דורכצולעבען די צייט. א נס, וואס מען ברויכט נים אין ארץ ישראל קיינע קאסטבארע מלבושים, און וואהנונגען מאכען זיי זיך פון טענטס, קאסט נים קיין דירה געלד.

די יונגע לייט לעבען מיט האפנונג און האבען מעהר בטחון ווי איך האב געהאט ווען איך האב מיט זיי גערעדט, און האב נור ביי זיך געפרעגט עד מתי? ביז ווי לאנג וועלען מיר ווארטען אויף דער הילפע פון אונזערע רייכע ברידער צו העלפען בויען דאס לאנד פאר וועלכער אונזער פאלק האט שוין אזוי פיעל קרבנות געבראכט?

חיפה.

חיפה איז די נעקסטע גרויסע פארט־שטאדט אין ארץ ישראל, ווייל שוין יעצט האט חיפה אלע בעקוועמליכע פער־

קעהרס מיטלען אויפ'ן וואסער און באהן.

פון די 20,000 נפשות וואס געפינען זיך אין חיפה זיינען 3,000 אידען, ארום 10,000 מוסולמאנער, און ארום 7,000 קריסטען פון פערשיעדענע לענדער און פעלקער.

די שטאדט שטעהט צווישען דעם ים און דעם בעריהמ־טען הר כרמל. די אלטע שטאדט מיט איהרע קרומע און שמאלע געסלאך מאכט ניט דעם בעסטען איינדרוק, וועהרענד די נייע שטאדט, איז פיעל שעהנער און ברייטער, די דייטשע קאלאניע מאכט דעם בעסטען איינדרוק, זי האט שעהנע ברייטע גאַ־סען און שעהנע הייזער מיט גערטנער פון פארענט און דאס דייטשע ריינליכקייט זעהט זיך דא גאנץ בולט.

די אידישע קהלה אין חיפה האט אלע שטאדטישע אינ־סטיטוציאנען. אין אלגעמיין ווען איהר קוקט זיך ארום אין חיפה, זעהט איהר דעם וואסער האפען מעהר ווי די שטאדט; חיפה איז היינט שוין א היבשע האנדעלס שטאדט, אבער זי ווערט ערווארטעט צו זיין די גרעסטע האפען שטאדט אין ארץ ישראל; ווער עס באזעצט זיך היינט אין חיפה און קען דארט האבען פרנסה פאר דערווייל, קען ער האפען פאר פראס־פעריטי אין דער נאהענטער צוקונפט, און איך האב דעריבער בעשלאסען אויך דארט צו קויפען א הונדערט דונאם לאנד פאר קענעדער אידען, ווי איך האב דאס שוין געקויפט ביי תל אביב.

הר הכרמל.

דער הר הכרמל איז דער שעהנסטער בארג אין ארץ ישראל, און איז בעריהמט פון די אלטע צייטען אלס דאס פלאץ וואו אליהו האט מנצח געווען די נביאי הבעל, און פון דרום זייט פון בארג געפינט זיך א פלאץ וואס רופט זיך מקום

התבערה, דאָס פייער פּלאַץ, וואו אליהו האָט געלאָזט פאַרבּרע־נען די קרבּנות וואָס די נביאי הבעל האָבּען עס ניט געקענט מהון.

ווען איהר קומט נור אַרויף צום מיטען באַרג און קוקט אַרונטער, זעהט איהר די שטאָדט חיפה וואָס איז אַרומגעריג־נעלט מיט גערטנער פון אַראַנדזשען, אווילבּירטען און טייטלען.

אויפ׳ן באַרג געפינען זיך זומער וואָהנונגען, און דאָ מוז ווייטער געזאָגט ווערען, דאָס ניט אַכטענדיג וואָס אידען האָבּען פיעלע טויזענדער דונאָם לאַנד אויפ׳ן הר הכרמל, איז דאָך די דייטשע טהייל פון דיעזען וואונדערבּאַרען באַרג די שעהנסטע און בּליהענדסטע. דאָרט געפינט זיך אויך אַ מאָנומענט פאַר קייזער ווילהעלם.

די אורזאַכע וואָס האָט געבּראַכט צו דיעזען מאָנומענט, איז, ווען קייזער ווילהעלם איז דאָרט געוועזען מיט זיין פרוי און האָט זיך גאַרניט געקענט אָפּוואונדערען פון דער שעהנקייט פון דעם באַרג, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי „לאָמיר שנעל אַרונטער געהן פון דיעזען פּלאַץ. עס איז צו בּעצויבּערענד פאַר אונז, און מיר דאַרפען אין זינען האָבּען דאָס מיר מוזען צוריק געהן אין דעם לאַנד וואו איך בּין קעניג!” און דאָרט אויף דיעזען פּלאַץ וואו ער האָט דאָס געזאָגט האָבּען איהם די דייטשען אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט.

אונזער נציב העליון פאַרבּרענגט אויך דעם זומער וואַ־קיישאַן מיט זיין פאַמיליע אויף דיעזען וואונדערבּאַרען באַרג און לעצטענס האָט ער אויך געזאָגט: „אַט דאָ וועט קירצליך זיין אַ גרויסער וועלט־האַפען!”

און אינ׳ם אמת מוז איך מודה זיין, דאָס איך בּין ניט אַרויפגעקומען בּיז׳ן שפּיץ בּאַרג, ווייל זייענדיג נאָהענט צום שפּיץ, האָבּ איך זיך געפיהלט מיעד, און ווען מיינע בּעגלייטער זיינען אַרויף בּיז צום סאַמע שפּיץ, האָבּ איך לאַנגזאַם אָנגע־הויבּען צוריק אַרונטער צו געהן, ווייל איך האָבּ פון דיעזען פּלאַץ אַלעס געזעהן וואָס האָט נאָר געקענט ציהען מיין אויפ־מערקזאַמקייט.

דער „כרמל'' האלט ארום 21 מייל די לענג און ציהט זיך פון חיפה ביז זכרון יעקב, ביי זכרון יעקב פאנגען זיך אן די הרי אפרים, און דער ערשטער איז דער בעל, וואו אונזערע עלטערען זיינען אמאל געשטרויכעלט געווארען מיט דינען די עבודה זרה בעל.

די פאנאראמא איז אן ערהאבענע, איהר זעהט פון וויי־טען דעם ים התכון, נחל קישן און דעם נחל קדימון, און ווען איהר ווייסט דאן דאס איהר שטעהט אויף דעם היסטארישען „הר הכרמל'' און דענקט וועגען דער גוטער צוקונפט, פיהלט איהר זיך דאן זעהר גוט.

ווען איך בין ארונטער פונ'ם בארג האב איך אנגעטרא־פען א מיידעלע און זי געבעטען זי זאל מיך צופיהרען צו דער וויין פירמא „פרידמאן און זוהן'', זי האט מיין בקשה ערפילט און עס איז ווערטה צו געבען די לעזער מיין געשפרעך מיט דעם מיידעלע און דאס וועל איך טהון אין מיין ארטיקעל וועגען די ארץ ישראל קינדער.

טבריה און אומגעגענד.

די רייזע פון חיפה קיין טבריה מיט'ן באהן דויערט דריי און א האלב שטונדען, אבער מיר זיינען געפאהרען מיט אן אויטאמאביל און עס האט געדויערט פיעל לענגער, און מיר האבען דערפאר געהאט דאס פערגעניגען צו פאהרען הארט ביים ברעג פון ים כנרת, און פאהרענדיג בארג ארויף און בארג ארונטער, דרעהט איהר זיך ארום און ארום ווי א שלאנג און ווען איהר פאהרט אב א האלבע שטונדע דערזעהט איהר דאס איהר זענט אויפ'ן זעלבען פלאץ ווי בעפאר, נור מיט דעם

אונטערשיעד דאס פריהער זיים איהר געווען אדער העכער מיט עטליכע מייל אויפ'ן זעלבען פלאץ, אדער, נידעריגער עטליכע מייל אויפ'ן זעלבען פלאץ, און ווען די זון איז שעהן, איז דאס בלויזע פאהרען ארום דיעזע בערג אויך א פארגעניגען.

קומענדיג נאהענטער צו טבריה, דאכט זיך אייך, פון דער הויך, אז טבריה איז עפעס א קליין דערפעלע וואו עטליכע קליינע הייזקעלעך שטעהען הארט ביים ברעג פון דעם ים כנרת און אריינקומענדיג קיין טבריה, זעהט איהר אז דאס שטעדטעל איז ווירקליך קליין, די געסלעך ענג און ניט בעקוועם, יעדענ־פאלס מיר האט עס געדאכט אז איך וואלט קיין חשק ניט געהאט צו בלייבען דארט וואהנען. מיר זיינען צוגעפאהרען צו א האטעל, וואס געפינט זיך אין דעם צענטער פון אידישען קווארטאל, און אפילו דיעזער האטעל האט אויף אונז ניט גע־מאכט דעם בעסטען איינדרוק.

זיצענדיג ביים מיטאג עסען אין דיעזען האטעל, האבען מיר קוים געקראגען געפרעגעלטע פישלעך, ווייל אום צו האבען א גוטען מאהלצייט, מוז מען דעם האטעל קיפער געבען ווע־ניגסטענס פיער שעה נאטיס, און צוואר מיר האבען פון חיפה געלאזט טעלעפאנירען פארצובריימען מיטאג, האט זיי אבער דער מעסעדזש דערגרייכט ווען מיר האבען שוין געהאל־טען ביים אוועקפאהרען פון טבריה, אבער קליינע פישלעך בעי־קומט מען דארט געווענליך, ווייל אפילו קינדער קענען זיי כאפען, אדער פשוט ארויסנעהמען פונ'ם ים כנרת. און אזוי זיצענדיג ביים עסען, האבען מיר פלוצים דערהערט מוזיק אין גאס. ווען מיר האבען געפרעגט וואס די מוזיק בעדייטעט, האט אונז די מרת הבית פון האטעל ערקלעהרט, אז דא קומט פאר א ברית מילה פון א ישמעאל וואס ווערט געמ'לט צו 13 יאהר. מיר זיינען ארויס אויפ'ן גאס און געזעהן פאלגענדעס בילד:

אויף צוויי קעמלעך זיצען צוויי יונגע לייט, וואס פאהרען

ארום די שטאָדט גלייך נאָך דעם ברית מילה. ארום די קעמ־לער זיינען ארומגערינגעלט זייערע פאַמיליעס אין א קאַראַהאָד, און טאַנצען משונה'דיג, מיט פייקלאָך און פייפלאָך. און ביי יעדען קאָרנער פון גאַס וואו די שמחה קומט פאָר, קומען ארויס די שכנים פון דיעזער גאַס, טאַנצען און זינגען לכבוד די ניי געמל'טע, און אזוי ווערט דאָס גאַנצע שטעדטעל ארויס געשלעפּט פון די הייזער, אום צו נעהמען איינטהייל אין דער „שמחה של מצוה" און ערמונטערען די פערוועהטיגטע יונגע טערקלאָך.

צו וואָס די שמחה ווערט פאַראַנשטאַלטעט אזוי בפרהסיא, האָבען מיר דאָרט איינינע ערקלעהרט, איז צו געבען חשק די יונגע טערקען זיך צו לאָזען מל זיין, וויל „ליידער" זיינען שוין פאַראַן אזעלכע אפיקורסים וואָס ווען זיי ווערען אַלט 13 יאָהר האָבען זיי שוין שכל מוחל צו זיין די מצוה פון זייער זיידען ישמעאל, און דעריבער זיינען זיך די עלטערען אָפּט מאַהל מקדים און פראַווען די מצוה בעפאָר דער תכשיט ווערט נאָך אַלט 13 יאָהר, אין דעם דאָבעלען ברית וואָס איך האָב בייגעוואָהנט, איז טאַקי איינער אַלט געווען 13 יאָהר און דער צווייטער בלויז אַכט יאָהר.

זייענדיג אין האָטעל, האָבען אונז בעזוכט איינינע אידען פון דער שטאָדט, צווישען זיי האָט איינער מיטגעבראַכט א אינגעלע פון 13 יאָהר, א פערוואַנדעטער פון הרב מרגליות וואָס איז מיט אונז מיטגעפאָהרען, און אין דיעזען אינגעלע האָט מען געקענט זעהן דעם אמאָליגען אידישען חריף, מיט זיינע גלענצענדע אויגעלעך האָט ער בעפאָר לאָיער אַללען דורכגע־וואָרפען עטליכע שאַרפע סוגיות אין דער גמרא און מפרשים, און ווען ער האָט געקראָגען דעם ריכטיגען ענטפער האָבען זיינע אויגעלעך געפייערט, ווי ביים אמת'ן חריף. מעהר איינ־צעלהייטען וועגען איהם אין דעם אַרטיקעל איבער די קינדער פון ארץ ישראל.

די אידען אין טבריה זעהען אויס מיט זייער גאַנג כמעט עהנליך צו די ארימע אראַבער. כמעט אַלע געהען אָהן שיך,

מיט ווייסע גאָטיעס אַלס הויזען און א ווייסען כאַלאַט. און איהר זעהט אז דאָס אָרימקייט הערשט דאָרט אין יעדען ווינ־קעלע, און דאָך זיינען אַלע צופריעדען מיט זייער לאַגע, אַבי אומשטאַנדע זיין צו לעבען אויף אייגענער ערד און צו קענען זיך פיהרען יעדער אויף זיין שטייגער, איבערהויפּט די רעלי־גיעזע אידען זיינען זעהר צופריעדען וואָס זיי קענען זיצען און לערנען און דאַרפען נים מאַטערען זיך פאַר פּרנסה בכבוד, ווייל דאָס וואָרט כבוד, שפּיעלט דאָרט מסתמא ניט קיין גרויסע ראָלע, דאָס זעהט מען אין זייער קליידונג און אין זייער אָרט לעבען.

טבריה איז אויפגעבויעט געוואָרען אויפ'ן פּלאַץ פון דער אַלטער שטאָדט חמת, דורך הורדוס אנטיפּס און גערופען טבריה נאָך קיסר טבריוס, זי איז אַמאָהל געווען די הויפּט שטאָדט פון גליל מיט א גרויסער געמישטער באַפעלקערונג, און נאָכ'ן חורבן ירושלים איז טבריה געווען דער צענטער פון אידישער קולטור, פאַר תורה און חכמת ישראל.

די סנהדרין און חכמים האָבען זיך דאָרט באַזעצט און האָבען געהאַט א גרויסען בית המדרש מיט פיעלע שוהלען, און טאַקי דאָרט אין טבריה איז פאַרענדיגט געוואָרען די משנה און דער תלמוד ירושלמי. אין 1740 האָט דאָרט ווידער אַנגע־הויבען צו ווערען א אידישער ישוב און היינט באַשטעהט די טבריה'ער בעפעלקערונג פון 8000 נפשות, 6000 פון זיי אי־דען, 1700 מוסולמאַנער און ארום 300 קריסטען, און דער ים כנרת שטעלט צו דער שטאָדט וואַסער צום טרינקען און באָדען זיך און פישלעך צום עסען.

די אידישע געמיינדע בעשטעהט פון ספרדים און אשכנזים. די אשכנזישע קהלה האָט זיך דאָרט געגרינדעט אם ענדע פון 18־טען יאָהר הונדערט, ווען די צפת'ער אשכנזים חסידים האָבען זיך אַנגעהויבען אריינצוקלייבען קיין טבריה.

בעפאָר דער מלחמה האָבען כמעט אַלע טבריה'ר אידען געלעבט פון „חלוקה", היינט געפינען זיך שוין דאָרט פיעלע האַנדוועדקער און קליין הענדלער. אין טבריה געפינען זיך

יעצט פיעלע בתי מדרשים אבער אינטערעסאנט זיינען צוויי אלטע בתי מדרשים, איינער א ספרדי'שער און איינער אן אשכנזי'שער, וואס שטעהען ביידע אויפ'ן קבר פון ר' מאיר בעל הנס.

קבר ר' מאיר בעל הנס.

איך האב בעזוכט דיעזען פלאץ און ווען איהר קומט אריין פון פארענט, קומט איהר ערשטענס אינ'ם בית המדרש פון די ספרדים, און א האלבער קבר פון ר' מאיר בעל הנס געפינט זיך אין דער רעכטער זייט פון בית המדרש מיט א וואנד אבגעטהיילט צום בית המדרש לאשכנזים מיט דעם צווייטען האלבען קבר, און אנטקעגען ציהט זיך א גרויסער האל וואס געהט דורך ביידע בתי מדרשים און דינט יעצט אלס א ישיבה פאר ביידע קהלות.

אין דער צייט וואס איך האב בעזוכט טבריה איז גראדע געווען די ימי חופשה (וואקיישאן טעג), און די בני ישיבה האבען דעריבער נים געלערענט, אבער, די שמשים פון די ביידע בתי מדרשים געפינען זיך אויפ'ן פלאץ ביים קבר פון ר' מאיר בעל הנס, אום אויפצונעהמען די פרעמדע געסט וואס קומען אהער פון איבעראל, נים אזוי צו בעזוכען דאס הייליגע פלאץ פונ'ם קבר פון ר' מאיר בעל הנס, נור צוליעב די מינעראלען וואס רופען זיך חמי טבריה, וואס זיינען טאקי באלד ביים קבר און ביי דער ישיבה.

די שמשים האבען אונז מכבד געווען אנצינדען בוימעל לכבוד נשמת הנפטר און געמאכט מי שברך פאר דער גאנצער פאמיליע, פאר וועלכען זיי קריגען געוויינליך בעצאהלט און נעהמען אויך א נדבה פאר דער ישיבה.

פון צפון זייט פון שטאָדט, ארום 5 מינוט גאַנג, געפינען זיך די קברים פון רמב״ם, רב אמי און ר׳ יוחנן בן זכאי, ר׳ יצחק נפחא, ריש לקיש, און אנדערע תנאים און אמוראים, א פערטעל שטונדע גאַנג ווייטער איז דער קבר פון ר׳ עקיבא, און געהענדיג א האַלבע שטונדע דרום זייט, קומט איהר צום קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס פון וועלכען איך האָב אויבען דער־מאָהנט.

דאָרט אויפ׳ן קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס קומען די טבריה׳ר אידען אַלע ל״ג בעומר, זיי מאַכען דאָרט א יום טוב און זאָגען תפילות.

חמי טבריה.

ווי שוין געזאָגט, געפינען זיך די מינעראַלע בעדער וואָס רופען זיך חמי טבריה האָרט ביים קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס, אָבער די ישיבה מיט׳ן קבר זיינען אויפ׳ן באַרג און די קוואַ־לען געפינען זיך אינ׳ם טהאָל האָרט ביים קבר.

דאָס וואַסער שטראָמט פונ׳ם באַרג דורך פינף פערשיע־דענע קוואַלען, און ענטהאַלט אין זיך שוועבעל, זאַלץ, אייזען, מאַגנעזיע, און נאָך מינעראַלען פון קליינער אונבעוואוסטער וויכטיגקייט. דער שוועבעל גערויך איז זעהר ניט איינגענעהם, אזוי איז אויך דער טעם פון וואַסער ביטער און געזאַלצען. די טעמפּעראַטור פונ׳ם וואַסער איז ארום 150 גראַד, אזוי אַז איהר קענט עס ניט אַנריהרען מיט׳ן האַנד אַז איהר זאָלט זיך ניט אָבריהען.

און וועהרענד די קליינע קוואַלען געהען אוועק לאיבוד און ווערען פערמישט מיט דעם ים כנרת דורך א רינע וואָס ציהט זיך דירעקט צום ים, ווערען די גרויסע קוואַלען פער־



חמי טבריה.

האַלטען אין בעזונדערע באַד צימערען מיט וואַנעס, וואו דאַס וואַסער ווערט אַבגעקיהלט און געבּרויכט צום באַדען זיך, עס ווערט מעהרסטענס געבּרויכט פון רהומאַטיזם לײדענדע.

די באַדע צימערען זײנען אַבגעטהײלט אין דרײ פערשיעדענע הײזלעך, אײנע פאַר'ן פּובליקום וואָס קומען זיך סתם באַדען, דאָרט איז דער קראַוד אימער א גרויסער, און אום צו אויסקיהלען די הײסע מינעראַלען שנעל, בענוצט מען דאַס וואַסער פון ים צו מישען מיט די חמי טבריה. דאַ ווערט גערעכענט א קלײנער פּרײז פאַר'ן באַדען זיך. די צווײטע און דריטע וואָס ווערען גענוצט פאַר לײדענדע, ווערט שוין נעהאַלטען דאַס הײסע מינעראַל וואַסער ביז עס קיהלט זיך אויס, אין דער וואַנע, און דעריבער רעכענט מען שוין דאָרט א גרעסערען פּרײז.

איך האָב זיך דאָרט געוואָלט באַדען, אָבער די וואַנעס זײנען אַלע געווען פאַרנומען און לאַנג וואַרטען האָב איך ניט געקענט, האָבען מיר געמוזט פערלאַזען דאָס פּלאַץ אהן א באַטה אין די בעריהמטע מינעראַלען.

און דאַ איז װײטער פאַראַן א זעלטענע געלעגענהײט פאַר א פּערזאָן אָדער קאָאָפּעראַציע מיט א געװיסען קאַפּיטאַל צו מאַכען א געשעפט פון דיזע מינעראַלען. בעשטעטיגט פון גרויסע דאָקטוירים צו זײן א זעלטענער הײל מיטעל פאַר נערװען ערשיטערונג און רהומאַטיזם.. װען דיזע באַטהס װאָלטען אײנגעריכטעט געװאָרען אויף א סאַניטאַרישען אופן מיט א פײנעם סאַניטאַריום און האָטעל דערבײ, װאָלט עס געבראַכט גוטעס פאַר דעם גאַנצען לאַנד, װײל אויסער דער נוטסקײט פון די מינעראַלען האָט דאָך דאָס פּלאַץ אויך א צוציהונגס קראַפט דורך די פערשיעדענע טראַדיציאָנעלע לעגענדעס.

איך גלויב אז א קאָמפּאַני אָדער א פּריװאַטע פּערזאָן מיט אַרום הונדערט טויזענד דאָלאַר קאַפּיטאַל װאָלט דאָרט געקאָנט אויפשטעלען א װאונדערבאַרען הײל־פּלאַץ און דער

אינוועסטמענט וואלט געבראכט גוטע פראפיטען, ווייל עס וואלט ברענגען טוריסטען פון איבעראל.

נים לאנג צוריק האבען פיעלע אונטערנעהמערס פער־לאנגט א קאנצעסיאן פאר דעם פלאץ פון דעם היי קאמישי־אנער, האט ער זיך אבער ענטזאגט צו געבען, צוליעב דער אורזאכע וואס פיעלע קומען נאך פערשיעדענע קאנצעסיעס, און זעהר זעלטען פיהרען זיי עפעס דורך, ווייל ער זיך מעהר נים מאכען צום נאר.

און ביי דיעזען פאל, פון חמי טבריה, ווייס איך פון זי־כערע קוועלען, דאס ווען מען זאל דעפאזיטען ארום 10,000 דאלאר ביים היי קאמישיאנער אלס גאראנטי דאס מען וועט זיך נעהמען אין א געוויסער צייט צו אויפבויען דאס פלאץ, געוואלט צוריק קומען נאך ירושלים פאר יום כפור און מוצאי יום כפורים אנפאנגען מיין רייזע צוריק אהיים.

פון טבריה זיינען מיר צוריק געפאהרען נאך חיפה, ווייל ליידער האב איך ווייטער נים געקענט פאהרען, איך האב געוואלט צוריק קומען נאך ירושלים פאר יום כפור און מוצאי יום כפורים אנפאנגען מיין רייזע צוריק אהיים.

פון חיפה צוריק נאך תל אביב.

פון חיפה זיינען מיר ארויסגעפאהרען פרייטאג פריה און מיר האבען בלויז אבגעשטינען אין זכרון יעקב פאר מיטאג, און פון דארט האבען מיר געזאלט אנקומען ארום 5 אוהר נאכ־מיטאג קיין תל אביב, וואו עס האבען אונז ערווארטעט פאר שבת מר. קייזערמאן, מר. בארדאקי און אנדערע, אום צו ענ־דיגען די קניה פון די 100 דונאם לאנד וואס איך האב פער־

האנדעלט צו קויפען פאר מאנטרעאלער אידען, און עס איז ווערטה צו בעמערקען א שטיקעל אינצידענט אויפ'ן וועג.

אין א דערפעל האבען אראבער אבגעהאלטען אונזער אוי־טאמאביל, צווישען זיי א פאליסמאן, און פערלאנגט דאס דער שאופער זאל צייגען זיינע לייסענס, און צופעליגערווייזע האט ער ביי זיך די לייסענס ניט געהאט. דער שאופער האט מיט דער פאליציי דיסקוטירט אין אראביש ארום א האלבער שטונדע און דא זעהען מיר שוין אז אויב מיר וועלען נאך אויפגעהאל־טען ווערען אביסעל לענגער וועלען מיר פארשפעטיגען אריינ־צוקומען קיין יפו אדער תל אביב פאר שבת (שבת שובה).

איך האב דאן אנגעהויבען רעדען מיט די אראבער אין ענגליש, און נאך פיעלע ארגומענטען פוןביידע זייטען האבען זיי איינגעוויליגט, דאס מיר זאלען זיי געבען די געלד פאר די לייסענס און ווען דער שאופער וועט פון ירושלים זיי צושיקען א רעסיט פון זיינע לייסענס, וועלען זיי דאס געלד איהם אומ־קעהרען ביי פאסט, און דאן האט מען אונז ערשט געלאזט ווייטער פאהרען.

קוים זיינען מיר נאר אבגעפאהרען ארום א שטונדע צייט, קומען מיר צו א וועג וואו עס ווערט געלעגט טרעקס פאר א נייע שטיקעל באהן וואס זאל געהן דירעקט פון פתח תקוה ביז א סטאנציע וואו די דירעקטע באהן געהט קיין חיפה. דיזע שטיקעל באהן ווערט געבויעט פון דער רעגיערונג פון א לאאן וואס פתח תקוה'ר אידען האבען דאפיר געשאפען און ווי לאנג די רעגיערונג וועט נים צוריק צאהלען דעם חוב, וועט דיזע באהן בעלאנגען צו די פתח תקוה'ר אידען.

אבער וואס איך וויל דא דערצעהלען איז דעם אינצי־דענט וואס איבער דיזע טרעקס זיינען מיר ניט געווען אומ־שטאנדע אריבער צו פאהרען מיט דעם אויטאמאביל, און עס האט פארנומען כמעט צוויי שטונדען בעפאר מיר האבען דעם אויטאמאביל אריבערגעפיהרט די טרעקס און דאס האט אונז נאטירליך געמאכט פארשפעטיגען צו אנקומען אין יפו בעפאר שקיעת החמה.

רבי מרגליות, וואס האט זיך מיט אונז געפונען אויפ'ן אויטאמאביל האט פערלאנגט מיר זאלען ארונטער גיין און בלייבען אויפ'ן פעלד שבת, ווערענד דער שאופער האט ערקלערט דאס עס איז א געפערליך פלאץ, און פארזיכערט אז ער וועט אונז נאך אריינברענגען אויף שבת קיין יפו. און דא האט זיך אונזער רבי'לע צואווינט און באין אופן נישט געוואלט פאהרען ווייטער, ביז מיר האבען עטליכע מייל בעפאר יפו געמוזט ארונטערשטייגען, געלאזט דעם אויטאמאביל אריינפאהרען אין תל אביב, אנזאגען אונזערע פריינד דאס מיר געהען צו פוס, און אזוי זיינען מיר שפעט אין אבענד געקומען צו פוס קיין תל אביב וואו דער עולם האט מיט אונגעדולד אויף אונז געווארט, און פיעלע זיינען אונז אנטקעגען געלאפען אויפ'ן וועג.

דעם שבת שובה אין תל אביב האבען מיר דערפאר זעהר פרעהליך פארבראכט, זונטאג האבען מיר געענדיגט דעם מסחר מיט די 100 דונאם לאנד, געשלאסען א קאנטראקט פאר אן אימפארט און עקספארט קאמפאניע צווישען ארץ ישראל און קאנאדע, דאן געפאהרען פאר יום כפור קיין ירושלים.

יום כפור אין ירושלים.

איך געדענק נאך אין מיינע יונגע יאהרען, די מורא וואס יום כפור ווארפט אן אויף יעדען אידען, און אפילו אין דעם פרייען אמעריקא האט דער יום כפור אויך דעם אנזעהן פון א שטרענג רעליגיעזען יום טוב, א טאג פון משפט, אבער זייענדיג אין ירושלים האב איך דעם טאג מעהר געפיהלט אלס נאציאנאלען יום טוב ווי אלס רעליגיעזען.

מיר האָבען שחרית געדאַווענט ביי דעם כותל המערבי, און איהר פיהלט מאָרגנס גוט וויסענדיג אז אַלע אידישע תפלות זיינען געווענדעט אַט צו דיעזען פּלאַץ ביי וועלכען איהר שטעהט יעצט און דאַווענט. אַלע פּיוטים, אַלע היסטאָרישע ערצעהלונגען פון דעם טאָג יום כפור זיינען אַלץ געווענדעט צו דעם פּלאַץ וואו איהר געפינט זיך יעצט, און ניט אַכטענדיג וואָס איהר זעהט יעצט בעפאַר זיך נור אַ חרוב׳ע וואַנד מיט אַ רייכער מוסולמאַנישער קירכע, וואָס בעלאַנגט נים מעהר צו אייך און איהר זעהט נור אַ צייכען פון אייער אַמאָליגען שטאָלץ און יעצטיגער שפל׳דיגקייט, פיהלט איהר דאָך אַ נאַ־ציאָנאַלען שטאָלץ מיט אייער פערגאַנגענהייט, און דאָס גאַנצע דאַווענען טראָגט מיט זיך מעהר אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, אַזוי מוז מסתמא יעדעס פאָלק שפּירען אין זיינע יום טובים אויף זיין אייגענעם באָדען.

איך מוז דאָ דערמאָהנען אַן אינצידענט וועלכער איז מיר פערבליבען איינגעקריצט אין הארצען אַלס זעלטענע און אַנ־גענעהמע ערינערונג. דאַווענענדיג שחרית ביים כותל מערבי, איז פאַר לייענען צו מיר צוגעקומען איינער פון די מתעסקים און מיך איינגעלאַדען צו זיין דער בעל קריאה, אויב איך קען עס.

צו לייענען יום כפור די תורה ביים כותל מערבי, איז פאַר מיר געווען אַ צו גוטע זאַך, אַז איך זאָל מיך דערפון ענטזאָגען און אַבוואָהל איך האָב שוין פאַר פיעלע יאָהרען דעם בעל קריאה־דושאָב אויפגעגעבען, האָב איך גלייך איינ־געשטימט צו אַקצעפּטירען די איינלאַדונג.

איצט שטעלט אייך פאַר מיין אַנגענעהמע איבעראַשונג, ווען איך האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, אַז דאָס איז צום ערשטען מאָהל אין דער געשיכטע פון כותל מערבי, אַז מען זאָל דאָרטען לייענען די תורה, ווייל אין אַלע פאָריגע יאָהרען פלעגט מען דיירטען בלויז דאַווענען שחרית אָדער מוסף און צום לייענען איז מען געגאַנגען יעדער אין זיין שוהל.

מ י ר איז, הייסט עס, בעשערט געווען צו בייוואָהנען

דעם ערשטען מאהל זייט 2,000 יאָהר וואָס מען האָט געלייענט די תורה ביים כותל מערבי, און צו זיין אליין דער בעל קריאה!

מיר זיינען דאן צו מוסף געגאנגען אין דער שוהל פון חורבת ר' יהודה החסיד, און געפיהלט דעם גאנצען טאָג, בעת דער עבודה און דורכ'ן גאנצען דאווענען, אזוי ווי קינדער פיהלען זיך ביי זייערע עלטערען צו הויז.

און אויב איהר ווילט וויסען דעם טעם פון א יום כפור אין ירושלים וועט איהר עס פון קיין געדרוקטען וואָרט, און אפילו דורך א מינדליכען דערצעהלען נים וויסען. איהר מוזט זיין אויפ'ן פלאַץ, אום איבערלעבען דאָס זעלבע וואָס דער שרייבער פון דיעזען אַרטיקעל האָט איבערגעלעבט.

מוצאי יום כפור, האָט זיך ביי אונז אין האָטעל פאַר־זאמעלט א גרויסער עולם, צווישען וועלכע עס האָבען זיך גע־פונען אַלע מאנטרעאלער אידען וואָס געפינען זיך אין ירושלים, און מיר האָבען שוין געוואכט די גאַנצע נאַכט, וויil פאַרטאָג בין איך אין בעגלייטונג פון אַלע פריינד וואָס איך האָב מיר דאָרט פערשאַפט, אַבגעפאָהרען צום באהן הויף און שטעהענ־דיג אויפ'ן וואַגאָן, ווען דער עולם האָט פון מיר פערלאַנגט איך זאָל עפּעס זאָגען, האָב איך א קוק געגעבען אויף דער אונז ליעבער און הייליגער שטאָדט ירושלים און צום עולם געזאָגט דעם פסוק, „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". די באהן האָט זיך דאן גערירט פונ'ם אָרט און איך בין אַפּגעפאָהרען.

לאַנג, לאַנג, בין איך געשטאַנען ביים פענסטער און נאָכ־געקוקט די הייליגע שטאָדט וועלכע איך פאַרלאָז, אָבער מיט דער האָפנונג אז בקרוב וועל איך זיך אומקעהרען אום זי נים מעהר צו פערלאָזען.

פון ירושלים ביז קוויבעק.

ארויספאָהרענדיג פון ירושלים, האָבען מיך צוויי פרויען געבעטען דורך איינעם פון מיינע בעגלייטער, איך זאָל אַכטונג

געבען אויף זייערע צוויי מעטער, וואס פאהרען מיט דעם זעלבען צוג קיין קאירא, עגיפטען. איך האב דאצו איינגע־ווילינגט און די צוויי פרויליינס זיינען איבערגעגאנגען אין דעם וואגאן וואו איך האב זיך געפונען.

אויפ׳ן וואגאן האב איך זיך אויך געטראפען מיט מר. מאקעל, דער פערוואלטער און גרינדער פון דער קאלאניע באל־פוריא, און פון מיין געשפרעך מיט איהם האב איך אויסגע־פונען איינצעלהייטען פון דיעזער אונטערנעהמונג.

קיינע קאלאניסטען פון אמעריקא זיינען נאך ניט אריי־בערגעקומען, און די אורזאכע דערפון, ווי מר. מאקעל ער־קלעהרט, איז פאלגענדע:

„מיר האבען 7 טויזענד דונאם לאנד פון וועלכען איך האב ביז יעצט געלאזט קולטיווירען 500 דונאם אין 2 יאהר צייט.

פאר דיעזער ארביים האב איך בעשעפטיגט בלויז 15 לייטע פאר 2 יאהר. דאן, דענק איך דיעזען יאהר צו קולטי־ווירען די איבעריגע טהייל און איינארדנען דאס צוטהיילונג פונ׳ם לאנד, פלאנצען פאר יעדען א גארטען פון גרינס און האבען אלעס פארטיג פאר בעזונדערע קאלאניסטען, דאן ווע־לען די אריבערגעקומענע פארשפארען דורכצוגעהן די אלע שבעה מדורי גיהנום און וועלען פארבלייבען קאלאניסטען״.

און לאמיר אייך זאגען, אז דער פלאן איז מיר זעהר גע־פעלען געווארען. ווייל די געדונגענע 15 ארבייטער האבען מעהר אויפגעטהון צו קולטיווירען דאס לאנד ווי סיי וועלכע אמעריקאנער אריבערגעקומענע פאמיליעס וואלטען געקענט אויפטהון אונטער דיעזער צייט.. דערפאר וואלט אבער דער קאסט פון די קאלאניסטען געוועזן דרייפאך אדער פיערפאך גרעסער מיט אויסהאלטען זייערע פאמיליעס און דאס ברענגט דעם רעזולטאט, אז ביז דער קאלאניסט קען ציהען פרנסה פון דער קאלאניע, האט ער שוין אויפגעגעסען א גרויסען טהייל פון זיין קאפיטאל און זיך פיעל אנגעפלאגט, און לוים דיעזען

באלפוריא סיסטעם, קומט דער קאלאניסט מעהר וועניגער צו א פארטיגער זאך.

מר. מאקעל האט מיך פערזיכערט דאס נעקסטען זומער וועט ער שוין אומשטאנדע זיין צו ארדערען די ערשטע גרופע קאלאניסטען צו פארלאזען ניו־יארק און וועט זיי שוין קענען דא איינשטעלען צו פארבלייבען. און אזוי דענקט ער דערוויל אנגעהן מיט ווייטער קויפען לאנד, קולטיווירען עס, און פלאנ־צען א גארטען פאר יעדען, דאן ווייטער ברענגען עטליכע מעמ־בערס פון דער באלפוריא.

צוליעב וואס האב איך אייך דערמאהנט וועגען די צוויי פרייליינס? וועט איהר מסתמא פרעגען. וועל איך אייך ער־קלעהרען, אז דער געשפרעך מיט זיי וועט פאר די לעזער זיין גאנץ אינטערעסאנט.

דיעזע צוויי מיידלעך זיינען ביידע פארוואנדעטע, פון ספרדישע עלטערען, און האבען ביידע בלויז מוטערס, וויל זייערע פאטערס זיינען שוין טויט. איינע פון זיי, איז א סקוהל לעהרעריז, און די צווייטע איז א סטענאגראפעריז ביי דער רעגיערונג אין ירושלים.

זיי ווייזען אויס צו זיין גאנץ אינטעליגענטע מיידלעך, און מיר האבען זיך צושמועסט וועגען דעם לעבען פון די ספרדישע אידען אין ארץ ישראל, און ביידע האבען מיט פער־אכטונג גערעדט וועגען דעם ספרדישען מענער געשלעכט.

„איך וואלט ניט געהייראט קיין ספרד, זאגט מיר איינע, ווען איך זאל וויסען אז איך בלייב מיין גאנצען לעבען ניט פארהייראט”, און דאס זעלבע אויך די צווייטע.

„וואס איז די אורזאכע? פרעג איך זיי, וואס איהר האט אזוי פיינד די ספרדי'שע אידען, פון וועלכע איהר שטאמט אויך”.

און זיי ערקלעהרען מיר, דאס די ספרדים בעהאנדלען זייערע פרויען זעהר ברוטאל, גארניט צו פערגלייכען צו די אשכנזים. „א ספרדי, זאגט מיר איינע, קען זיך ניט לייגען

שלאָפֿען, ביז ער וועט ניט נעמען אַנהרג׳ענען זיין ווייב, עפּעס ווי דאָס וואָלט געווען אַ מצוה מן התורה״.

און איך פֿרעג זיי, ווי איז דאָס מעגליך, זיי זיינען דאָך אַלע גאַנץ רעליגיעז און דאָס איז דאָך דווקא געגען דער תורה צו שלאָגען אַ פֿרוי.

און גאַנץ אינטעליגענט האָט מיר איינע פֿון זיי ער־קלעהרט:

„אונזערע ספֿרדים זיינען אויפֿגעבראַכט געוואָרען צוזוי־שען דיעזע בעלקער וואָס פֿרויען זיינען ביי זיי פֿאַרעכענט ווי שקלאַפֿינס, און נאָך פֿון די אור־אַלטע ציימען האָט זיך דיעזער איבעל ניט געענדערט, און אונזערע ספֿרדים זיינען אין דיע־זען היגזיכט ניט הינטערשטעליג. אַ פֿרוי איז ביי זיי פֿאַרע־כענט דער אונטערטהאַן פֿונ׳ם מאַן. און אַלס אילוסטריישאַן, האָט זי מיר דערצעהלט, ווי זייערע אַ שכנה, אַ ספֿרדית, האָט געוואָלט פֿועל׳ן ביי איהר מאַן אַ קלייד, האָט זי אָנגעשטעלט שכנים זאָלען מיט איהם דעריבער רעדען. דער מאַן האָט זי אָבער נאָכדעם אַזוי געשלאָגען, אַז עס זיינען שוין צוויי יאָהר פֿאַרלאָפֿען פֿון דער ציים, און די אָרימע פֿרוי האָט נאָך מורא צו דערמאָהנען דאָס וואָרט קלייד, ווען זי רעדט אפילו צו איהרע קינדער״.

דאָס האָבען מיר די מיידלעך דערצעהלט וועגען דער בע־האַנדלונג פֿון די מעהרהייט ספֿרדים צו זייערע פֿרויען, און וואָס איך האָב זעלבסט ביינעוואוהנט איז פֿאָלגענדעס:

פֿאָהרענדיג אויפֿ׳ן אויטאָמאָביל אונטערוועגס צו חברון, האָבען מיר געטראָפֿען אַן אַראַבער פֿרוי וואָס האָט אויפֿ׳ן קאָפּ געטראָגען אַ גרויסען קויש מיט גרינס אין שטאָדט אריין צו פֿאַרקויפֿען מסתמא, אין אַ ליילעך פֿון פֿאָרענט און פֿון הינ־טען האָט זי געטראָגען אַ קינד פֿון יעדער זייט און אין איין האַנד אַ גרויסען קרוג, מסתמא פֿאַר אַ טרונק אויפֿ׳ן וועג, און מיט דער צווייטער האַנד האָט זי געפֿיהרט אַן עזעל, אויף וועל־כען דער מאַן איז זיך געזעסען און געררויכערט אַ ליולקע.

לאַיער אַללען פֿון ניו־יאָרק, וואָס איז מיט מיר דאָן צו־

זאמען געפאהרען, האט אויף ענגליש געזידעלט דעם אראבער און האט נאר געוואלט מען זאל אפשטעלען דעם אויטאמאביל און ער וועט ארונטער זיך פייטען מיט'ן אראבער פאר אזא בארבאריי.. אבער דער אראבער האט איהם אנגעקוקט און ניט נעקענט פארשטעהן וועגען וואס דא האנדעלט זיך. עס איז דאכט זיך זיין ווייב, זיין שקלאפין, און ווי קען אנדערש זיין אויב ניט ער זאל זיצען אויפ'ן עזעל און זי זאל עם פיהרען. און ווער דען אז ניט זי זאל טראגען די געפעק?

דאס זעהענדיג האב איך דאן געקענט פארשטעהן, וואס די מיידלעך האבען מיר דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון די ספרדישע אידען, און עס וועט נאך נעהמען א צייט ביז דיעזער איבעל פון האלטען די פרוי אלס שקלאפין וועט דארט בעזייטיגט ווערען.

מיר זיינען ארויסגעפאהרען פון ירושלים גאנץ פריה און ארום 3 אוהר נאכמיטאג האבען מיר זיך שוין געפונען איז דער מדבר, און איך האב דאן געטראכט אז ווען די אידען וואלטען געהאט כאטש אזא מין באהן פארקעהר ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים, וואלטען זיי זיכער ניט געוועז געבליבען 40 יאהר אין דער מדבר.

ארום 10 אוהר מארגענס, דעם נעקסטען טאג זיינען מיר אנגעקומען קיין אלעקסאנדריא, דארט אונטערזוכט מען אייך נאך ערגער ווי ביי דער פוילישער גרענעץ און קוים מיט צרות קומט איהר ארויס פון זייערע הענד מיט'ן באגאזש.

אין אלעקסאנדריא האב איך זיך אויפגעזעצט אויף א שיף און נאך דעם זעלבען טאג אבגעפאהרען קיין טריעסט, איטאליען, און פון דארט ביי באהן נאך פאריז, פון פאריז נאך לאנדאן, ליווערפול, און מיט דער שיף צוריק געקומען קיין קוויבעק. די צוריק רייזע פון ירושלים ביז מאנטרעאל האט מיר ניט מעהר געדויערט ווי 13 טעג, און ווען איך האב דערזעהן מאנטרעאל האב איך ערשט אנגעהויבען בענקען צוריק נאך ארץ ישראל, וועהרענד איך האב דארט פארלאזט א זוניגע ווארעמע לאנד, האב איך דא קיין זון ניט געזעהן פאר עטליכע טעג.

די אידעאלע און פראקטישע זייט פון ארץ ישראל.

נאך די בעשרייבונגען וואס איך האב ביז יעצט איבער־געגעבען, קען דער לעזער האבען א שטיקעל בעגריף פון דער אידעאלער זייט פון ארץ ישראל, און ווען עס האלט ביי אי־דעאל, דאן איז פערשטענדליך, אז נור דיעזע וואס זיינען אויך אזוי געניגט ווי דער שרייבער, וועלען איהם פערשטעהן און פיהלען דאס זעלבע וואס דער שרייבער פיהלט.

צווישען די בעזוכער פון ארץ ישראל, געפינען זיך לעצ־טענס לייטע מיט פערשיעדענע אנשויאונגען און אפילו צו־געבענדיג דאס אלע מיינען גאנץ ערענסט; דאס אלע וואלטען געוואלט זעהן די אידען צוריק קעהרען אין זייער אייגען לאנד און קיינער פון זיי מיינט חלילה ניט צו זיין דירעקט א מרגל, דאך ווען דער בליק אויף זאכען איז ביי יעדען פערשיעדען. קומט זעהר אפט אוים צו הערען ווידערשפרעכענדע בעריכ־טען, כאטש, מיט די אויגען האבען אלע ריכטיג געזעהן, און דאס איז דערפאר, ווייל די ברילען זיינען פערשיעדען.

למשל, איך טרעף א פערזאן, (איך וויל זיין נאמען ניט דערמאהנען.) וועלכער האט באזוכט דאס הייליגע לאנד, איבער־הויפט האט ער פיעל פארבראכט אין ירושלים, דיעזער מאן איז אן אמת'ער גוטער ציוניסט, א חובב ציון אין פולען זינען פון ווארט, און דאך האבען איהם דארט זיינע אויגען אבגענארט. למשל, ער דערצעהלט מיר, דאס ער האט געזעהן שמוציגע אראבער, ארימע אידען, וויסטע מדבריות, אלעס איז לויט זיינע אנזיכטען, דארט קראנק און שמוציג, עקסטרים ארמא־דאקס און עקסטרים פריי, הכלל עס טויג ניט. .

איך קען דעם מאן פאר א הייסען חובב ציון, און איך פרעג איהם, ניט איהר צו אז ירושלים איז אונזער הייליגע שטאדט, ארץ ישראל אונזער מוטער לאנד?

—געוויס גיב איך צו, ענטפערט ער מיר, אבער, אלעס איז דארט אזוי שמוציג און קראנק.

—אנו, פרעג איך איהם, וואס דענקט איהר פון א קינד וואס פערראכטעט זיין מוטער ווען זי איז קראנק און שוואך? אויב מיר זיינען אמת'ע גוטע קינדער, איז עס יעצט אונזער היילינער חוב צו שיקען דאקטוירים מיט הילפע צו היילען אונזער קראנקער מוטער, צו געבען איהר די בעסטע פלעגע, זי אויסקליידען און מאכען פון איהר וואס אן ארענטליך גוט קינד דארף מהון פאר זיין מוטער.

דער אלטער הובב ציון, קוקט אויף מיר, און זאגט דאן: „גערעכט! מען מוז זיך מאקי נעהמען אויפלעבען די אלטע מרייע מאמע, זי ארומוואשען, ארומריינינען און איהר נעבען די נויטינע שטיצע!”

אט דאס איז, נאך מיינע אנזיכטען א גוטער ארגומענט פאר א חובב ציון וואס זעהט ליידער די דונקעלע זייט, און וועמעס אידעאל ווערט אבגעשוואכט צוליעב זיין שלעכטען חוש הראיה...

דער אמת איז, דאס אזא פערזאן און עהנליכע האבען ביז יעצט אויך נים געהאט דעם ריכטינען בעגריעף פון דעם אידעאלען ארץ ישראל, איך בין נים זיכער אויב מיין בעגריעף איז שוין גאר דער ריכטינער, אבער, איך האב אלעס געזעהען אין גאר אן אנדער ליכט ווי פיעלע.

למשל, ביי מיר קומט אוים, נאך מיין בעזוך אין ארץ ישראל, אז די אידען וואס געפינען זיך דארט יעצט זיינען די גליקליכסטע, פרייעסטע אידען אין דער וועלט. איך האב זיי דארט פשוט מקנא געווען און אונטער דער צייט וואס איך האב מיך דארט געפונען, האב איך זיך געפיהלט, ווי א פרייער מענש דארף זיך פיהלען אין זיין איינען לאנד.

און אויב איהר וועט מיר וועלען זאגען, דאס עס געפינען זיך דאך פיעלע אידען וואס זיינען אונגליקליך אין זייער איי־נען לאנד, אין ארץ ישראל, וועל איך בלויז ענטפערען, אז זיי קענען מאקי ליידען מעהר פאר אלעמען אין דער וועלט, אבער דעם קינדס צרות זיינען אימער לייכטער ווען ער געפינט זיך ביי זיינע עלטערען אין הויז, און ווען איז דעם יענינען וואס

איז איבעראל א גר, איבעראל טרעט ער ניט אויף זיין איינע־נעם באדען. און אויב איהר וועט מיר זאגען אז ארץ ישראל איז אויך נאך ניט אונזערס, וועל איך ענטפערען, פאהרט קיין ארץ ישראל און בעטרעט נור דארט דעם באדען, און איהר וועט מסתמא שוין דענקען אנדערש.

ווען איהר בעזוכט אונזערע הייליגע אלטע מקומות אינ'ם הייליגען לאנד, און ווען איהר האט נור וועלכען נאציאנאלען געפיהל, ווערט איהר ביי זיך שטאלצער, איהר הויבט אויף דעם קאפ, איהר זעהט די הערליכע זון וואס שיינט איבער אייך און איהר ניט א טראכט ניט ווענדיג, אך! ווי שעהן שיינט די זון אין **אונזער** לאנד, און דער צווייטער געדאנק קומט שוין ממילא, אך! ווי גוט איז דעם פאלק וואס האט אן אייגען לאנד. דאמאלס פערגעסט איהר, אז מאנכע וועלכע זיצען אויפ'ן אייגענעם באדען ליידען אויך, אדער אז דאס לאנד איז נאך ניט אונזערס, ווייל איהר זעהט בלויז אונזערס, כאטש זרים מושלים בו, אנדערע רעגיערען דעריבער. איך בין זייענדיג דארט געוועזען איבערצייגט, דאס אויב מיר וועלען דארט זיין, וועט אלעס אונזערס זיין, און אויב מיר בלייבען דא, ווערט דארט אלעס פארפרעמדט. עס איז אונזער שולד וואס פרעמדע געוועלטיגען דעריבער, בשעת מיר געפינען זיך דארט נים. און אויב מיר זיינען דארט נאך ניטא, איז עס א סימן, אז מיר זיינען שוין אזוי פערטהון אינ'ם גלות, אזוי פארפרעמדט פון אונזער היים, אז נור א משה קען אונז פון גלות־שלאף אויפוועקען און עס שטעלט זיך די פראגע, התחיינה העצמות האלה? וועלען די פארטריקענטע ביינער נאך א מאהל לעבעדיג ווערען? וועט דער נאציאנאלער שטאלץ פונ'ם אידישען פאלק נאך געבראכט ווערען צום לעבען?

ארץ ישראל איז אן אידעאלעס לאנד, ארץ ישראל איז א קולטורעלעס לאנד. אין וועלכען לאנד טרעפט איהר אזוי פיעל שוהלען ווי אין ארץ ישראל? אין וועלכען לאנד טרעפט איהר אזוי פיעל ישיבות און אנדערע לעהר אנשטאלטען ווי אין ארץ ישראל? נים אומזיסט איז די ערווארטונג און האפ־

נונג פון דער גאַנצער וועלט צו זעהן אַז „מציון תצא תורה ודבר ד' מירושלים", פון ציון זאָל קומען דאָס וואָרט פון גע־לעהרזאַמקייט און דאָס געטליכע וואָרט פון ירושלים.

און דאָ וויל איך בלויז אַ קליינע בעמערקונג מאַכען, וואָס לויט מיין מיינונג איז עס ווערטה צו נעהמען אין אַכט.

עס איז מעגליך ענטוישט צו ווערען אין ארץ ישראל, ווען איהר שטעלט זיך פאַר איבער גאַטירליכעס. און גראַדע ווי דיעזע וואָס אונטערשעצען ארץ ישראל טהוען אַ שאַדען צום לאַנד, טהוען עס אויך די איבערשעצער, און פיליכט נאָך אַ גרעסערען שאַדען.

אין ארץ ישראל פעהלט נאָך אַלעס, און צוריק געשטועסט איז דאָרט פאַרהאַנען אַלעס, אָדער פּלאַץ אַלעס צו שאַפען. עס איז אמת, דאָס אין פיעלע שטעדט, און אפילו אין אַלטען ירושלים, געפינען זיך ענגע שמוציגע גאַסען מיט שמוציגע אַראַבער, אָבער ווער הייסט אונז זיך בעזעצען אין דיעזע גע־גענדען, וועהרענד די נייע ירושלים איז פיעל בעקוועמער, ווען די קאָלאָניעס זיינען אַ מוסטער פון שעהנקייט און דאָס שטעדט־טעל תל אביב האָט זיך נים צו שעהמען מיט אַ פאַרשטעדטעל פון פאַריז אָדער בערלין. איבער אַלעס ווייסט, און פער־שטעהט, אַז ארץ ישראל איז נאָך נים אויפגעבויעט געוואָרען און וואָרט אויף אונז צו קומען עס בויען, קומט, וועט איהר בויען נאָך אייער געשמאַק.

אָבער, צו איהר זייט צופריעדען מיט ארץ ישראל פון אַן אידעאַליסטישען שטאַנדפּונקט צי נים, איז ווינשענסווערטה צו בעטראַכטען ארץ ישראל אויך פון פּראַקטישען שטאַנד־פּונקט, און וואָס אַנבעלאַנגט די פּראַקטישע זייט פון ארץ ישראל איז ווערטה צו בעמערקען, דאָס ארץ ישראל האָט אַלע בעסטע מעגליכקייטען פאַר אַמביציעזע פעהיגע מענשען.

דאָס לאַנד איז ביז יעצט געבליבען וויסט, און אונטער דער צייט פון טערקיי'ס הערשאַפט איז אינדוסטריעלע ענט־וויקלונג געווען אַן אונמעגליכקייט.

ערשטענס איז די כאַבאַר סיסטעם דאָרטען געווען די ערגסטע אין דער וועלט, קיין אונטערנעהמונג איז ניט מעגליך געווען אָהן גרויסען כאַבאַר (באַקשיש) אויסטהיילונגען. און אויסער דעם האָט די טערקישע רעגיערונג עפּעס געהאַט אַ געפיהל דאָס עס לוינט איהר ניט צו לאָזען אויפבויען פּאַ־לעסטינאַ, און האָט דעריבער געלעגט שטערונגען אין יעדער אונטערנעהמונג. אַזוי למשל, האָבען די איינוואָהנער פון אַ געוויסען פּלאַץ פּאַר קיין פאַל ניט געקענט קריגען קיין ער־לויבניש אויפצובויען אַ קליין שטיקעל בריק אויף אַ פּלאַץ וואָס האָט געקענט די דאָרטיגע איינוואָהנער שפּאָרען שטונ־דען גאַנג יעדען טאָג פון איין פּלאַץ צום אַנדערען, אַרום אַ לאַנגען שמאָלען טייכעל.

און אַזוי האָט די רעגיערונג, אָדער די פאַרטרעטער פון דער טערקישער רעגיערונג אין פּאַלעסטינאַ, געשטערט יעדע קאָמערציעלע אָדער אינדוסטריעלע ענטוויקלונג אין דיעזען לאַנד, פאַר אורזאַכען וואָס זיינען לייכט צו פערשטעהן, און נעמליך:

די טערקישע רעגיערונג האָט ערשטענס געוואוסט, אַז אַלע רעגיערונגען פון דער גאַנצער וועלט האָבען שטאַרק חשק צו ווערען די בעלי בתים איבער דער היסטאָרישער פּאַלעס־טינאַ, און ווען דאָס לאַנד וואָלט אויסגעזעהען לאָמיר זאָגען ווי בעלגיום אָדער אַן עהנליך ענטוויקעלטע לאַנד, וואָלט מען זיך שוין לאַנג דעריבער געשלאָגען און טאַקי עס צונעהמען פון טערקיי, ווערהענד פאַר אַ וויסטער חרוב'ער לאַנד האָט זיך קיינעם ניט געלוינט צו שלאָגען, און צווייטענס האָבען בעאַמטע אין פּאַלעסטינאַ געקראָגען זעהר קליינע געהאַלטען און האָבען מעהרסטענטהם געלעבט פון כאַבאַר, טאַקי מיט דעם וויסען פון דער טערקישער רעגיערונג.

דאָס אַלעס בעטראַכטענדיג, וועט ניט זיין קיין וואונדער וואָס פּאַלעסטינאַ איז געבליבען אַ חרוב'ע, מיט דער אויס־נאַהמע פון עטליכע בליהענדע קאָלאָניעס וואָס די מעהרסטע בעלאַנגען צו אידען.

זיים דער באלפאר דעקלאראציע, האט דאס לאנד זיך אנ־געהויבען אויפצואוועקען פונ׳ם שלאף. דער שטראם אידען וואס קומט אהין, און די ביסעל טהעטיגקייט פון דער ציוניס־טישער ארגאניזאציע, האט פאלעסטינא געמאכט פאר פאָ־פולער; נים נור רעדט יעדער איד איבער ארץ ישראל, נור אפילו אונזערע קריסטליכע פריינד אדער אפילו פיינד, ווייסען שוין אז דאס לאנד ערוואַרטעט א נייע אויפלעבונג און אז אט אט, וועט זיך אנפאנגען א לעבעדיגע טהעטיגקייט אינ׳ם לאנד. און דא קומט מען באלד צו דער ערשטער פראגע, דאס איז די פראקטישע פראגע, וועט זיך פון פינאנציעלען שטאנדפונקט לויענען צו אינוועסטען געלד אין פאלעסטינא?

און מיין אנטוואָרט צו דעם איז, אז ניט נור וועט זיך עס לויענען, נור גרויסע אינוועסטמענטס אין פאלעסטינא זיי־נען היינט די זיכערסטע און צו א געוויסען גראד די בעסט־בעצאהלענדע.

און ווען איך זאג גרויסע אינוועסטמענטס, איז עס דע־ריבער, ווייל קליינע אינוועסטערס וועלען האבען גרויסע שווע־ריגקייטען עפעס צו טהון בעפאר די גרויסע אינוועסטערס וועלען זיי געבען די געלעגענהייט דערצו.

אום צו מאכען דיעזע ערקלעהרונג מעהר דייטליכער, מוז איך שטארק אונטערצייכנען דעם פאקט, אז ווער עס קומט למשל מיט א קאפיטאל פון 10 אדער 20 טויזענד דאלאר, ליידעט ער פון די צוויי הויפט שוועריגקייטען, ערשטענס, ער קריגט נים קיין הויז צו וואהנען אדער קיין פעקטארי אדער סטאר צו דינגען, און דאס צווייטע, האט ער ניט די באנק בעקוועמליכקייטען וואס א קליינע אדער מיטעלע געשעפטס־אונטערנעהמונג קריעגט אין אנדערע לענדער.

אזוי למשל, האב איך דארט געטראפען א לאדז׳ער פאב־ריקאנט וואס האט אהין געבראכט פאר ארום 20 טויזענד דא־לאר מאשינעריע פאר טוך־פאבריקאציע און האט דארט נים געקענט קריגען די ערשטע הלואה פון עטליכע טויזענד דאלאר צו נעהמען זיך צו דער ארבייט.

און ווען איך רעד פון דער טוד־אינדוסטריע, וועל איך אויפ'ן פלאץ באמערקען דאס ווייל שעפסען האדעווען איז אן אלטע פאלעסטינער אינדוסטריע, (רועי צאן עבדיך) און די וואל ווערט עקספארטירט אין אנדערע לענדער, איז עס גאנץ פערשטענדליך דאס א טעקסטיל אינדוסטריע וואלט דארט אין אנפאנג אויך ניט געמאכט שלעכט אבער מיט דער צייט וואלט עס זיין א גלענצענדע אינדוסטריע, און ברענגען גרויסע פראפיטען פאר די אונטערנעהמער און ארבייטער.

איך וועל נאך וועגען דעם שרייבען מעהר איינצעלהייטען אין דעם ארטיקעל איבער די מעגליכקייטען פון פערשיעדענע אינדוסטריעס אין ארץ ישראל. דערווייל קעהר איך מיך צוריק צו די שוועריגקייטען פון אלע קליינע אינדוסטריעס איבער די דערמאהנטע צוויי אורזאכען, מאנגעל אין הייזער און באנק געשעפטען.

די פראקטישע זייט פון ארץ ישראל.

ניט אכטענדיג, וואס אין מיין ווייטערען שרייבען וועל איך אנווייזען אויף געוויסע אינדוסטריעלע אדער אגריקולטורעלע מעגליכקייטען פאר לייטע וואס קומען אהין מיט קליינע קאפיטאלען פון למשל צעהן טויזענד דאלאר, אביסעל מעהר אדער וועניגער, וועל איך אבער דא אויפ'ן ארט פעסטשטעלען, דאס פאר דיעזע קליינע אינוועסטארס איז ניטא פיעל פלאץ אין ארץ ישראל, אויב די ערשטע צוויי גרויסע אינוועסטארס וועלען ניט אנפאנגען זייער טהעטיגקייט, און דאס איז באנק געשעפטען און הייזער בויען.

און ווי שוין געזאגט, פאנגט זיך אן די ערשטע שוועריגקייט פאר א פערזאן מיט וועניג קאפיטאל, וואו בעקומט מען א הויז צו וואהנען?

די צוגעקומענע אייגנוואַנדערונג איז פיעל גרעסער אַלס די צאַהל הייזער וואָס ווערן געבויעט, און דאָס צאַהלען פון אַ יאָהר רענט אין פאָראויס, ווען מען קריגט שוין אַ הויז, איז אויך איינס פון די גרעסטע איבלען, ווייל רענט קאָסט יעצט אין ארץ ישראל זעהר טהייער, און ווען אַ פאַמיליע מיט אַ קליין קאַפּיטאַל קומט אהין דאַרף זי זיך ארומדרעהען אַ שטיקעל צייט ביז זי קריגט אַ הויז צו וואָהנען, און ווען זי קריגט שוין יאַ אַ הויז און מוז באַצאַהלען פאַר אַ יאָהר דירה געלד אין פאָראויס, ווערט דער קאַפּיטאַל פארקלענערט אויף אַ דריטעל אָדער פיערטעל, און ממילא ווערען דער קוראַזש און מוטה אויך פארקלענערט, ווייל די ביזנעס וואַרטען דאָרט נאָך נים אויף די קליינע אינוועסטאָרס. און ווען דיעזע לייטע, נאָכ־דעם וואָס זיי פערלירען אַ פיערטעל אָדער אַ העלפט פון זייער קאַפּיטאַל בעשליסען צו פארלאָזען דאָס לאַנד און קומען צו־ריק צו זייער פריהעריגער היים, שאַדען זיי דאַמיט מעהר דעם אויפבויען פון ארץ ישראל ווי אַלע אונזערע געגנער קענען אונז שאַדען.

און ווי שוין געזאָגט, גיבען אויסנאַהמען פון אַזעלכע וואָס קומען אהין מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, אָדער אפילו גאָר אָהן קאַפּיטאַל, און געפינען באַלד וואָס צו טהון און ווערען תושבים דאָרט, אָבער דאָס זענען נור אויסנאַהמס פעלע, וועהרענד ווען גרויס קאַפּיטאַל זאָל יעצט מאַכען דיעזע צוויי ערשטע פינאַנ־ציעלע אונטערנעהמונגען און איינאָרדנען עטליכע גוטע באַנק געשעפטען, וואָלטען זיי געקענט ציהען גרויסע דיווידענטען פון זייער קאַפּיטאַל און וואָלטען מיט דעם געהאָלפען אויפ־בויען דאָס לאַנד.

דער צווייטער גוט צאַהלענדער גרויסער אינוועסטמענט, איז בויען הייזער. דאָס אויפבויען פון פיעלע הייזער אין ארץ ישראל וואָלט און וועט ברענגען גוטע פּראָפיטען פאַר די אונ־טערנעהמער, און וועט פערלייכטערען דעם אַלגעמיינעם צו־שטאַנד, ארונטערנעהמען דעם איבעל פון צאַהלען פאַר אַ יאָהר פאָראויס, און העלפען די וואָס קומען אהין מיט קליין קאַפּי־

מאל. קריגען א נעסט וואו זיך צו בעזעצען, און מיט די באנק בעקוועמליכקייטען, וועט זיין לייכט צו טהון געשעפט מיט קלענערע קאפיטאלען. עס וועט בעשאפען ווערען א גרעסערע אדער גרויסע אינדוסטריע און וועט אויך העלפען מיט קליינע קאפיטאלען צו בילדען א הויז פאר זיך, אדער אפילו בויען צום פארקויפען, אויב עס וועט מעגליך זיין צו קריגען א מארטגיידזש פון א באנק.

און טאקי דעריבער, ווערט יעדע ערנסטע אונטערנעהמונג פון א באנק אין ארץ ישראל אדער א הייזער בוי אונטערנעהמונג אזוי שטארק בעגריסט דארטען ווייל נור איינוואהנער פון ארץ ישראל ווייסען די לאגע אזוי קלאהר.

עס איז אמת דאס די ציוניסטען האבען אין זייער פראגראם אויך באנק בעקוועמליכקייטען און הייזער בויען, אבער עס איז דאך לעבערליך צו ערווארטען דאס פון אזעלכע קליינע סומען ווי דער קרן היסוד קאלעקטירט יעצט איין, זאלען זיי אומשטאנדע זיין אויסצוהאלטען די אלע ציוניסטישע אפיסעס פון חוץ לארץ און אין ארץ ישראל, אויסהאלטען די בילדונגס אנשטאלטען, קויפען לאנד פאר חלוצים און זיי העלפען די ערשטע צייטען, און נאך און נאך נויטווענדיגקייטען, און דאן נאך אומשטאנדע זיין צו שאפען באנק בעקוועמליכקייטען און בויען די הייזער וואס זיינען נויטיג פאר דער דארטיגער יעצטיגער באפעלקערונג און פארבארייטען פאר די נייע איינוואנדערער, הייזער.

און ווען איך זאג, פארבארייטען פאר די איינוואנדערער, איז ביי מיר א זיכערער פאקט, דאס וואס מעהר הייזער מיר וועלען האבען אויפגעבויעט אין ארץ ישראל, מעהר אידען וועלען דארט פערבלייבען פון די וואס קומען אהין אויסזעהן דאס לאנד, און וואס מעהר באנק בעקוועמליכקייטען, אלץ מעהר וועט אנפאנגען אויפלעבען די לאנד אינדוסטריע, און פאלעסטינא האט אלע מעגליכקייטען פאר א גרויסער אינדוסטריע אויב נור די צוויי שווערינקייטען וועלען בעזייטיגט ווערען.

דער היי קאמישיאנער פון ארץ ישראל און די אראבער.

איך האב מיך פיעל אנגעהערט וועגען דעם היי קאמישי־אנער סיר הערבערט סעמועלס נאך בעפאר איך בין געקומען קיין ארץ ישראל.

און ווען איך זאג פיעל אנגעהערט, איז עס גיט סתם געהערט פון פערזאנען וואס זיינען ניט בעקאנט אין סיר הער־בערט'ס פאליטישע אנזיכטען איבער ארץ ישראל, נאר פון אזעלכע וואס זיינען אויך פעראינטערעסירט נאהענט אין דיע־זער פאליטיק, נעמליך פון לייטענדע גייסטער אינ'ם ציוניזם.

זייענדיג איינער פון דער פאליטישער קאמיסיע ביים לעצ־טען ציוניסטישען קאנגרעס אין קארלסבאד, האב איך געהאט די געלעגענהייט צו הערען פערשיעדענע מיינונגען איבער די פאליטישע האנדלונגען פון סיר הערבערט סעמועלס און זיינע בעציהונגען צו דעם מאנדאט, אויך זיין אנזיכט איבער דער אראבער פראגע. און ווען איך בין געקומען קיין ארץ ישראל האב איך שוין געהאט א שטיקעל בעגריעף וועגען דער הויכער פערזענליכקייט פון דעם היי קאמישיאנער, אבער דאך האב איך אין ארץ ישראל,איבערהויפט זעהענדיג איהם פערזענליך, קלאהרער געקענט פארשטעהן איהם.

איהר פארשטעהט דאך מסתמא, אז אלס א מעמבער פון דער פאליטישער קאמיסיע וועל איך אייך ניט פרובירען צו ערקלעהרען אויף וואס פאר פארשיעדענע אופנים זיין כאראק־טער און האנדלונג איז אויסגעטייטשט און ערקלעהרט געווא־רען ביי דיעזער קאמיסיע, גאר פשוט, ווייל איך וויל ניט און טאהר ניט נעהמען דיעזע רעכטע וואס ווערען פארטרויעט צו אזא קאמיסיע, און דעריבער וועל איך נור געבען מיינע איי־גענע אנזיכטען איבער דיעזער פראגע, לויט מיין בעשרענקטער פערשטאנד האט מיר געצייגט, זייענדיג דארט אויפ'ן פלאץ.

איך האב ביי מיין אנקומען אין ירושלים גערעדט מיט פיעלע דארטיגע פראמינענטע אידען, און אלע האבען נור גע־

האט בלויז לויב געזאנגען פאר דעם נציב העליון (היי קאמי־שיאנער) און ווען איך האב געהאט די עהרע דעם ערשטען טאג ראש השנה צו זיצען אין שוהל (חורבת ר׳ יהודא החסיד) גראדע אנטקעגען דעם נציב העליון, דורכ׳ן גאנצען דאווענען, ווען איך האב זיך גוט צוגעקוקט צו אלע זיינע בעוועגונגען און נאכ׳ן דאווענען, מיט איהם צוזאמען געווען אויף קידוש אין דעם האַ־טעל אמדורסקי, וואו איך בין געשטאנען זייענדיג אין ירושלים, און מאקי דארט פאר איהם גערעדט עטליכע ווערטער, און גע־הערט איהם רעדען, האב איך איהם גוט תופס געווען.

זייענדיג אין שוהל, האב איך מיר פארגעשטעלט א קליין בילדעל, וואס מסתמא וועלען אייניגע לעזער א שמייכעל טהון ווען זיי וועלען דאס לייענען, אבער איך האב ביי מיר געפועלט, נים צו אכטען וואס אנדערע קענען דענקען איבער דער זעלבער זאך, אבי איך זאל מיר ארויסזאגען מיין מיינונג. און אט וואס איך האב פאר א מינוט דאמאלס א טראכט געטהון.

איך האב זיך עראינערט אלס קינד, ווי מען האט אמאהל געמאכט אין ווארשא א גרויסען פאראד, ווען דער קייזער איז געקומען צו א באזוך, די גאסען זענען געווען איבערגעפאקט און דער פאראד איז געווען אונגעהויער, און נאכ׳ן נאטירליך זיינען די העכסטע בעאמטע פון שטאט מיט דעם גענעראל גובערנא־טאר געפאהרען מיט׳ן קייזער אויף׳ן פאראד, ביז די פראצעסיע איז מיט איהם צוגעקומען צו דער רוסישער קירכע, וואו ער מיט דער גאנצער נאטשאלסטווא זיינען דארט אריינגעגאנגען, און אלס קינד, האב איך אויף דיעזער מינוט שטארק מקנא גע־ווען די רוסען, צו וועלכע דער קייזער איז געקומען אין קירכע אריין, און וואו קיין איד מאהר נים אריינקומען בעת דער קייזער געפינט זיך דארט. איך האב מיר דאן געוואונשען אז די קירכע זאל פערוואנדעלט ווערען דורך א נס אין א שוהל און די רבנים מיט די פרנסים זאלען זיך דארט געפינען, און איך וואלט מיך דארט אריינגעכאפט און וואלט איהם דער־לאנגט א ביטע, מען זאל אויפהערען פייניגען די אידען. אט אזא מין פאנטאזיע פון א קינד.

און מערקווירדיג, ווען איך האב דערזעהן דעם הויך־קאמי־שיאנער זיצען אונטער דער חופה אין שוהל אנטקעגען מיר, איז מיר דאס קינדערשע בילדעל פונ׳ם רוסישען קייזער מיט דער פראצעסיע פארביי געפלויגען פאר די אויגען, און לאמיך אייך זאגען, איך האב זיך דאן זיצענדיג אין שוהל זעהר גוט געפיהלט. איך געדענק ניט, ווען איך האב אמאהל א טראכט געטהון איבער דעם ווארשאווער פאראד, איך געדענק אפילו ניט אין וועלכען יאהר דאס איז געווען און ווי אלט איך בין דאן געווען, דאך זיצענדיג אנטקעגען דעם הויי קאמישיאנער, האט זיך מיר מיט אמאהל דאס בילד בעוויזען און איך האב מיך דערמאהנט מיין דאמאלדיגען וואונש, און טרעהרען פון שמחה זיינען מיר געקומען אין די אויגען אונבעוואוסטערהייד.

איהר פיהלט אויך, ווי עס גיט אייך ערגעץ א צופ ביים הארץ אדער ביי דער נשמה אויב דארט איז איהר פלאץ, ווען איהר הערט ווי דער חזן זאגט ביים קדיש בחייכון וביומיכון ובחיי דכל בית ישראל ובחיי הנציב העליון; צו דעם היסטא־רישען אלטען קדיש, ווערט צוגעלייגט דאס דער עבינער זאל קעניגען אין אונזערע צייטען און אויך אין די צייטען פון דעם נציב העליון, און דאס זעלבע ווערט אויך דערמאהנט דעם נציב׳ס נאמען ביי די מי שברך׳ס און איך בעמערק ווי דער נציב גיט זיך ניט ווילענדיג א ריהר פונ׳ם ארט, ווען זיין נא־מען אדער טיטול ווערט דערמאהנט סיי ביי קדיש אדער ביי די מי שברך׳ס. איהר זעהט דאס דער הויי קאמישיאנער פיהלט דאס ער איז ניט קיין הויי־קאמישיאנער נאר טאקי א נציב העליון. דאכט זיך ביידע דאס זעלבע אבער דאך ניט דאס זעלבע. נציב העליון און הויי קאמישיאנער קענען זיך האבען די זעלבע בעדייטונג, און דאך איז עס ניט דאס זעלבע. און מעג־ליך, אז אפילו דאס צו בעגרייפען, איז אויך נויטיג צו זיין אם פלאץ, לעבען אין דער אטמאספערע, דעריבער ווען מיך ניט וואונדערען וואס איינינע וועלען מיך פיליכט ניט פערשטעהן.

ווייל איך האב דערמאהנט דעם נציב׳ס זיין אין שוהל, געפין איך פאר וויכטיג דאבוי צו בעמערקען, דאס יעדעס מאהל

װען דער נציב דאַרף קומען אין דיעזער שוהל דאוונען (ווייל ער דאַוונט יעדעם מאָהל אין אַן אַנדער שוהל), ווערט פאַר איהם אויפגעשטעלט א חופה אין פראַנט פון באַלעמער, פונקט אַנטקעגען דעם אָרון הקודש, און א הויכע שטוהל ווערט דאָרט פאַר איהם פאַרגעברייט צום זיצען, און פון ביידע זייטען וועדען אוועק געשטעלט שטוהלען פאַר די צוויי הויפט רבנים, דעם ספרדי'שען מיט'ן אשכנזי'שען און אין דער זייט שטוהלען פאַר זיינע זיהן און פריוואַט סעקרעטער.

אין אַנפאַנג הייב איך געטראַכט, אַז מענליד דאָס זיין פאָליטישע אַנזיכט איבער ארץ ישראל, איבער'ן מאַנדאַט, און איבער דער אַראַבער פראַגע האָט פיליכט מעהר צו טהון מיט זיין שטאַטסמאַנשאַפט און ענגלישער פאָליטיק, אַלס מיט זיינע רעליגיעזע געפיהלען, ניט אַכטענדיג וואָס ער גיט א קרעכץ ביי מפטיר, ביי די ווערטער „על כסאו לא ישב זר'', (דאָס אויף דוד המלך'ס שטוהל זאָל קיין פרעמדער מעהר ניט זיצען), ניט אַכטענדיג דאָס אַלעס, האָב איך געדענקט אַז זיין פאָליטיק האָט פיליכט מעהר צו טהון, ווי שוין געזאָגט, מיט דער ענגלישער זייט אַלס מיט דער אידישער, און וואָס די דאָרטיגע אידען האָבען איהם אַזוי ליעב, איז עס פשוט דערפאַר, ווייל ער איז א רעליגיעזער איד, ווארום וואָס האָבען דען די רעליגיעזע אידען פון ארץ ישראל מעהר געקענט ערוואַרטען, ווי אַז דער הויפט רעגירער פונ'ם לאַנד זאָל מיט זיי צוזאַמען דאַוונען אין שוהל, זאָל א קרעכץ געבען אויפ'ן ריכטיגען פלאַץ, זאָל געהן צופוס אום שבת און יום טוב וואו מען מוז פאָהרען אין א וואָכען טאָג, און אָבהיטען שטרענג אונזער רעליגיאָן. וואָס מעהר האָבען זיי געקענט ערוואַרטען? און וואָס מעהר קענען זיי פון איהם פערלאַנגען? איז עס א וואונדער וואָס יעדער איד, אָדער בעסער געזאָגט, יעדער רעליגיעזער איד, ווערט צושמאַלצען פאַר נחת? איך האָב אָבער בעטראַכט און גענוי שטודירט זיין פאָליטישע האַנדלונג, און האָב פיעלע מאָהל ביי זיך בעשלאָסען אַז אַלעס איז טאַקי אויך אין איינקלאַנג מיט זיינע אידישע געפיהלען, נור פיעלע קענען איהם ניט פער־

שטעהן. לויט מאנכע שריט וואס ווערט פון איהם געמאכט פאליטיש, קען זיך פיליכט יעדען דאכטען אז ער איז ניט מיט אונז, וועהרענד דער פאקט איז גראדע פארקעהרט, אבער מא־דאס פאליטיק ערלויבט עס אפילו ניט צו ערקלעהרען און אויפ־דעקען די ריכטיגע אורזאכע פאר אזא אדער אנדערע האנדלונג. איך וואלט געקענט געבען פיעלע אילוסטראציעס צו בעשטע־טיגען דיעזע בעהויפטונג, אבער איך גלויב אז עס וואלט געווען אן אומרעכט אזעלכע פאקטען צו בעלייכטען ווייל זיי קענען שאדען, און טאקי דעריבער, מוז אויך דער נציב פארטראגען אלע קריטיקען געגען זיך, און קען ניט זאגען. איך האב געטהון אזוי כדי דאפון זאל ארויסקומען אזוי אדער אזוי, ווי מען האט טאקי בעמערקט אפטמאהל, אז דאס וואס איניגע האבען גע־דענקט אז זיינס א געוויסע טהאט אדער האנדלונג איז געגען אונז, איז שפעטער גאר ארויסגעקומען פאר אונזער טובה.

איין אונוויכטיגען פאקט דענק איך איז מיר ערלויבט צו בעמערקען, און דאס איז וועגען דער אראבישער קאמיסיע וואס האט געקראגען די ערלויבניש פון סיר הערבערט סעמועלס צו בעזוכען לאנדאן, פאר וועלכען ער איז פיעל קריטיקירט גע־ווארען פון פערשיעדענע זייטען, און ווען איהר בעטראכט דעם רעזולטאט פון זייער בעזוך אין לאנדאן און וואס פאר א טובה עס האט די אראבער געטהון זייער בעזוך, מוזט איהר אמאהל א טראכט טהון, אז דער נציב פערשטעהט זיין אידישע פאלי־טיק, פיליכט אזוי גוט ווי די ענגלישע... אבער, ערקלעהרען די אורזאכע פון זיין ערלויבען זיי צו פאהרען און זאגען וואס די ענדע פון זייער בעזוך וועט זיין, איז דאך געוויס ניט פא־ליטיש, און אפילו אויך ניט אידיש.

פון זיין רעדע וועלכע ער האט געהאלטען ראש השנה ביי קידוש אינ'ם האטעל, האב איך אויך פיעל געלעהרענט. איך וויל נור בלויז בעמערקען דאס איך האב אין איהם געפונען דאן דעם אידישען פיהרער, דעם יעניגען אידען אדער רעגירער, וואס שטרעבט צוריק צו געבען די אידען זייער לאנד, און ווען די אידען פערשטעהען איהם ניט, אדער זיינען ממרים, איז עס

אויך קיין וואונדער ניט, א סימן, משה רבנו האט ניט גע־דארפט פיהרען זיין דרייפאכע פאליטיק וועלכעס איז אידיש־ענגליש און אראביש, האט ער אויך געהאט ממרים. געגנער, שטערער און שארפע קריטיקער און קוים האט ער די אידען בערלאזט פאר עטליכע טעג, האבען זיי זיך שוין בענארישט, און פאר א גארנים, געקראגען די בעוואוסטע קעלבערנע התפעלות...

לויט מיין אויפפאסונג מיינט דער נציב פונקט דאס זעלבע און ווינשט פונקט דאס זעלבע וואס יעדער נאציאנאלער און רעליגיעזער איד ווינשט, נור ווערהרענד יעדער איד ווארט צו זעהן דער נציב זאל דערגעהנטערען די גאולה, מוז דער נציב אליין אויסשטעהן די שארפע קריטיקען גראדע פון דיעזע פלע־צער וואו ער האט זיי גאר ניט געזאלט ערווארטען, און אנ־שטאט וואס ער האט ערווארטעט מיטהילפע זיינע פלעגער דורכ׳ופיהרען, ווארפט מען גראדע פון דיעזע זייטען צו איהם פיילען, פיילען פון די שארפסטע קריטיק און הינדערונג אין זיין שווערער אויפגאבע.

איין זאך וויל איך יא בעמערקען, און דאס איז, אז זיין שווערע אויפגאבע ווערט געהינדערט פון פיעלע זייטען און פון וועלכען מיר אלע זיינען אויך א היבש ביסעל שולדיג.

און אט פארוואס:

איך מוז בעטאנען, דאס ווען עטוואס ווערט געטהון אין ארץ ישראל, וואו מיר זיינען ניט די שולדיגע, ווי למשל די פאגראמען וואס אראבער מאכען, אדער די משפטים, וואס קומט אפטמאל אוים צו זאגען אויף זיי: „משפטים בל ידעום״, מען זאל זיי ניט קענען, אין דעם זענען שולדיג די ארומיגע מענשען וואס זיינען נים פון דעם טייפ פונ׳ם נציב און וואס שנעלער אונזער ליעבע ענגלאנד וועט אט דיעזע אנטיסעמיטען אויסרוימען פון ארץ ישראל, בעסער וועט עס זיין פאר ענג־לאנד און בעסער פאר גאנץ ארץ ישראל. יא דאס מוז גע־זאגט ווערען, די אטמאספערע ארום דעם „הר הזיתים״ איז דערווייל נאך זעהר פיעל און אפטמאל קריטיקירען מיר פאר

ניגען אויב די לופט דארט שמעקט נים, די אורזאכע איז ער־נים אזוי ריין ווי אינוועניג, און עס איז א גרויסע פראגע אויב עס ליגט אין דער מאכט פון׳ם נציב די אטמאספערע צו ריי־ניגען אנדערש... און פון דעם נאטירליך, ליידען מיר אידען דעם מאקי ווייטער דעם נציב, און עס איז גאנץ מעגליך אז ער, דער נציב, קען זיך דערינען נים העלפען, און ווייטער די מאדאם פאליטיק, וואס ערלויבט אפילו נים אזא ערקלעהרונג צו מאכען.

און דא קום איך צו אונזער מהייל און וועל זאגען, אז דאס האבען צום קאמישיאנער מעהר צוטרויען פון דער זייט פון אונזערע ציוניסטישע פיהרער אין ארץ ישראל, וואלט א סך געהאלפען אפילו דיעזען איבעל צו בעזייטיגען.

און ווייל איך דערמאהן די ציוניסטישע פיהרער אין ארץ ישראל, קען איך נים ביישטעהן דעם נסיון איך זאל דעריבער נים ווידמענגען וועניגסטענס איין פאראגראף, און וועל דערביי זאגען אז אין דערינען זיינען פילייכט מיר אלע אידען שולדיג.

איהר וועט מסתמא פרעגען, וואס קומט פאר צווישען די ציוניסטישע פיהרער און דעם נציב?

עס וועט גענוג זיין א קליין שטיקעל פלאץ דאפיר צו פארנעהמען אום איהר זאלט פיעלעס פערשטעהן.

סער הערבערט סעמועלס, וועלכער האט נעהאט דעם גלענ־צענדען נאמען און רעפוטאציע אין די העכסטע רעגיערונגס־עמטער אין ענגלאנד, וואלט קיינמאל נים איינגעשטימט צו ווערען הייקאמישיאנער פון פאלעסטינע, ווען ער וואלט זיך נים סומך געווען אויף די אידען פון דער גאנצער וועלט און די פערשפרעכונגען פון די ציוניסטען אז זיי וועלען אויפ־בויען ארץ ישראל מיט קאפיטאל און מענשען, און אויב די אידען פון דער וועלט זיינען צופריעדען געווען צו שיקען מענ־שען קיין ארץ ישראל אונטער׳ן נאמען פון חלוצים, האבען זיי אבער דערווייל כמעט באנקראטירט בנוגע קאפיטאל פערשפרע־כונגען.

פיעלע מאָל, האָבען די ציוניסטישע פיהרער פערשפּראָכען צום נציב געוויסע גרויסע אונטערנעהמונגען, שטיצענדיג זיך אויף די אידישע גוטע הערצער און גרויסע פּאַקעטס, און ליידער האָט זיך פון זייערע פערשפּרעכונגען אויסגעלאָזט גאָרניט מיט גאָרניט. און אַזוי האָט מען פון איין זייט געהאָדעוועט דעם נציב מיט פּוסטע הבטחות, און פון דער צווייטער זייט האָט מען איהם געשיקט חלוצים אָהנע וועלכע מיטלען זיך צו ערנעהרען, און פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל בויען פּתום און רעמסס אָהן ליים און אָהן ציגעל. אַזעלכע האַנדלונגען האָבען גאַנץ נאַטירליך אַנגעשטרענגט די באַציהונגען צווישען די פיהרער פון ציוניזם און דעם הויי־קאָמישיאָנער. און ווי זאָגט די וועלט, ווען עס איז ניטאָ קיין פּרנסה פעהלט אויך שלום בית. און דאָס האָט געבראַכט דאָצו דאָס דיעזע קרעפטען פון דער ענגלישער פאַרטרעטערשאַפט מיט דער ציוניסטישער פאַרטרעטערשאַפט האָבען ניט געקענט ארבייטען אין הארמאָני. און נאָך מוז געזאָגט ווערען, און דאָס איז, ליידער, אַז אונזערע פיהרער אין ארץ ישראל זיינען אויך נאָך ניט געשאַפען פון די בעסטע וואָס אידען פאַרמאָגען. ניט נור איז דער נציב ניט שוה בשוה מיט די דאָרטיגע פיהרער, נור אפילו די דאָרטיגע אידען וואָלטען זיך אויך געוואונשען א ראדיקאַלע ענדערונג אין דער דאָרטיגער ציוניסטישער לייטונג. אַבער ניט אַכטענדיג אויף די פּראָטעסטען פון די ארץ ישראל דעלעגאַטען ביים קאָנגרעס, זיינען דאָך די זעלבע פיהרער פאַרבליבען, וואָס לויט דער מיינונג פון פיעלע ארץ ישראל אידען זיינען זיי ניט נור ניט גענוג קאָמפּעטענט אַנפערטרויעט צו ווערען מיט דער אויפבויאונג און אויפלעבונג פון ארץ ישראל, נור אפילו אויף ניט ערגער מאַכען, אויף ניט אַנצושטרענגען די אראַבישע בעציהונגען פעהלט זיי אויך אַביסעל קאָמפּעטענץ, און איך וועל זיך ניט איינהאַלטען צו זאָגען, דאָס לויט איך הער דאָ, איז דאָס א גרויסע שטערונג אין די בעציהונגען צווישען די ציוניסטען און די ארץ ישראל אידען, און צווישען די ציוניסטען און דעם נציב. אונזער פיהרער,

מר. אוסישקין, האם אן אייזערנעם כאראקטער וואס איז נומ פיליימב אין א צארישען רוסלאנד, אבער זעהר ווייט פון צו זיין פאסיג פאר דער ענגלישער פאליטיק. אם דאס איז יע־דענפאלס די מיינונג פון א גרויסען טהייל פון ארץ ישראל אידען.

און דעריבער וועט אייך קיין וואונדער נים זיין, ווען איך וועל אייך דא ערקלעהרען, אז גאנץ ארץ ישראל איז מים בראנדיים'עס פלאן פאר אויפבויען ארץ ישראל דורך פריי־וואטע איניציאטיווע.

איהר מעגט רעדען מיט סיי וועלכען אידען אין ארץ ישראל, א רעליגיעזער אדער ראדיקאל און אפילו די עקסטרימע ראדיקאלען, וואס האבען נעהאלטען פון נאציאנאליזירען דאס לאנד, זיינען זיי שוין היינט אויך מיט דער מיינונג אז נור פריוואטע אונטערנעהמונגען וועלען אויפבויען ארץ ישראל.

און יעצט צו דער אראבער פראגע, און דא וויל איך פריי־הער באמערקען, דאס די אראבער פראגע, זעהט אויס מעהר בולט, מעהר געפעהרליך אויף דער גאנצער וועלט, אלס מען דענקט דעריבער אין ארץ ישראל.

אמת, עס עקזיסטירען איינינע העצער פון די אראבער אין ארץ ישראל אבער זייער צאהל איז זעהר קליין און זעהט זיך נים אן. איך וואלט זעהר נים געוואלט געבען קיין איינ־צעלהייטען פון די עטליכע אראבער אנפאלען, אבער איך וועל נור אין קורצען זאגען, דאס יעדער אנפאל פון די אראבער, אדער פאגראם ווי מען רופט עס אין די גלות־לענדער, נים אין ארץ ישראל, בעדויערען דארט די אנפאלער מעהר ווי די אידען, ווייל זיים זיכער דאס די אראבער קריגען זייער חלק טאקי פראפארציאנעל נאך זייער צאהל.

אויב למשל 3000 אראבער, לאמיר זאגען, באפאלען 100 אידען, ווי עס האט עטליכע מאהל געטראפען, פאלען די קרבנות פון די אראבער לויט זייער צאהל, און פון אידען לויט זייער צאהל. די ארץ ישראל אידען וואס געפינען זיך אויפ'ן פלאץ וואו די מאקאבעער האבען אמאל געלעבט, לאזען זיך

ניט קוילען ווי די לעמער, און דאס ניט מאכען א גוטען לעסאן די פאנאטישטישקעס און זייערע העצער.

און שוין זעהט איהר, פון צייט צו צייט, פון אראבישע געלעהרטע און שרייבער ווי זיי ווארנען די אראבער פון די פאליטישע אויפהעצער, וועלכע וועלען מסתמא פארשוואונדען ווערען ווען די מאנדאטען פראגע וועט געשליכטעט ווערען פראקטיש.

עס בלייבט דערפאר איבער פאר אונז אידען, צו העלפען בויען ארץ ישראל מיט אונזער קאפיטאל. דאס וועט אונז ערשטענס העלפען צו האבען גוטע בעציהונגען מיט ענגלאנד, דורך א בעסערער פארשטענדניס צווישען אונז און אונזער נציב, און ענדליך וועלען מיר עררייכען דאס ארץ ישראל זאל טאקי געהערען לעם ישראל, ווי מיר אלע האפען דערויף.

וואס דארף זיין אונזער ערשטער שריט?

עס פערשטעהט זיך, דאס אזעלכע פארשלעגע ווי דיעזע וואס איך וויל דא מאכען, זיינען פיעל לייכטער צו בעשרייבען ווי דורכצופיהרען, אבער גלויבענדיג, דאס עס געפינען זיך ביי אונז גענוג לייטע מיט קאפיטאל און אמביציע צו פארגרע־סערען זייער קאפיטאל און דאביי זיך ערווערבען א נאמען אויף דער וועלט, אלס די יעניגע וואס האבען געהאלפען פראק־טיש אויפבילדען ארץ ישראל, וועל איך דעריבער איבערגעבען מיין פלאן פאר דיעזע 2 אינדוסטריעס, נעמליך בויען הייזער און באנק געשעפטען און גאנץ נאטירליך מאך איך דעם פאר־שלאג צו אונזערע קענעדער אידען הויפטזעכליך.

דער פּלאַן פאַר א באַנק.

קענעדער אידען דארפען שאפען א מיליאן דאלער פאר עפענען א קענעדער באַנק אין פּאַלעסטינאַ, און ווען דער ערש־טער פיערטעל מיליאן וועט געשאפען ווערען, קען די באַנק אנפאַנגען אפערירען אין ארץ ישראל מיט אן ארץ ישראל טשארטער, אלס קענעדער פּאַלעסטינא'ר באַנק.

וויסענדיג די שוועריגקייטען אין קענעדע פאר אזא באַנק טשארטער, דארף מען אין קענעדע שאפען א טראסט קאמ־פּאַניע טשארטער אונטער דעם זעלבען נאמען פון דער באַנק, און דאס וועט געבען די קענעדער אידען די מעגליכקייטען צו האלטען זייערע סייווינגס און טהון אלע געשעפטען צווישען קענעדע און פּאַלעסטינא דורך דיעזער טראסט קאמפּאַני וואס וועט אין דער ווירקליכקייט זיין א ברענטש אדער די הויפּט קלירינג הויז פון דער באַנק אין פּאַלעסטינאַ.

עס איז קיין פראגע ניט, דאס די באַנק אין ארץ ישראל וועט קענען צאהלען און וועט צאהלען איהרע שעהרהאלדערס די גרעסטע דיווידענדס, און די אינוועסטמענטס זיינען די זי־כערסטע, און מיט דער הילף פון דער היגער טראסט־קאמ־פּאַניע וועט מעגליך זיין צו מאכען גרויסע אונטערנעהמונגען אין ארץ ישראל; דאס וועט מאכען, אז יעדע פראטווירנאל סאסייטע, יעדע שוהל און ארגאניזאציע וועט האלטען איהרע סייווינגס אין דיעזער טראסט קאמפּאַני, וועלכע וועט צאהלען דעם זעלבען פּראצענט ווי אלע אנדערע בענק, און מיט איהר געלד העלפען אויפבויען דאס לאנד.

דיעזער פּלאַן וועט געבען א מעגליכקייט פאר דער צוויי־טער אינדוסטריע פון הייזער בויען און טאקי דורך א קענע־דער ארגאניזאציע, לויט פאלגענדען פּלאַן:

א קאמפּאַני מיט א פיערטעל מיליאן דאלאר קאפּיטאל, אדער אפילו קליינע ארגאניזאציעס וואס ווילען אונטערנעה־מען צו אויפבויען, לאמיר זאגען צו 50 אדער 100 הייזער אין ארץ ישראל, און ווילען שאפען ארום 50 אדער 60 פּראצענט פון דעם קאפּיטאל, וועט די באַנק אין פּאַלעסטינאַ אומ־

שטאנדרע זיין צו געבען זיי אן ערך פון 40 פראצענט אויפ'ן ערשטען מארטגיידזש, דער מארטגיידזש וועט אהער געשיקט ווערען צו דער היגער טראסט קאמפאניע וועלכע וועט מיט איהר אינדארסמענט דיסקאנטירען דעם מארטגיידזש ביי אן אנדער פינאנציעלער קארפאריישאן. דאבײ וועט די באנק מאכען א געוויסען פראצענט, ווייל די פראצענט וואס די ארץ ישראל איינוואהנער צאהלען איז פיעל גרעסער ווי דער היגער. דאס וועט נאטירליך פיעל העלפען דער בוי־אינדוסטריע אין ארץ ישראל, און די באנק אדער די היגע טראסט קאמפאני וועלען דיענען אלס פארמיטלער צו קריגען די מארטגיידזשעס ערגעץ אין א קענעדער אדער אמעריקאנער פינאנץ געזעלשאפט.

עס גיבען נאך פערשיעדענע פלענער וואס קענען העלפען דיעזעביידע אינדוסטריעס בליהען אין אונזער צוקונפט־לאנד און אין דער זעלבער צייט זאלען די אינוועסטארס דערביי בעקומען די גרעסטע דיווידענדס, אבער מיר מוזען האבען די ערשטע איניציאטארען, לייטע מיט קאפיטאל און איינפלוס, וועלען זיך דיעזע לייטע אברופען?

אויב יא, דאן וועט קענעדע צייגען דעם ערשטען פראקטישען שריט פאר אויפבויען ארץ ישראל.

א קליינע אונטערנעהמונג שוין געמאכט.

אזא קליינע אונטערנעהמונג איז שוין געמאכט געווארען ביים שרייבער פון דיעזע צייל ען, נעמליך, איך האב געקויפט פאר קענעדער אידען, אדער פילייכט בלויז פאר די מאנטרעאלער, 100 דונאם לאנד ביי תל אביב. דיעזע 100 דונאם ווערען צוטהיילט אין 100 לאטס וואס האלטען 50 ביי 100 גענוג פאר א הויז מיט א פראנט גארטען. די פרייז פאר די

לאמס זיינען קליינע און ווען די 100 לאָטס וועלען זיין סוב־סקרייבד, וועט פון די שעהרהאָלדערס געגרינדעט ווערען א קאָ־אפעראציע, וועמעס שעהר האָלדערס וועלען צו ביסלעך אויסצאָהלען וועכענטליכע סומען פאר דעם בויען, לאָמיר זא־גען, יעדער לאָט האָלדער אדער שעהר האָלדער וועט צאָהלען 10 דאָלאר א וואך וואס וועט אין פארלויף פון זעקס מאָנאט ברענגען די סומע פון 25 טויזענד דאָלאר, דאן וועט איינער פון מאָנטרעאל אָוועקפאָהרען און זיך נעהמען בויען די ערשטע 25 הייזער, און אזוי וועט אהין אימער געשיקט ווערען נאך געלד אדער פיעלייכט בוי מאטעריאל וואס איז דארט טהייע־רער ווי דא אין קענעדע, און צו ביסלאך וועלען די 100 היי־זער אויפגעבויעט ווערען.

וועט עמיצער פון די שעהר האָלדערס אהין פאָהרען, האָט ער זאָפּאָרט א הויז צום וואָהנען, די איבעריגע הייזער וועלען דארט פארדונגען ווערען און די רענט וועט דורך אונזערע דאָר־טיגע פערטרעטער, אהער געשיקט ווערען פאר דעם בענעפיט פון די הויז בעזיצער. וועט אבער א קענעדער באנק געגרינדעט ווערען, וועלען די אלע געשעפטען געפיהרט ווערען דורך דיעזער באנק וועלכע וועט אויך אומשטאנדע זיין אונז צו שאפען א 40 פראָצענט מארטגיידזש און די שעהר האָלדערס וועלען נים דארפען אויסצאָהלען די גאַנצע סומע פון דער הויז נור דעם באלאנס בעצאָהלען מיט די איינגעקאָלעקטירטע רענטס.

און דאס קענט איהר זיכער זיין, אז די הייזער וועלען פארדונגען ווערען מיט גוטע רענט, נים בערייסענדיג די ארץ ישראל אידען און דאך ברענגענדיג גוטע פראָפיטען.

אזעלכע קליינע אונטערנעהמונגען קענען געמאכט ווערען פון יעדער שטאָדט אין קענעדע. דער שרייבער איז צופריעדען צו געבען אלע אינפאָרמאציעס און זאגאר שפארען די עקס־פענסעס פון פאָהרען קויפען לאנד ווייל עס קען געטהון ווערען דורך דארטיגע פארטרעטער.

די ארץ ישראל קינדער.

זיצענדיג אין ארץ ישראל, האָב איך געהאט דעם גרעס־מען פערגעניגען צו פאַרברענגען מיט די דאָרטיגע קינדערלאַך און וועהרענד פריהער האָב איך בלויז הויכגעשעצט און ליעב געקראָגען די דאָרטיגע קינדער פאַר זייער ערדלקייט, עהרליכ־קייט און שעהנעם אויסזעהן, האָב איך אָבער נאָכהער דערפון געלערענט עפּעס וואס איז מעהר וויכטיג, און דאָס איז: אַז מיר קענען ערוואַרטען פון דעם נעקסטען דור אין ארץ ישראל אַז ער זאָל זיין א „דור של דעה״ א. פערשטענדיגער דור, א דור מיט וועלכען מיר וועלען זיך האָבען מיט וואָס צו בע־ריהמען.

עס איז מערקווירדיג, יעדעס קינד אין ארץ ישראל, דאָרט געבוירען, האָט גאָר אַן אַנדערען כאַראַקטער און אַנדערע שטרע־בונגען ווי די גלות קינדער. און עס איז א פערגעניגען צו פאַרברענגען מיט זיי, ווייל נור צווישען די קינדער פאַרשטעהט איהר דעם אויסדרוק פון די חכמי התלמוד, „אוירא דארץ ישראל מחכים״, די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג.

נאָך אריינפאָהרענדיג קיין ירושלים, איז מיט מיר צוזאַ־מען געפאָהרען הרב פישמאַן, דער פיהרער פון די מזרחי אין ארץ ישראל. זיין פרוי און קינדער זיינען איהם אנטקעגען גע־פאָהרען עטליכע סטאַנציעס, און איך האָב פאַרפיהרט א גע־שפּרעך מיט זיינם א מיידעלע פון פיער יאָהר, נאַטירליך אין דער העברעאישער שפּראַך, און שוין בין איך בעגייסטערט געוואָרען פון דעם שכל פון דיעזען קינד און פון איהר פריי־עהרליכער האַלטונג.

—פאַרשטעהסטו מיך? פרעג איך זי אין העברעאיש.

—געוויס פערשטעה איך, ענטפערט זי מיר, אָבער דו רעדסט ניט גוט העברעאיש! דעם זעלבען קאָמפּלימענט האָב איך אויך געהערט אין האָטעל פון מר. אַמדורסקי׳ס מיידעלע פון ארום 5 יאָהר אַלט.

די קינדערלאַך האָבען דאָרט אַ בעזונדערען חן. און ווי הערליך איז עס צו הערען ווי עטליכע קינדערלאַך קריגען זיך ביים שפּילען און וואַרפען זיך פאַר חסרונות אין אַ ריינער קלינגענדיגער העברעאישער שפּראַך מיט דעם ספרדי׳שען אויס־דרוק.

אין ירושלים האָב איך באַזוכט אין אַ שבת פאַרנאַכט דעם דיסקין בית יתומים און פאַרבראַכט מיט עטליכע קינ־דערלאַך אין דרויסען פון בית יתומים, און הערט אַ געשפּרעך מיט עטליכע דאָרט געבוירענע יתומים.

הערט קינדער! זאָג איך צו זיי. איך האָב אַהער צו ברענגען עטליכע הונדערט קינדער פון פּוילען און אוקריינא און עטליכע הונדערט קינדער פון אַמעריקא, וועלכע זאָל איך פריהער אַהער ברענגען?

און אַלע קינדערלאַך אויסער איינעם, האָבען מיט אַמאָהל אויסגעשריען „מאוקריינא ופּוילען״!

—פאַרוואָס, פרעג איך זיי, ווילט איהר דוקא פון אוק־ריינא און פּוילען.

אַלע שטעלען אַרוים די הענטלעך צו ענטפערען און איך פרעג דעם קלענסטען קינד פון אַרום 5 יאָהר ער זאָל ערקלעה־רען פאַרוואָס דוקא די פון פּוילען און אוקריינאַ.

מפּני, ווייל, די קינדער פון אוקריינא און פּוילען, האָבען ניט קיין אב ואם, קיין פאָטער און מוטער.

—די אַמעריקאַנער, פרעג איך, האָבען דאָך אויך ניט קיין פאָטער און מוטער?

—אָבער אַמעריקאַנער זענען דאָך רייך, ענטפערען מיר אַלע מיט אַמאָהל, קענען זיי דאָך געבען אַלעם וואָס מ׳בעדאַרף, און די גלות קינדער זיינען אָרימע.

—וואָס אייגענטליך דאַרפען קינדער האָבען? פרעג איך זיי ווייטער.

—מ׳דאַרף זיי געבען צו עסען, קליידען און לערנען די תורה, האָבען כמעט אַלע געענטפערט.

און דאָ בעמערק איך דאָס איינער פון די קינדער איז

עפעס ניט צופריעדען מיט זייער אנטווארט, און איך ווענדע זיך צו דיעזען קינד, און פרעג איהם ביזטו אויך צופריעדען מ'זאל פריהער ברענגען די קינדער פון אוקריינא און פוילען?

ניט אזוי שטארק, ענטפערט מיר דאס קינד, אין א נער־בראכענעם העברעאיש. פארוואס? פרעג איך איהם, און ער ענטפערט מיר: ווייל די אמעריקאנער האבען פיעל געלד און וועלען האבען א סך שפיעל צייג, און קענען זיך גוט פייטען.

—צו וואס דארפסטו פייטען? פרעג איך איהם.

—און זיינע אויגעלעך גיבען א בליץ, און מיט שנעלקייט ענטפערט ער מיר, אום צו קענען מלחמה האלטען מיט די אראבער, אויב זיי וועלען אונז באפאלען.

—די אנדערע קינדערלאך לאכען זיך דערפון אויס. מיר קענען זיך בעסער שלאגען, אז מיר וועלען ווערען גרויס, וועלען מיר זיך מיט זיי זעלבסט אברעכענען.

און איך פרעג אויב דער ליעבהאבער פון די אמעריקאנער קינדער איז א געבוירענער פון ארץ ישראל, און זיי ענטפערען מיר, ניין, ער איז ערשט לעצטען יאהר געקומען פון אוקריינא.

און אט דא האב איך אויך פיעל געלערענט, און דאס איז, דאס די ארץ ישראל קינדער זיינען פיעל קליגער אלס די אריבערגעקומענע, און האבען ווייניגער מורא פאר די אראבער אלס די אריבערגעקומענע פון דעם פערפלוכטען אוקריינא.

ווען איך בין אוועק געגאנגען פון בית יתומים, האבען מיר די קינדערלאך נאכגעשריהען „שלום"! און אנגעזאגט צו שיקען אהער די אוקראינער און פוילישע יתומים, בעפאר די אמעריקאנער.

עס איז ווערטה צו בעמערקען אגב, דאס דער בית יתומים איז אן ערהאבענער אינסטיטוט און פערדיענט געשטיצט צו ווערען פון אלע אידען, און אום צו ערציהען א צוקונפטיגען דור וואס זאלען וויסען פון אידען און אידישקייט וואלט ווינ־שענסווערטה געווען דאס אלע יתומים וועלכע ווערען ארויס־גענומען פון די גלות לענדער זאלען פערפלאנצט ווערען אין אונזער צוקונפטיגער היים־לאנד, ארץ ישראל.

איך האָב אויך געהאַט אַ פערגעניגען בייצעוואָהנען אַ שבת סעודה אינ'ם הויז פון הרב מרגליות, דער היגער געוועזענער ראש הישיבה, און זיינע צוויי מיידעלעך פון אַרום 6 און 8 יאָהר אַלט, האָבען מיט זייערע זיסע שטימעלעך געזונגען ,,יום זה מכובד'' מיט זעהר אַ אַנגענעהמענער מעלאָדיע אין דעם ספרדי'שען אויסדרוק, אַזוי אַז איך האָב זיי געבעטען עטליכע מאָהל עס איבערזינגען, און ווען איך האָב זיי געפרעגט אויב זיי וואָלטען וועלען מיט מיר מיטפאָהרען קיין אמעריקא, האָבען ביידע ענטשלאָסען געענטפערט, עס איז בעסער איהר זאָלט קומען דאָ מיט אייערע קינדער.

איך האָב זיך דאָרט אויך בעקאַנט און פריינדשאַפט געשלאָסען מיט מר. ישראל בּרדקי, וועלכער איז אַ מיטאַרבּייטער אין ,,דואר היום'' און דער חזן פון דער חורבת ר' יהודא החסיד. דיעזער יונגער מאַן איז ר' שמואל סאַלאַנט'ס אַן אייניקעל, און אויסער זיין געלעהרזאַמקייט אין תורה איז ער אויך אַ זעהר מאָדערנער מענש און קליידעט זיך אייראָפּעאיש.

איך האָב געהאַט דאָס גרעסטע פערגעניגען מיט דיעזער פאַמיליע צו פאַרברענגען, און דעם צווייטען טאָג ראש השנה האָב איך דאָרט געהאַט דינער. זייערס אַ אינגעלע פון אַרום 5 יאָהר האָט מיך דאָבּיי שטאַרק פאַראינטערעסירט. ווייל ער איז געקומען שפּעט אין שוהל צו מעריב און זיך בעקלאָגט דאָס ער וויל דוקא דאַווענען בצבור, און דאָ האָט מען שוין אָבּגעדאַוועגט. ער איז דאָן ארומגעלאָפען אין עטליכע שוהלען און צוריק געקומען אַ בּעזאָרגטער. איך קען ניט קריגען קיין מנין, האָט ער זיך צעוויינט. ,,דאַווען ביחידות!'' זאָגט מען איהם. ,,אָה, די עצה ווייס איך אַהן אייך'', ענטפערט ער. מיט אַ געוויין.

אָט, טראַכט איך, אָט דאָס הייסט, אויפגעבּראַכט קינדער אין ארץ ישראל! און דער פאָטער איז אויך אַן ארץ ישראל געבּוירענער. איך ווינש דאָן, ,,הלואי וירבו כמוהם בישראל!''

אברהם׳על, יצחק׳ל און יאַנקעלע.

צופעליגערווייזע האָב איך אויך בעגעגענט דריי אינגע־לעך וואָס זייערע נעמען זיינען אברהם, יצחק, און יעקב, און די דריי קינדער זיינען ווערטה דערמאָהנט צו ווערען.

אברהם איז א אינגעל פון ארום 12 יאָהר אַלט, דער זוהן פון מר. פרידמאַן, דער בעוואוסטער וויין הענדלער אין חיפה, א 12 יעהריגער ארץ ישראל קינד, העלפט פיהרען איינס פון די גרעסטע געשעפטען אין ארץ ישראל, און בעווייזט א קענט־ניס און ביזנעס פעהיגקייט ווי אַן אַלטער ערוואקסענער ביז־נעס מאַן, און דערצו זיין איידעלער אויסזעהן, זיינע קלוגע אַנטוואָרטען און בעשיידענע בענעהמונג איז ווערטה בעצייי־כענט צו ווערען, אַז אפילו געשעפטס לייטע וועט ארץ ישראל ארויסגעבען פעהיגע און עהרליכע.

אויפ׳ן וועג געהענדיג צו מר. פרידמאַנ׳ס געשעפט, האָב איך אַנגעטראָפען א מיידעלע פון ארום 13 יאָהר און זי גע־פרעגט אויף העברעאיש, אויב זי קען מיך צופיהרען צו מר. פרידמאַן. זי האָט מיר מיט א ליעבליכען שמייכעל געענטפערט יאָ, און אויפ׳ן וועג,מיט מיר פאַרפיהרט א שמועס. זייט איהר פון אמעריקא? האָט זי מיך געפרעגט.

און ווען איך האָב איהר געענטפערט יאָ, האָט זי ווייטער מיט דעם זעלבען שמייכעל, אויף מיר א קוק געטהון און גע־זאָגט: ,,איהר קומט בלויז אהער זעהן? אָבער איהר ווילט דאָ ניט פאַרבלייבען און עפעס טהון פאר׳ן לאַנד?

און ווען איך האָב איהר געזאָגט, אַז איך דענק דאָ צו קויפען לאַנד און אהער קומען, האָט זי ווייטער מיט א שמחה מיר געזאָגט: ,,אַזוי, טהוט איהר גוט!״

וואָס איז די גוטסקייט דערפון? פרעג איך זי.

—וואָס הייסט? שטעלט זי אויף מיר אַן איהרע שעהנע אויגען. מיר האָבען דאך דאָ, זאָגט זי, 150 חלוצים וואָס האָ־בען ניט קיין ארבייט, און אויב איהר אַמעריקאַנער וועט ניט

אהער קומען מיט קאפיטאל שאפען ארבייט פאר די חלוצים, טא ווי אזוי ווילט איהר אויפבילדען ארץ ישראל?

טרעהרען פון שמחה האבען זיך מיר געשטעלט אין די אויגען ווען דאס מיידעלע האט מיט מיר גערעדט און געגעבען אזא שטיק מוסר צו אונזערע אמעריקאנער און קענעדער אידען.

ווען זי האט מיך צוגעבראכט צום פלאץ האב איך איהר געריכט די האנד, שלום! און זי האט ווייטער מיר געווארפען אזא ליעבליכען שמייכעל, און געבעטען: „כבקשה! בואי הנה!" ביטע קומט אהער!

יצחק'ל האב איך געטראפען אין חברון, ווען ער האט מיר ארומגעוויזען די מערת המכפלה, אשל אברהם און מקות שרה.

דיעזער יצחק'ל איז אויך אין דער עלטער פון 12 יאהר, א זוהן פון דעם חברון'ער האטעל קיפער, מר. שניאורזאהן, און איך האב געהאט פון זיין געשפרעך כמעט אזוי פיעל פערגעניגען ווי פון די פלעצער וואס דיעזער יונגער פיהרער האט אונז געציינט.

דאס קינד האט פאר מיר שטארק געלויבט די „הדסה" ארבייט ווילכער עס איז צו פערדאנקען די אויגען געזונדהייט צווישען אידען, וואס איז א מכת־מדינה צווישען די אראבער. אט דיעזער קינד האט אזוי אינטעליגענט אונז אנגעציינט אלעס וואס איז וויכטיג צו זעהען אין חברון און אומגעגענד און געמאכט צוויי־דייטיגע בעמערקונגען ווי אן ערוואקסענער, און איין באמערקונג איז ווערט צו דערמאהנען.

ער האט מיר דערצעהלט, דאס אין דעם טאג ווען די ענגלענדער האבען פארנומען ירושלים, זיינען די אראבער אנטלאפען פון חברון און די מערת המכפלה איז געבליבען אונבעוואכט, האט ער זיך דארט אריינגעכאפט און געזעהן.

וואס האסטו געזעהן? פרעג איך איהם. און ער שילדערט מיר די ווענט אינווענינג. די הייהלען, און איך פרעג

איהם, סטייטש עס איז דאך פארהאנען א מסורה דאס מען קען פון דארט לעבעדיג נים ארויסקומען.

אמת, זאגט ער, ווען איך בלייב דארט לענגער, וואלט איך אויך לעבעדיג נים ארויס. און דא נים ער א שמייכעל און זעצט פארט. מען דארף האבען א שמשון הגבור ער זאל דארט קענען אויסהאלטען אזא שמיקעניש און געפרעסטע לופט פון 4,000 יאהר.

יאנקעלען האבען מיר בעגעגענט אין טבריה, וועלכער האט אונז בעזוכט אין האטעל, זייענדיג א משפחה פון הרב מרגליות וואס האט אונז בעגלייט ביז טבריה.

דאס קינד איז אן אמת׳ער עלוי מיט א ניצוץ וואס פאסט זיך טאקי פאר דער אמאליגער טבריה׳ס גרויסער ישיבה.

רבי מרגליות און מר. אללען פון ניו־יארק, האבען מיט איהם געשמועסט אין לערנען און דאס קינד האט מיט פייער־דיגע אויגעלאך פארענטפערט אלע קשיות און פארקניימשט דעם שמערען ביי א הארבער סוגיא. איך האב אין איהם גע־זעהן דעם אידישען עלוי וואס קען נור געבוירען און ערצויגען ווערען אין ארץ ישראל, און אפשר טאקי נור אין טבריה, ווייל דארט איז א גרויסער מקום תורה נאך פון פארצייטיגע יאהרען.

איך האב, ווי שוין געזאגט, געהאט די גרעסטע הנאה פון די ארץ ישראל קינדער און געזעהן פאר זיך א צוקונפטיגען דור וואס מיר ווענען מיט רעכט קענען מיט איהם שטאלצירען.

אינפאָרמאציע פֿאר טוריסטען

אינפאָרמאַציאָנען פאַר טוריסטען וואָס פאָהרען באַזוכען ארץ ישראל.

טוריסטען וואס קומען באַזוכען ארץ ישראל מיט א בע־שרענקטער צייט פאר זייער באַזוך, פאַהרען אַפטמאָל אוועק פון דעם לאַנד ניט זייענדיג אומשטאַנדע צו זעהן אַלעס וואס זיי וואלטען געקענט זעהען ווען זיי וואלטען געהאט א בע־שטימטען פּלאַן, ווי אזוי צו פארברענגען די צייט און אויס־נוצען יעדע שטונדע פּלאַנמעסיג, און אַפטמאָהל טרעפט דאָס טוריסטען קומען אהין פאר, לאמיר זאגען למשל א חודש צייט און פאַהרען אוועק ניט האָבענדיג בעטראַכט אפילו די וויכ־טיגסטע און אמעהרסטען אינטערעסאַנטע פּלעצער, און דארום האב איך געפונען פאר נויטיג צונויפצוקלייבען אַלע אינפאר־מאַציעס אין דיעזער הינזיכט אויך פון מיין אייגענער ערפאה־רונג, וואס וועלען שפּארען די טוריסטען פיעל מיה, געלד און זיי געבען מעהר צופריעדענהייט און מעהר מעגליכקייט צו זע־הען ווי זיי וואלטען דאס געקענט האבען אהן דעם בעשטימטען פּלאַן.

עס מיינט אייגענטליך ניט, אז מען דארף זיך בענוצען מיט דעם בוכשטאב פון דיעזען פּלאַן אין אַלע איינצעלהייטען, אבער נאכפאלגענדיג די גרעסטע טהייל פון דיעזען פּלאַן וועט עס זיכער פיעל פארגרינגערען די רייזע און זי מאכען אינטע־רעסאַנטער.

פּלאַן פאַר טוריסטען וואָס קענען בלויז פאַר־ברענגען אין ארץ ישראל דריי וואָכען.

געוועהנליך איז אַמבעסטען צו פאַהרען דורך טריעסט, איטאַליען, מיט א שיף וואס געהט דריי טעג ביז אלעקסאנ־דריע, עגיפּטען. די שיפען זיינען גאַנץ אַפּ־טו־דייט, און האבען

פיער קלאסען, אבער פאר טוריסטען איז ווינשענסווערטה צו פאהרען צווייטע קלאסע, אויב ניט ערשטע. די בעקוועמליכ־קייטען זיינען גאר ניט שלעכט נור די רייזע קאסט אביסעל טייערער ווי אויף די שיפען וואס געהען צווישען אמעריקא און אייראפא.

א שיף געהט אב יעדען פרייטאג ארום 4 אוהר נאכמיטאג פון טריעסט און קומט מאנטאג ארום 4 אדער 5 אוהר נאכ־מיטאג קיין אלעקסאנדריע. ביים שיףווארטען דארט די אראַ־בער און אויך אידען וואס זיינען פארטיג אייך צו טוישען געלד פאר עגיפטישע, וואס איז אויך גאנגבאר אין ארץ ישראל.

דאס געלד וואס איז לייכטער צו וועקסלען און קאסט ניט טייער דער עקסטשענדזש, איז מעהרסטענס ענגלישע פונ־טען אדער אמעריקאנער דאלארס, קענעדער געלד איז דארט זעהר ווייניג בעקאנט, און מען דארף פיעל פערלירען ביים וועקסלען.

דער עגיפטישער פונט איז אימער מיט א שילינג און א האלב גרעסער אלס דער ענגלישער פונט.

דאן געהט איהר דורך די קאסטאם עקזאמינייטאן וואס איז זעהר שטרענג ביי די עגיפטער, וויל ווען איהר זייט שוין פארטיג מיט'ן קאסטאם אפיס וועגען אייער באגאזש, שטעהט ערשט ביים ארויסגאנג א פאליציימאן וואס שעהמט זיך ניט צו בעטאפען אלע אייערע פאקעטס און אייך גוט ארומטאפען פון אלע זייטען.

נאטירליך איז ווינשענסווערטה צו וויסען, דאס איהר מוזט אויסער אייער פאספארט, האבען א וויזע פון אן ענג־לישען קאנסולאט, פאר פאהרען נאך עגיפטען און פאלעסטינא.

פון אלעקסאנדריא איז דאס בעסטע צו פאהרען דירעקט נאך ירושלים, סיידען ווען איהר ווילט באזוכען קאירא, וואו די פיראמידען געפינען זיך. נעהמט איהר די באהן נאך קאירא, עס דויערט 4 שטונדען, איהר שטעהט דארט עטליכע שטונדען, דאן פאהרט איהר צוריק ביז ירושלים. איהר האט עטליכע מאהל צו בייטען דעם צוג און דורכנעהן א פאלעסטינער קאס־

טאָם אונטערזוכונג ביים אריבערגעהן דעם סועץ קאַנאַל, וואו אייער פּאַסאַרט ווערט בעשטעטיגט מיט דער העברעאישער וויזאַ. הרשאה לנסוע לפלשתינא א. י. (ערלויבניש אריינצופאהרען קיין פּאַלעסטינא ארץ ישראל).

אויפ׳ן באַהן קומט שוין ארויף א פּאַלעסטינער צאָהל בעאַמטער, שר המכס און אונטערזוכט אייער באַגאַזש, און איהר פאהרט ביז לוד, דאָס איז די דזשאַנקשאַן וואו אַלע באַהנען געהען דורך.

פון לוד קענט איהר נעהמען א צוג וואָס געהט קיין ירושלים, יפו, אדער חיפה, אָבער ווי שוין בעמערקט, איז דאָס בעסטע צום ערשטען אריינצופאהרען דירעקט קיין ירושלים.

אין ירושלים געפינען זיך גענוג האָטעלען און די צוויי אידישע זיינען דער „האָטעל אלענבי׳׳ און „צענטראל האָטעל׳׳ וואָס בעלאַנגט צו מר. אמדורסקי. דיעזער „האָטעל אמדורסקי׳׳ איז אַן עכט כשר׳ער האָטעל מיט אַלע לעצטע אימפּרואוומענטס, עלעקטרישע בעלייכטונג, וואַסער־לייטונג, באַטה א. אז. וו. די פּרייזען זיינען ארום 90פּיאַסטער א טאָג פאַר באָארד און רום (א פּיאַסטער איז עהנליך צו ארום 4½ סענט).

איהר קענט פון אלעקסאַנדריא טעלעגראַפירען צום „האָטעל אמדורסקי׳׳ פאַר רעזערווירען א רום און דאָן ועט מען אייך אַבוואַרטען אויפ׳ן באַהן־הויף. איך קען מיט זיכערהייט גאַראַנטירען די בעקוועמליכקייט און גוטע בעהאַנדלונג פון מר. אמדורסקי, וועלכער איז אויך דער גבאי פון דער שוהל חורבת ר׳ יהודא החסיד, און א זעהר אינטעליגענטער מאָדערנער איד.

געוועהנליך איז דער ערשטער בעזוך וויכטיג צום כותל המערבי, וויל ערשטענס איז דיעזער פּלאַץ זעהר איינגעקריצט אין די מחות פון אונזערע אידען. און צווייטענס איז עס טאַקי בלויז עטליכע געסלעך ווייט פון דיעזען האָטעל, וואָס געפינט זיך ביים שער יפו און אנטקעגען מגדל דוד.

די דריי וואכען קענען דעריבער פארבראכט ווערען ווי פאלגט.

1־טען טאג, פארמיטאג: א בעזוך ביים כותל המערבי און דעם מקום המקדש.

אבער אויסער דיזען בעזוך איז ווינשענסווערטה נאכ־אמאהל צו זיין ביים כותל פרייטאג אדער ערב יום טוב פאר נאכט אדער שבת און יום טוב צו שחרית.

נאכמיטאג: א שפאציער אין שטאדט, מגדל דוד, דאן די קברים פון מלכות בית דוד.

2־טען טאג, פארמיטאג: מערת צדקיהו, חצר המטרה, נחל קדרון און גיא בן־הנום.

נאכמיטאג: א שפאציער צו קבר רחל און בית לחם.

3־טען טאג, פארמיטאג: א בעזוך אין אייניגע שוהלען און ישיבות, „בצלאל" און ביבליאטהעק.

נאכמיטאג: מערת כלבא שבוע, הר צופים, פלאץ פון דער אידישער אוניווערזיטעט, און הר הזיתים וואו דער נציב וואהנט.

4־טען און 5־טען טאג: א רייזע קיין יריחו, צום ירדן און ים המלח.

6־טען טאג: א רייזע קיין חברון זעהן די מערת המכפלה און פיעלע אנדערע הייליגטהימער.

7־טען, 8־טען און 9־טען טאג: יפו און די אומגעגענד, מקוה ישראל, ראשון לציון, רחובות, נס ציונה, פתח תקוה און עין־גנים.

די אלע רייזעס קען מען מאכען מיט אן אויטאמאביל און ווען עטליכע פאהרען צוזאמען קאסט עס ניט זעהר טהייער, ווייל איהר קריגט אן אויטאמאביל פאר 5 ביז 7 פונט א טאג גוט פאר 4 אדער אפילו 5 פערזאן, און די וועגען זיינען זעהר גוטע און זעהר אינטערעסאנט.

10־טען טאג: אויפ'ן באהן אדער אויטאמאביל קיין זכרון יעקב.

11־טען און 12־טען טאג: א רייזע קיין חיפה בעזוכען די שטאדט און דעם הר הכרמל.

13־טען און 14־טען טאג: רייזע ביי באהן אדער אויטאמאביל,ביים כנרת קיין טבריה, בעזוכען די שטאדט, די בעוואוסטע חמי טבריה, קבר ר׳ מאיר בעל הנס און די אומגעגענד.

15־טען טאג: ראש פנה און צפת.

16־טען טאג: רייזע נאך דמשק.

17־טען און 18־טען טאג: דמשק.

19־טען טאג: בירות און דעם לבנון.

20־טען טאג: צוריק נאך ירושלים מיט׳ן באהן.

די רייזע בלויז אין דרום ארץ ישראל און דעם מיטעל פונקט.

פון 1־טען ביז׳ן 7־טען טאג: ירושלים ווי שוין פריהער אנגעצייגט.

8־טען טאג: קיין יפו מיט׳ן אויטאמאביל אדער באהן.

9־טען און 10־טען טאג: יפו און אומגעגענד ווי פריהער אנגעצייגט.

11־טען און 12־טען טאג: די קאלאניעס און מהאל ביז רוחמה.

13־טען ביז 15־טען טאג: עזה, באר שבע, חברון, ירושלים.

17־טען און 18־טען טאג: יריחו און ים המלח, דורך דעם גשר הירדן אנטקעגען יריחו און ווייטער קיין שכם.

19-טען טאג: שכם, א שפאציער אויפ'ן הר גריזים און הר עיבל.

20-טען טאג: פון שכם דורך שמרון און מרחביה קיין חיפה.

21-טען טאג: צוריק אויפ'ן באהן קיין ירושלים.

ס'איז ווינשענסווערטה אין די קלענערע שטעדט צו בעזארגען א האטעל מיט א טאג פריהער פאר'ן ארויספאהרען. אין יפו און תל אביב איז פארהאנען נענוג כשר'ע האטעלען. דער פרייז איז כמעט דער זעלבער ווי אין ירושלים, פון 80 פיאסטער ביז א פונט א טאג מיט באארד.

דאס צוריק פאהרען בעזארגט שוין דער האטעל קיפער די וויזא צו פערלאזען ארץ ישראל, און פאר דער באהן וואס געהט פון ירושלים ביז אלעקסאנדריא צום פארט, קריגט מען אויך אויפ'ן באהן א שלאף וואגאן, אויב עס ווערט בעשטעלט מיט עטליכע טעג בעפאר.

נאטירליך איז אימער גוט ארויס צו פאהרען פון ירושלים אדער יפו איז א מיטוואך אום צו קומען צו דער שיף וואס געהט געיועהנליך אב פון אלעקסאנדריא קיין טריעסט יעדען פרייטאג.

אין ירושלים אדער יפו געפינען זיך אפיסעס פאר פארקויפען שיפס קארטען און באהן בילעטען מיט שלאף וואגאנען.

דער אפיס פון קוק און קאמפאני איז באלד ביים אמדורסקי האטעל אין ירושלים, אבער עס זיינען אויך פאראן אידישע שיפס און רייזע קאמפאניעס.